STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09338

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

PROPIEDAD
DE LEON SIMAN.

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראַמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאַר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אַלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראַטור און לעבן
16) אין מיין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

פון פאַרלאַג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנגעטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

אַ זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האַנט ביי האַנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן אַ קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" [illegible] יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען [illegible] האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונזערע קלאַסיקער: דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פרץ און שלום־עליכם האָבן באַשריבן וועט מען שוין מיט קיין טאַנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה, וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פאַרלאַג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאַסיקער פאַר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פרץ, ווייל בעצם האָט פרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון אַ שריפה, וואָס האָט עס געוומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פרץ איז אַריין אין פייער אַריין פון השכלה און אַסימילאַציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע, מוזן זיין פון י. ל. פ ר ץ !

י. ל. פרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאקסימילן, געקליבענע פערזענלעכע בריוו און
ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש"
פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס 1944

פופצנטער באַנד

ליטעראַטור און לעבן

פארלאג „יידיש"
בוענאס איירעס
1 9 4 4

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. P E R E T Z

Obras Completas

TOMO XV

"LITERATUR UN LEBEN"

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"

Bmé. MITRE 2146 **BUENOS AIRES**

1 9 4 4

אינהאַלט פון פופצנטן באַנד:

זייט

באַמערקונג — — — — — — — — — — — — — — 9
דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער — — — — — 11
דאָס יידישע לעבן לויט יידישע פאָלקס-לידער — — 27
„אין פאָלק אריין" — — — — — — — — — — — 56
די גערע פרעסע — — — — — — — — — — — — 60

מיכל גאָרדאָן — — — — — — — — — — — — — 67
מענדעלע — — — — — — — — — — — — — — 72
שלום-עליכם — — — — — — — — — — — — — 74
אברהם רייזען — — — — — — — — — — — — 78
דוויד פינסקים („פאמיליע צבי") — — — — — — — 82
אַש — — — — — — — — — — — — — — — — 94

כאַסיע די יתומה — — — — — — — — — — — — 98
די לוריאָס — — — — — — — — — — — — — 105
צעזייט און צעשפרייט — — — — — — — — — 109
די מוטער — — — — — — — — — — — — — — 113
דוויד אין דער מידבר — — — — — — — — — 117
פון יידישן טעאַטער — — — — — — — — — — 120
אוי, דלות, דלות! — — — — — — — — — — 128
גאָרקים „אויפן לעצטן שטאַפּל — — — — — — 132

אין וואָס איז אייער הילף — — — — — — — — — 144
די פרויען-פראַגע — — — — — — — — — — 150
האָרץ, ספר לכל נפש ולכל בית ישראל — — — 155
דער וואַרשעווער יידישער קאַלענדאַר — — — — — 158

זייט

וועגן ישוב ארץ־ישראל — — — — — — — — — — 164
ערינערונגען אוים מיינער יוגענד — — — — — — — — 181
מ. מ. דאַליצקי „מבית ומחוץ" — — — — — — — — 184
אַנעקדאָטן־בוך — — — — — — — — — — — — — 185
דער יידישער האַנדלס־קאַלענדאַר — — — — — — — — 187
„אַרגענטינע" און איר רעצענזענט — — — — — — — — 190
דער יידישער פעלד־אַרבעטער — — — — — — — — 194
„ספר היהודי הנצחי" — — — — — — — — — — — 196
אַ וועלט מיט וועלטעלעך — — — — — — — — — 198
א. קאַטיקס עט א. ברעסלערס אויסגאַבן — — — — 202
ספר הברית — — — — — — — — — — — — — — 207
זשעראָמסקים „מענטשן אָן אַ היים" — — — — — — — 222
מאַריא קאָנאָפּניצקאַ: „מענדעל גדאַנסקי" — — — — 228
מאָושע יענקעלעוויץ — — — — — — — — — — — 236
„די שטים פון יידישן פאָלק" — — — — — — — — 242
וועגן דעם „בוך פון פייער" — — — — — — — — — 247

ד ר יי ר ע ד ע ס :

א. אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — 253
ב. וועגן דער יידישער ליטעראַטור — — — — 257
ג. אויף אַ פאַרוואַל־פאַרזאַמלונג — — — — — 263



דאָס שער-בלאַט צו די פאָלקס-לידער, וואָס י. ל. פרץ האָט געזאַמלט (פרצס כתב-יד). אונטן: די דערלויבעניש פון דער רוסישער צענזור, דאַטירט דעם 23-טן יולי 1896.

באַמערקונג צום פופצנטן באַנד

דאָס אַרטיקל „דאָס יידישע לעבן לויט די יידישע פאָלקס־לידער", וואָס איז געדרוקט אין אָט דעם באַנד, הייסט אין דער קלעצקין־אויסגאַבע „דאָס יידישע לעבן לויטן יידישן פאָלקס־ליד". אין זשורנאַל „יוד", ווו פּרץ האָט צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט די דאָזיקע אַרבעט אונטערן פּסעוודאָנים ב ן ת מ ר הייסט זי „דאָס יידישע לעבן לויט די יידישע פאָלקס־לידער". אין די מאַטעריאַלן, וואָס פּרצעס פרוי, העלענע, האָט איבערגעגעבן דעם „ייוואָ" געפינט זיך אַן אייגנהענטיקער כתב־יד פון י. ל. פּרץ וואָס הייסט „דאָס יידישע לעבן לויט די יידישע פאָלקס־לידער". האָבן מיר אָנגענומען ניט דעם נוסח פון דער קלעצקין־אויסגאַבע, נאָר פּרצעס אייגנהענטיקן נוסח.

אין דער קלעצקין־אויסגאַבע זענען אָפּגעדרוקט צוויי קאַפּיטלען פון אָט דער אַרבעט און אונטן איז אָנגעשריבן „ניט פאַרענדיקט". אין זשור־נאַל „יוד" איז אויך ניט געדרוקט געוועזן מער ווי צוויי קאַפּיטלען, אָבער אין די דערמאָנטע מאַטעריאַלן, וואָס העלענע פּרץ האָט איבערגעגעבן דעם „ייוואָ" זענען פאַראַן נאָך טיילן פון אָט דער אַרבעט אין צוויי נוסחאות.

ז. ר. (זלמן רייזען) האָט די ניט פאַרעפנטלעכטע טיילן אָפּגעדרוקט אין פּרץ־נומער פון „ייוואָ־בלעטער" (אויגוסט־אָקטאָבער 1937), האַלטן מיר פאַר אונדזער חוב צו געבן די דאָזיקע טיילן אויך אין אונדזער אויס־גאַבע און אויסמעקן דעם „ניט פאַרענדיקט". ז. ר. באַמערקט, אַז דער טייל, וואָס האָט אַ שטערנדל אַנשטאָט אַ טיטל, האָט געזאָלט ווערן אַ קאַ־פּיטל, וואָס זאָל הייסן „יענקעלע" און ער באַמערקט אויך, אַז פּרץ האָט נישט שטענדיק געגעבן די ציטאַטן פּינקטלעך און ס'איז נישט באַקאַנט, צי דאָס איז פון אַן אַנדער וואַריאַנט, וואָס ער האָט געקענט, צי זיינע אַ רעדאַקציע.

מיר גיבן דאָ אויך דריי רעדעס פון י. ל. פרץ; די ערשטע איז די רעדע, וואָס פרץ האָט געהאַלטן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפע־רענץ אין יאָר 1908 און וואָס איז געוואָרן ממש היסטאָריש. די צווייטע „וועגן דער יידישער ליטעראַטור" האָט פרץ געהאַלטן אין יולי 1910 אין דובעלנער קורהויז און זי איז אָפּגעדרוקט געווען אין זעלביקן יאָר אין ריגער טאָגבלאַט „די יידישע שטימע", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון בעל־מחשבות און די דריטע רעדע האָט פרץ געהאַלטן אין יאָר 1912 אויף אַ פּאָרוואַל־פאַרזאַמלונג אין וואַרשע און זי איז אָפּגע־דרוקט אין „היינט" פון 1־טן אָקטאָבער 1912. אַלע דריי רעדעס זענען אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פרץ שבעל־פה.

י. ב.

דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער

א.

צוויי וועגן האָט דער מענטש, וואָס גייט אוועק פון טעגלעכן לעבן, פון געשעפט, פון יאָגן זיך נאָך ברויט: דעם שפּאַציר־גאַנג און דעם טוריסטן־וועג.

אַנגענעם איז דער שפּאַציר־גאַנג: ביים ברעג פון זיס־און שטיל־רוישנדיקן טייך, אין שאָטן פון גלייך־אָפּגעשניטענע אַלייען, אויף בלומען־וויזן... געפערלעך איז אָפט דער טוריסטן־וועג. געטריבן פון אַ ברענענדיקער בענקשאַפט צו דער הויך זוכט דער טוריסט זיין וועג צווישן פעלדזן אויף די שפּיצן פון די העכסטע בערג, צווישן גלעטשער און אָפּגרונטן. „אומנוצלעך" איז דער טוריסטן־וועג. אויף די שפּיצן פון די הויכע בערג וואַקסט קיין ווייץ פאַר מענטשן, קיין האָבער פאַר פערד... און געפערלעך איז דער וועג: פון אָפּגרונטן קוקט, רופט און לאָקערט: שרעק, שגעון און טויט. ווי גליטשיק און שטייניק איז דער שמאָלער שטעג אונטער די פיס. אַזוי זאָגט דער מענטש, וואָס שפּאַצירט.

און טיילמאָל גייט איר אַרום אויף די הויכע בערג צווישן אַלטע, לאַנג־פאַרלאָזטע שלעסער, אָדלער־נעסטן און געפערלעכע אײדל־ווייס־פלעצער, און עס פאַלט צו דער אָוונט. אונטן, אין טאָל, צווישן די בערג, איז שוין נאַכט; אויבן בעט זיך ערשט אוים דער אָוונט אויף אַ פילפאַרביקן דיוואַן, פון די אָפּגלאַנצן פון דער אונטערגייענדיקער זון געוועבט. נאָר אָט, די פאַרבן לעשן זיך. שאָטן שלייכן זיך אַרוים פון שפּאַלטן, לעכער און אָפּגרונטן לייגן זיך אייך צו די פיס. און אונטן, די בערג צופוסנס, אין טאָל, צירט זיך אוים אַ לוסטיקע נאַכט. פלעמלעך פאַרשידנפאַרביקע וועקן זיך, צינדן זיך, ציטערן אויף... אילומינירט איז דער טאָל; טענער, וווּנדער־זיסע קלאַנגען וויגן צו אייך אַרויף, אויף די כוואַליעס פון דער קילער לופט: אַ פריילעכער יום־טוב גרייט זיך צו אין טאָל, און עס ווינקט

צו אייך דער טאָל, און רופט צו אייך מיט זיינע טויזנטער ליכטלעך, און לאַדט אייך איין מיט זיינע זיסע קלאַנגען; קום אַראָפּ, מענטש, פון די לערע בערג און נאַקעטע פעלדזן, פון די שרעק און פאַרצווייפלונג־אָטעמדיקע אָפּגרונטן, פון די אָדלער־נעסטן און שלעסער, ווו דאָס לעבן איז לאַנג פאַרהילכט, ווו הוילע גייסטער שוועבן... קום אַראָפּ צום טאָל און פריי דיך מיט אונדז אין אונדזער יום־טוב־נאַכט. און פון ליכט, זאַנג און קלאַנג געצוינגן, פאַרלאָזט איר די הויך, און לאָזט אייך אַראָפּ אין טאָל. וואָס נידעריקער — בריטער און זיכערער איז אייער וועג. עס קומען אייך ווײַן־געבויטע פלעצער אַנטקעגן און וואָס אַמאָל רוישנדיקער שוועבט אייך אַרום דער יום־טוב פון טאָל, און ראַשער קומט איר אַראָפּ: מוזיק, שפּאַצירער, יום־טובדיקע פּנימער און קליידער; אַ שטראַלנדיק־קלינגענדיקער יום־טוב... און עס פליסט אייך אַרום דאָס געפּליסטער פון שפּאַצירנדיקע פאַרליבטע, אין זיך פאַרזונקענע פּאָרן. און עס בלענדט אייך צו פאַרשידנ־פאַרביקייט פון די יום־טובדיקע קליידער. און איר מישט אייך אויס מיטן יומטובדיק שפּאַצירנדיקן עולם.... און פּלוצלינג, נאָך אַ צופעליק טיפערן בליק, בלייבט איר שטיין אַרומגעכאַפּט פון שרעק. אויף אַ קור־פּלאַץ האָט איר געטראָפן. אילומינירט זענען האָטעלן, קאַפעס און קאַפע־שאַנטאַנעס; אָפּערעטן־וואַלצער שפּילט די מוזיק; געאָרעמט שפּאַצירן פּאָרן מיט גלאַנ־צנדיקע אויגן, ראַש־באַוועגלעכע הערצער, ליבע פאַרציטערטע ליפּן. אָבער — קראַנקע! קרענקלעך ברענענדיקער אָטעם. צום טויט געצייכנטע מענער און פרויען שלינגען פאַרהונגערט די לעצטע מינוטן פון לעבן, טרינקען דורשטיק די לעצטע טראָפּן פון בעכער ביז צו די הייוון! און אינמיטן, אויב איר האָט אויגן און זעט, שפּאַצירט אַרום דער טויט, פון זיינע געצייכנטע אָפּפער נישט געזען, און שמייכלט.

און עס כאַפּט אָן אַ בענקשאַפט צוריק צו די הויכע בערג... אָבער צוגעפאַלן איז שוין די נאַכט און נישט זיכער איז דאָרטן דער וועג.

צוויי וועגן האָט דער מענטש, וואָס רייסט זיך אָפּ פון געשעפט, פון זאָרג אויף ברויט: דעם שפּאַציר־גאַנג און דעם טוריסטן־וועג, און אויף דעם לעצטן וויל איך אייך פירן...

איך וויל מיט אייך ריידן וועגן דיכטער, וועגן בוך און וועגן דעם לעזער — אויף די הויכע בערג. איך וויל אייך נישט פירן איבער פלעצער, ווו קראַנקע מענטשן לויפן נאָך זייער אייגענעם שאָטן, אָדער פאַנגען שאָטן פון זאַכן אָנשטאָט זאַכן, שאָטן פון לעבן אַנשטאָט לעבן... פון גע־צייכנטע פון טויט, פאַראורטיילטע אויף פאַרגעסנקייט גייען אַרום פון טיר

צו טיר און בעטלען זייער לוין, אָדער באָרגן זייער נאָך נישט פאַרדינט ליב. ווו דאָס אָפּגעקומענע פּראָפּעטן־אייניקל גראָבט אוים דעם קוים־פאַרזייטן זאָמען פון דער ערד ארוים און עסט אים פאַרהונגערט רוי און גרין. און — „וואָס באַליבט? — וואָס זאָל איך אייך זאָגן? וואָס זאָל איך אייך זינגען? וואָס זאָל איך אייך דערלאַנגען, עס זאָל אייך שמעקן? זאָל איך אייך זומער־פייגעלעך כאַפּן? מיט דעם גאָלדענעם שטויב אויף זייערע פליגעלעך די אויגן פאַרשיטן! ווילט איר טאַנצן? איך קען פּאָלקע, איך קען וואַלצער; אַלטער מאַן, אויסגעלאָשן איז דאָס פייער אין טרוקענעם לייב, וואָסעריק איז דיין אויג, ציטעריק — דיין בייניקע האַנט — איך וועל דיך אויף אַ סעקונדע לעבעדיק מאַכן, די לאַנג פאַרשטאָרבענע לוסט אויפוועקן... אַן אינדיטשקע דעם אַלטן מאַן; אַ סטעאַרין־ליכט דעם פאַרשעמטן מיידל... אַ ביוסט דעם באַנקירס ווייב, אַ פּאָרטרעט דער רייכער העסלעכקייט... העי, וואָס באַליבט?"

אַן אילומינאַציע אין טאָל: קליינע פלעמלעך, קליינע נשמהלעך... ברענען זיך אוים אין האָטעלס, קאַפע־שאַנטאַנס, אויף פּראָמענאַדן... און צווישן שפּאַצירער פון געצייכנטע צום טויט...

אויף די הויכע בערג וויל איך אייך פירן, צו די אַלע שלעסער, צו די אָדלער־נעסטן.

איך וויל מיט אייך ריידן פון דיכטער, וואָס האָבן זייער דיכטונג געלעבט, נישט געשריבן, און נישט אויפן מאַרק אַרויסגעטראָגן און פאַרקויפט; וואָס האָבן זייערע אידייען געפּרידיקט, נישט ווי פאַרטריקנטע בלומען צווישן בלעטער אַריינגעלייגט; איך וויל מיט אייך רעדן פון ביכער, וואָס מען האָט פון די דיכטער און אין נאָמען פון די דיכטער געשריבן, און פון לעזער, וואָס זיין נאָמען איז: פּאָלק.

פריי איז דער „קינסטלער", ער מעג מאָלן דעם אויפגאַנג, דעם אונ־טערגאַנג פון דער זון; ים, שטורעם און סטעפּ; נאָכיאָגן זומער־פייגעלעך, פונקען פון קוימען ביים שמיד; גאָלד־גלאַנצן פון אויגן אויף בלאַסע געזיכטער באַזינגען. נישט פריי איז דער דיכטער: זיין וועג איז דער טו־ריסטן־וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן פעלדזן און אָפּגרונטן, און אויף די הויך, ווו עס שפּילט זיך די הויכע מענטשלעכע טראַגעדיע, ווו צווישן שרעק, געפאַר און שגעון עס ווערן געוויגן די גרעסטע מענטשלעכע פּראָ־בלעמען: וואָס איז לעבן, וואָס איז טויט? ווער בין איך און וווהין פירט מיין וועג?

צום סיני, דעם באַרג, וויל איך אייך פירן, צו בודא אין אינדיאַנער

וואַלד, צו דער תּליה אויף „גאָלגאָטאַ”; און דאָס וועט זיין דער וועג אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיר וועלן די אַלטע קברים עפענען, די אַלטע ריזן וועקן און זיי פרעגן: וואָס איז לעבן, וואָס איז מענטש? און וועט אונדז זייער ענטפער נישט באַפרידיקן, וועלן מיר זיך צו דער צוקונפט ווענדן, און וואַרטן אויף דעם דיכטער, וואָס דאַרף ערשט קומען, זיין דיכטונג־לעבן דורכלעבן, און מיט זיין לעבנדיקער דיכטונג דעם אָפּגרונט באַשטראַלן, און אָן לעזער וועט שוין זיין — די וועלט.

דער דיכטער איז געווען פאַרן בוך; דאָס בוך האָט אויפגעגעסן דעם דיכטער. דער דיכטער האָט זיין דיכטונג געלעבט; נישט ער, נאָר זיין שי־לער און זיין פאָלק האָבן איבער אים ביכער געשריבן...

דער ווילדער שטאַם האָט אין זיינע עלטערן העלדן געזען; די גריכן — האַלבע געטער. און די אַלטע פרויען האָבן אָוונט־צייט ביים ברעג פון טייך, ביי דעם פלאַם פון זיך לעשנדיקן פייער אונטערן פרייען הימל, זייער געשיכטע דערציילט, זייער העלדן דיכטונג איבערגעגעבן. און דאָס זעלבע האָט געטון דער גריכישער קינסטלער אין קאָליזעאום פאַרן גריכישן פאָלק. זיי זענען קינסטלער געווען, ווי ווייט זיי האָבן דערציילט און אי־בערגעגעבן דאָס געשעענע; זיי זענען דיכטער געווען, ווי ווייט זיי האָבן די העלדן און האַלבע געטער באַשאַפן. דער קינסטלער איז דער נאָכ־מאַכער, צי מאַכט ער נאָך די נאַטור, די קעגנוואַרט אָדער די פאַרגאַנגענ־הייט. דער קינסטלער איז פריי, פאַרן ווערק און נאָכן ווערק איז ער נאָך מענטש, און צו דער אַרבעט מעג ער זיך ווילן דעם קעגנשטאַנד און גע־פינען אים וווּ ער וויל. דער דיכטער מוז דיכטער זיין. די דיכטונג מוז זיין לעבן. מיר זוכן דעם דיכטער, מיר זוכן שעפּפונג. און אויך זוכן מיר ביים דיכטער, נישט די פאַרגאַנגענהייט, באַשפּינען און גאָלד באַוועבט, מיר זוכן ביי אים דאָס נייע לעבן... דער דיכטער איז אייגנטלעך קינסטלער. נאָר דאָס ליים, דער מאַרמאָר, דער גראַניט איז ביי אים אין דער האַנט — דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבן! זיי ענדערט ער, זיי מאָדעלירט ער, זיי שאַפט ער איבער. אַזוינע דיכטער מוזן מיר זוכן אין דער פאַרגאַנגענהייט, איידער דאָס בוך איז באַשאַפן און סחורה געוואָרן; איידער דער לעזער האָט דאָס בוך געקאָנט קויפן, צו זיך אַהיימנעמען און דערגעצן זיך דערמיט, ווי מיט אַזוינס, וואָס איז קיין לעבן נישט, קיין ברויט און קיין פלייש נישט, נאָר אַ צעשטרייאונג אין לעבן, אַ צייט־פאַרטרייבעניש; אַ געשמאַק־זאַך, דאָס לעבן לייכטער צו פאַרדייען, די טראַגעדיע פון מענטשלעכן לעבן צו

פּאַרגעסן, דעם וואָרעם, וואָס פּיקט אין געהירן, איינצושלאָפן. מיר ווילן רעדן פון דיכטער, פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע און פון לעצטן אַקט אין דער טראַגעדיע: פון טויט אָדער אויסלייזונג. ווייניק וועט זיין די צאָל פון די דיכטער, קליין די סומע פון די ביכער; און אז איר וועט זיי ציילן אויף די פינגער, וועלן אייך אין איין האַנט איבעריקע פינגער בלייבן. נאָר די צאָל מוז פאַרגרעסערט ווערן, נאָך איין דיכטער מוז קומען, נאָך איין בוך מוז באַשאַפן ווערן, און דעם דיכטער פון לעצטן וואָרט מוזן געבן מ י ר... אַנדערע פעלקער האָבן די זון אונטער זיך, זיי גייען פון אוונט אין נאַכט אריין. די אַלטע רוימער און גריכן ווייסן פון א געוועזענער, געאַלדענער צייט, נאָך וועלכער עס איז געקומען די צייט פון קופּער און אייזן; די מאָדערנע זענען שוין אויסגעלייזט געוואָרן: נאָר אונדזער משיח איז נאָך נישט געקומען, נאָר ער דאַרף ערשט קומען און נישט נאָר פאַר זיין פאָלק אליין... געמישפּט און אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט; פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע מוז באַפרייט ווערן די וועלט.

ב.

די טראַגעדיע פון מענטשלעכן לעבן האָט אויפגענומען אין זיך קוהלת. דער העלד — שלומה, א קעניג אין ירושלים; זיין יוגנט — שיר השירים: דאָס ליד פון פרויען און ליבע. גאָלדענע יוגנט לעשט זיך און אין שאָטן פון קילן אוונט ווערט שלומה, דער קעניג פון ירושלים, קלוג און גיט עצות, ווי אזוי קלוג צו לעבן, רואיק צו לעבן. שפּעט פאַלט צו די נאַכט, די עלטער קומט אָן, און שטייענדיק אויף דער שוועל צווישן לעבן און נישט לעבן, צווישן זיין און נישט זיין, אָדער צווישן פאַרגענגלעכקייט און אייביקייט, וואַרפט ער א בליק צוריק אויפן איבערגעגאַנגענעם וועג און פרעגט: נאָכוואָס? גייענדיק איבערן לאַנגען וועג, האָט ער וואָס אַמאָל נייע פאַרלאַנגונגען געבוירן, אויפן וועג באַגראָבן און ווייטער געגאַנגען. פאַר זיך וואָס אַמאָל נייע צילן געזען, דערגרייכט און ווייטער געגאַנגען. און אזוי האָט ער אַלץ איבערגעלעבט און לעבט נאָך אַלץ, און ווייסט נישט נאָך וואָס. ער קאָן שוין מער נישט ליבן, עס שמעקט אים שוין נישט קיין וויין און קיין בוימאייל, עס לעכצט שוין נישט דער גומען, זיין אויג האָט שוין נישט וואָס צו זען, זיין אויער האָט שוין נישט וואָס צו הערן, און ער לעבט; און דאָס לעבן עקט זיך, און דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעקליבן און אָנגעזאַמלט, וועט ער איבערלאָזן און אוועקגיין. און געלעבט האָט ער, נישט ווייל ער האָט געוואָלט לעבן; און אוועקגיין וועט ער, נישט ווייל ער וויל

שטאַרבן; אויסער אים איז דער ווילן, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט און פירט אים ערגעץ אַוועק. עמעץ האָט אים אַריינגעגעבן אין האַרץ אַריין די וועלט און געהייסן אים זי פאַרלאַנגען. געהייסן זאַמלען, בויען, פאַרשע־נערן, פאַרגרעסערן. און נישט פאַר אים, נישט צוליב אים; ווייל ער גייט אַוועק און דאָס בלייבט פאַר אַנדערע, און ער וועט פאַרגעסן ווערן. און די אַנדערע, וואָס וועלן קומען נאָך אים, וועלן ווייטער גלוסטן, ווייטער פאַר־לאַנגען, ווייטער אַרבעטן, בויען, פאַרשענערן און פאַרגרעסערן און ווייטער אַוועקגיין. און די, וואָס וועלן קומען נאָך זיי, וועלן דאָס אַלץ באַנוצן און זיי וועלן אויך גיין און פאַרגעסן ווערן.

אַלץ אַרום איז אייביק: די זון גייט אויף, די זון גייט אונטער און שיינט צומאָרגנס ווייטער אויף; וואַסערן און טייכן פליסן צום ים און קו־מען צוריק. אַלץ וואָס איז געווען, וועט נאָכאַמאָל זיין, צוריק קומט דאָס אַוועקגייענדיקע. אייביק איז די ערד. נאָר ער איינער איז פאַרגענגלעך, ער איינער גייט אַוועק און קומט שוין מער נישט צוריק. און אַלץ האָט אים גענאַרט. שיין איז דאָס געהאַפטע, ווערטלאָז דאָס באַקומענע. שרעקלעך בלייבט דאָס לעבן אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק. ציל, צוועק און לאָגיק מוז זיין אין דעם אייביקן; אָבער דאָס ווייסט נאָר דער, וואָס רעגירט, דער מענטש ווייסט נישט, דער מענטש ווערט נאָר אויסגענוצט, דער מענטש ווערט נאָר גענאַרט! און אויף דער שוועל צווישן זיין און נישט זיין, ביים איבערגאַנג, נאָכן אַלץ איבערלעבן און פאַרן טויט, באַפאַלט אים די אומגעהויערע שרעק פאַרן אייביקן, פאַר דעם, וואָס רעגירט; פאַר דעם, וואָס האָט אויסגע־נוצט; פאַר דעם, וואָס האָט אים גענאַרט; פאַר דעם, וועלכן ער האָט, נישט ווילנדיק, געמוזט דינען, און שטענדיק געטון לויט זיין פאַרלאַנג, מיינענ־דיק, אַז דאָס איז זיין אייגענער. פאַרפאַלן! געהאָרכן איז דער מענטש, אַ קנעכט איז דער מענטש, אין שרעק פאַרן אייביקן לעבט דער מענטש! און דאָס איז דאָס לעצטע שרעקלעכע וואָרט פון דעם, וואָס האָט געלעבט פאַר זיך, וואָס האָט זיך מיטן אייגענעם לעבן נישט פאַרבונדן. וואָס האָט זיין ציל אויסער זיך נישט געהאַט, און האָט דעריבער זיין לעבנס־ציל איבער־געלעבט.

דאָס איז דער, וואָס האָט ווייבער געליבט און זיך קיין פאַמיליע נישט געבויט, און זעט אין דער פאַרטפלאַנצונג קיין אייביקייט נישט. ער גלויבט נישט אין גילגול: ער איז נישט זיין פאָטער; און זיין זון וועט נישט זיין ער. און שולמית איז געווען זיין געניוס, זיין עולם הזה, און נישט זיין ווייב און נישט די מוטער פון זיינע קינדער.

דאָס איז שלומה. דער קעניג פון ירושלים, דער רייכער קעניג, דער קלוגער קעניג: נישט אלכסנדר מוקדון, וואָס וויל איינעמען די וועלט און וועט זיין ציל קיינמאָל נישט דערגרייכן, וואָס וועט איבערלאָזן, נישט נאָר קרוין און סצעפטער, און אונטערגעוואָרפענע לענדער, נאָר אויך א צוואה, וואָס ווייטער צו טון; אלכסנדר מוקדון קאָן זיין ארבעט נישט ענדיקן... און דאָס איז אויך נישט דער שלומה, וואָס האָט געבעטן גאָט, נישט רייכטום און נישט פערזענלעך גליק, נאָר קלוגשאַפט און ערלעכקייט צו מישפטן דאָס פאָלק; אזוינע צילן ווערן נישט דערגרייכט, אזוינע צילן ווערן נישט איבערגעלעבט. מענטשן פון ווייטע צילן לעבן זיך נישט איבער און פרעגן נישט: נאָכוואָס? די מענטשן זענען פארבונדן מיט דער אייביקייט, פאַר־וועבט מיט דער אייביקער ארבעט און פרעגן קיינמאָל נישט: נאָכוואָס? שלומה אין קוהלת איז א טראגעדיע פון א לעבן פאַר זיך, פון איינצעלנעם מענטש. דער מוז זיך איבערלעבן און בלייבן שטיין אלס נעסט פון פאַר־לאַנגונגען־פייגל, וואָס האָבן זיך אין ווערעם פארביטן און גייען אוים מיט אים צוזאמען. דאָס איז די טראגעדיע פונעם לעבן פאַר זיך, דאָס לעבן איז קנעכטשאַפט...

און בין איך א קנעכט, ווער איך אָן מיין ווילן געבוירן, בין איך געצווּנגען צו לעבן. און מוז איך אוועקגיין, ווען מען הייסט, און אַלץ אי־בערלאָזן, — פארוואָס זאָל איך נאָך ליידן?

— ווייל דו זינדיקסט! — ענטפערט דער מאָראַליסט.

קוהלת'עם לעצט וואָרט: סוף דבר, את האלהים ירא ואת מיצוותיו שמור...

עס איז דאָ איבער דיר א האַר, וועלכן דו דינסט און וועלכער שטראָפט, אויב מען פאָלגט אים נישט.

אָבער איוב האָט געפאָלגט.

איוב האָט געפאָלגט און דאָך איז ער די שטראָף נישט אַנטרונען, ווייב און קינדער, שאָף און רינדער געהאט; א שטיל, ערלעך לעבן גע־פירט. און פלוצלינג איז דאָס לעבן צעשטערט געוואָרן, זיבן זין און דריי טעכטער, זיבעציק טויזנט שאָף, דרייסיק טויזנט קעמלען, פינף הונדערט פּאָר אָקסן, פינף הונדערט אייזלען און א ווירטשאַפט א גרוים — אזוי שטעלט פאָר דאָס גליק — דאָס בוך איוב —

און דער מענטש איז געווען גרעסער פון אַלע גרויסע. און געווען איז ער א שטילער מאַן, א פרומער מאַן, א גאָטספאָרכטיקער, וואָס האָט שלעכטס

געמיטן, און איינמאָל — די אָקסן האָבן געאַקערט, די אייזלען האָבן גע־פּאַשעט, איז אָנגעפאַלן שבֿאָ (אַ רויבער־באַנדע) און האָט דאָס אַלץ צו־גענומען און די יונגען געטויט. די בשורה ברענגט איובן איינער פון זיי, אַן איינאיינציקער אַנטלאָפענער. און איידער ער האָט געענדיקט זיינע רייד, איז אָנגעקומען אַ צווייטער און דערציילט: פון הימל איז אַראָפּגע־פאַלן אַ פייער און האָט פאַרברענט די שאָף און די פאַסטוכער. נאָר איך איינער בין אַנטרונען און קום דיר עס דערציילן. און אַ דריטער איז שוין דאָ. און האָט נאָך אַ שרעקלעכערע בשורה אין מויל: דיינע זין און דיינע טעכטער עסן און טרינקען וויין אין הויז פון זייער עלטערן ברודער... איז אָנגעלאָפן אַ גרויס פייער פון סטעפּ און האָט אָנגעכאַפּט דאָס הויז אין אַלע פיר עקן און האָט עס אומגעוואָרפן, און אַלע דערדריקט און געטויט, מיט דער דינערשאַפט צוזאַמען. איוב האָט אַלץ פאַרלוירן; אָרעם געוואָרן און דערצו נאָך קראַנק: פּלוצלינג איז ער פון קאָפּ ביז די פיס געפּלאָגט געוואָרן מיט אַ מיאוסן אויסזאַץ, און דער גרויסער באַרימטער פרומער איוב איז געוואָרן דער קלענסטער, דער אָרעמסטער, דער אומגליקלעכסטער...

פאַרוואָס ליידט איוב?

קוהלת איז די טראַגעדיע פון לעבן; איוב — פון ליידן אין לעבן.

פאַרוואָס ליידט מען?

דער מענטש פילט זיך באַוווסטזיניק, זעט אין זיינע טאַטן אַ צוועק־מעסיקייט, ער שטרעבט צו ערלעכקייט, צו מאָראַליטעט און קען נישט די אייגענע אייגנשאַפטן נישט צושרייבן דעם גאָט, וואָס האָט אים און די וועלט באַשאַפן, גאָט מוז זיין גערעכט. און האָט ער באַשאַפן פּיין און ליידן, מוזן זיי זיין גערעכט און פאַרדינט. ליידן און פּיין זענען נאָר מעגלעך אַלס שטראָף פאַר זינד. אַנדערש קאָן עס דער העברעער נישט פאַרשטיין. דער גריך זעט אין די דערשיינונגען פון לעבן געטער־שפּיל און געטער־שטרייט, דער פּערס האָט חורמוז און אחרימון: דער ערשטער איז דער גאָט פון ליכט, פון לעבן, פון גליק; דער צווייטער פון פינצטערקייט, טויט און ליידן, די וועלט איז די אַרענע פאַר דעם שטרייט צווישן די צוויי גע־טער, און דעריבער איז די וועלט געמישט פון ליכט און שאָטן, לעבן און טויט, גליק און ליידן, ליבע און האַס...

אַלע גרויסע געטער זענען אויסגעוואַקסן פון קליינע, און די קליינע פון נאָך קלענערע הויז־געצן; די הויז־געצן פון אָמולעטן, ווערט פון פאַ־מיליען אַ שטאַם, ווערט דער געץ פון גרויסן הויז, פון הויז, וואָס הערשט איבערן שטאַם, געגרויסט און געהויכט צום שטאַם־גאָט. אַנדערע בלייבן

הויז־געצן. און נעמען זיך שטאַמען צוזאַמען און בילדן אַ פאָלק; און מישן זיך פעלקער אויס אין אַ לאַנד, בלייבן די געטער פון גלייך־קרעפטיקע שטאַמען און פון גלייך־קרעפטיקע פעלקער גלייך־קרעפטיק; העכסטנס קריגט איינער די איבער־האַנט און עס קומט צו פיל־געטעריי.

די העברעער מישן זיך נישט, אליעזר מאַכט אַ ווייטע רייזע צו ברענגען יצחקן אַ ווייב פון אייגן פלייש און בלוט. אין מיצרים לעבן די העברעער אָפּגעזונדערט אין גושן; אין פאַלעסטינע דאַרפן פאַרניכטעט ווערן אַלע פרעמדע פעלקער, מען זאָל מיט זיי אין קיין באַרירונג נישט קומען, ביים בויען דעם צווייטן טעמפּל ווערן אַלע פון גלות געבראַכטע ווייבער און די מיט זיי געבוירענע קינדער פאַרטריבן. קליינע מישונגען פון פרעמד בלוט, פון אַ דלילה און יפת־תאַרס און דערגרייכן צופעליקייטן, זענען נישט וויכטיק: איינציקע טראָפּן פון פרעמד בלוט ווערן אַסימילירט. אין אַלגעמיינעם איז דער שטאַם ריין. עס איז קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב; איז עס אַ פאָלק, וואָס לעבט איינזאַם; אַ פאָלק פון ריין בלוט, מיט זיין איינאיינציקן גאָט, וואָס וואַקסט, פון אַ גאָט פון אַ הויז, שטאַם און פאָלק צום וועלט־גאָט. דאָ איז דער געטער־שטרייט אומעגלעך. פון איין גאָט קומט אַרויס דאָס גוטע, ווי דאָס בייזע, דאָס ליכט, ווי די פינצטער־ניש, נחת און יסורים, ליבע און האַס, לעבן און טויט. דער איינאיינציקער גאָט בענטשט און שילט; מוז ער בענטשן די גוטע און שעלטן די שלעכטע. דער אייגענער גאָט לייטזעליקט און שטראָפט; מוז ער לייטזעליקן די פרומע און שטראָפן די זינדיקע, דער אייגענער גאָט גיט לעבן און טויט, דאַרף ער געבן לעבן דעם גאָטספאָרכטיקן און טויט דעם ווידערשפּענס־טיקן, דער העברעאישער גאָט איז מאָראַליש, ער טרייבט פון גן־עדן אַרויס פאַר זינד, פאַר נישט פאָלגן זיין געבאָט, ער קערט איבער דעם טורעם און פאַרניכטעט די, וואָס האָבן געוואָלט אַריינרייסן זיך מיט קריג אין זיין הימל; און פאַרפלייצט מיט אַ מבול די וועלט, ווען זי איז איינגעזונקען אין זינד. זינדיק איז דער מענטש, אַזוי זינדיק, אַז גאַנץ אָפּט טוט גאָט באַנק, וואָס ער האָט די וועלט און דעם מענטש באַשאַפן, עס טוט אים באַנק, וואָס ער דאַרף און מוז שטראָפן; ער מוז, ווייל ער איז אַ גערעכ־טער גאָט, וואָלט געווען איין גערעכטער אין סדום, וואָלט ער סדום נישט איבערגעקערט. און נחן, דעם גערעכטיקסטן אין זיין צייט, לערנט ער אַ תיבה מאַכן, איבערצושווימען און איבערצולעבן דעם מבול. איך פאַרלאַנג נישט דעם זינדיקנס טויט, זאָגט אין זיין נאָמען יחזקאל, איך שטראָף אים. ער זאָל תשובה טון און לעבן בלייבן, און איז דער מענטש פון לעבן

צופרידן, האלט ער זיין עקזיסטענץ פאר לאגיש. זוכט ער אבער גערעכטי־קייט אין לעבן און געפינט נישט, זעט ער לײדן אַן זינד; פײן, וואָס ער קען נישט אַלס שטראָף באטראכטן, וועקט זיך אין אים אויף די טראגע־דיע פון איוב.

קוהלת איז די טראגעדיע פון לעבן, פון דעם, אימשטיינס געזאגט, גליקלעך לעבן. איוב — די טראגעדיע פון אומזיסטיקן, נישט צוועקמעסיקן צער אינעם לעבן. קוהלת האָט אויף דעם פּראָבלעם פון לעבן געענטפערט מיט אַ ווייסן1) שרעק פארן טויט, מיט ווארפן זיך פאר גאָט אויפן פנים: דער מענטש ווייסט נישט און מוז לעבן און מוז שטארבן, און כל־זמן ער לעבט — היטן גאָטס געבאָט, ווייל דאָס איז דער גאנצער מענטש, ווייל צו דעם איז ער באשאפן. נישט צו קיין בעסערע רעזולטאטן קומט איוב! אין וויכוח צווישן איובן און זיינע חברים, וואָס זוכן ביי אים זינד און געפינען נישט, וואָס ווילן רעכטפערטיקן די לײדן אויף שטראָף און קאָנען נישט, מישט זיך גאָטס שטימע אריין. גאָט אליין ענטפערט פון שטורעם ארויס, ער ענטפערט, נאָר זאָגן זאָגט ער גאָרנישט. גרויס איז ער און שטארק, און אייביק, און דער מענטש איז קעגן אים שטויב, און שטויב איז דער מענטש־לעכער פארשטאנד. ווער איז געווען, ווען ער האָט די וועלט באשאפן, די ערד אויסגעמאָסטן, דעם הימל אויסגעשפרייט, די שטערן ארייגעזעצט? און ווער שפּייזט דעם פויגל אונטערן הימל, און פארזאָרגט דאָס ווילדע טיר אין וואלד און אויפן פעלדז? מן־הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט. און ווייטער אויף דער קני געפאלן פארן גרויסן אומבאקאנטן, וואָס זיין גע־רעכטיקייט איז אונדז נישט צוגענגלעך, וואָס זיין קלוגהייט קאָן פון אונדז נישט פארשטאנען ווערן, ווארום עס קאָן זיין, אַז גאָט שטראָפט פאר אַזעלכע זינד, וואָס מיר ווייסן פון זיי נישט, עס קאָן אויך זיין, אַז גאָט פּרוּווט. און באשטייט דער מענטש די פּרוב, ווערט ער העכער אין זיין גענאָד. איוב באקומט צוריק טאָפּלט, אַלץ וואָס ער האָט געהאַט... אָבער דאָס פּראָבלעם פון לעבן און לײדן בלייבט אָפן.

ג.

צוויי בערג: דער בארג גריזים און דער בארג עיבל. אויף איין בארג ווערט געבענטשט, אויפן צווייטן — געשאָלטן.

און געבענטשט ווערט דער, וואָס היט גאָטס געבאָט און גייט אין

1) ווייכן? — רעד.

זיינע וועגן, און פאַרשאָלטן ווערט דער אַפּטריניקער, וואָס היט נישט גאָטס געבאָט, וואָס איז אים ווידערשפּענסטיק. די ברכה איז: געבענטשט זאָלסטו זיין אין שטאָט און געבענטשט אין פעלד. און געבענטשט זאָל זיין די פרוכט פון דיין פּי און דאָס אָפּוואַרפעניש פון דיינע רינדער און די סטאַדע פון דיינע שאָף. זאָל די ברכה אריין אין דיין מולטער און אין דיין קאָרב, און אין אַלעם, צו וואָס דו שטרעקסט אויס דיין האַנט...

דעם גוטן וועט גאָט געבן טוי פון הימל און פעטס פון דער ערד. אָבער איבערן קאָפּ פון אַפּטריניקן וועט זיין דער הימל קופּער. די ערד אונטער זיינע פיס אייזן. פאַרשאָלטן וועט ווערן די פרוכט פון זיין לייב און די פרוכט פון זיין פּי. פאַרשאָלטן וועט ער זיין אין שטאָט און אין פעלד...

אַ פעלד וועט ער בויען און אַן אַנדערער וועט צונעמען דעם שניט; אַ וויינגאָרטן וועט ער פלאַנצן — אַ פרעמדער וועט טרינקען דעם וויין. אים אין די אויגן וועט מען קוילען זיין אָקס און ער וועט פון זיין פלייש נישט עסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי די ברכה, אזוי די קללה ווערן מקוים אויף דער ערד.

אַ געשלעכט קומט, אַ געשלעכט גייט — אייביק שטייט די ערד. און זויל דער מענטש זיך אין דער אייביקייט באַהעפטן, מוז ער זיך באַהעפטן צו דער ערד. פון שטויב פון דער ערד קומט ער, צום שטויב פון דער ערד גייט ער צוריק, און בויט ער אַ טורעם און שפּאַרט זיך אין הימל אריין, ווערן די שפּראַכן צעמישט און די בויער צעשטרייט און צעזייט איבער דער ערד.

אין דעם פאַרפילן די ערד באַשטייט די אויפגאַבע פון מענטש און נאָר אין דער פאָרטפלאַנצונג, אין שטענדיק ניי־געבוירן, אין קינדער און קינדס־קינדער באַשטייט זיין אייביקייט.

איז דעריבער די הערשאַפט איבער אַ לאַנד דאָס גרעסטע גליק; קינדער און קינדס־קינדער, די האָפענונג אויף שטאַמען און פעלקער — דער שענסטער חלום פון דער אייביקייט.

פאַרוואָגלט צו זיין איז די גרעסטע שטראָף; נע־ונד איז קין, דער מערדער פון זיין איינציקן ברודער.

און די גרעסטע שטראָף איז כרת ועריריי — אָפּגעשניטן צו ווערן פון אייביקן לעבן; דורכגיין די וועלט, ווי אַ שאָטן און פאַרשווונדן ווערן. און די גרויסע טראַגעדיע אין דער פאַמיליע איז קינדערלאָזיקייט. און די האָרין, וואָס גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט, גיט איבער דעם האַר, דעם

פּאַטריאַרך, די דינסט, די פאַמיליע זאָל נישט אויסגעמעקט ווערן אויסן בוך פון לעבן. און ווערט די דינסט געבענטשט און דאַרף געווינען, נעמט זי די האַרין אויף איר שויס. פילייכט וועט זי געבויט ווערן פון איר.

ד.

און אויף עיבל, ווי אויף גריזים, ווערט גערעדט נישט צום איינצעל־נעם מענטש, נאָר צום פאָלק. געבענטשט און געשאָלטן ווערט דאָס פאָלק. דער איינצעלנער מענטש, ווען ער ווערט געפּלאָגט מיט איובס קרענק, מיט אַן אומהיילבאַרן אויססאַץ, ווערט אַרויסגעטריבן מחוץ למחנה... זאָל זיין גאָטס שטראָף, זאָל זיין אַ פּרווו פון גאָט, דאָס איז זיין זאַך. די פּעטע ערד, מיטן טוי פון הימל, מיט רעגן צו דער צייט. די ערד, וואָס גאָטס אויג איז אויף איר געווענדט פון אָנהויב יאָר ביז ענדע יאָר, איז פאַרשפּראָכן דעם פאָלק...

די ערד ווערט צעטיילט צווישן שטאַמען, און די שטאַמען — צווישן פאַמיליען, די פאַמיליען הערשן איבער די הייזער. די עלטסטע איבערן שטאַם, איבער אַלע שטאַמען — איין גאָט!

און ווען אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע שטאַרבן און נישט איבערלאָזן קיין מענלעכן זאָמען, וועט זיך משה שטעלן פאַר גאָט און מיען זיך פאַר אים, זיין נאָמען זאָל נישט פאַרהילכט און פאַרגעסן ווערן, און זיין נחלה וועלן זיינע טעכטער באַקומען, און די בנות צלפחד וועלן האָבן אַ פּרשה אין דער תורה. און שטאַרבט ווער א י נ ג א נ צ ן אָן קינדער, גאָר אָן לעבעדיקן זאָמען, זאָל זיין ברודער זיך מיט דער אַלמנה באַהעפטן און לעבעדיק מאַכן דעם זאָמען, דעם געשטאָרבענעמס נאָמען זאָל בלייבן אויף זיין נחלה און זאָל ווייטער קלינגען אין דער אייביקייט.

אַ מענטש לעבט פאַרן פאָלק, פאַר קינדער און קינדס־קינדער. דאָס איז דאָס אייביקע לעבן פאַרן מענטש: די פאַמיליע, דער שטאַם, דאָס פאָלק, — קאָנען אייביק לעבן א ו י ף ד ע ר ע ר ד...

און משה, וואָס האָט אין גאָטס נאָמען אַרויסגעצויגן דאָס פאָלק פון מצרים, באַפרייט פון קנעכטשאַפט, פירט עס איבערן סטעפּ צום גע־בענטשטן לאַנד, און חלומט פאַר אים אַ גן־עדן אויף דער ערד, אינעם געבענטשטן לאַנד.

עס וועט זיין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט האָניק און מילך.

אַרבעטן מוז דער מענטש, נאָר די אַרבעט זאָל אים קיין פלוך נישט זיין. שבתים און ימים־טובים צו רוען, פאַרן האַר, פאַר זיין הויזגעזינט,

פאַר זיין דינערשאַפט, פאַר זיין פי און פאַר זיין ערד... די ערד האָט נאָך איר שמיטה, דאָס זיבעטע פרייע יאָר.

און יעדער אַרבעט פאַר זיך. די ערד ווערט צווישן אַלע פאַרטיילט, אַז קיינער קאָן נישט פאַרלירן זיין ערד, גאָטס איז די ערד, גאָט שטעלט די גרענעצן צווישן פעלקער, דאָס רעכטע לאַנד האָט ער פאַרזאָרגט זיין אויסדערוויילטן פאָלק, און גאָטס ערד קאָן איינער דעם צווייטן אויף אייביק נישט אָפּטרעטן: יובל גייט די נחלה צו איר באַלעבאָס, וואָס האָט זי על־פּי גורל פון גאָטס האַנט באַקומען.

און אַ פריי פאָלק זאָל עס זיין. דער אַליינהערשער איז גאָט. דאָס געזעץ איז פון גאָט. צווישן פאָלק און גאָט שטייט שבט לוי, דער לוי באַדינט דעם כהן, און דער כהן באַדינט גאָט אינעם טעמפּל און לייגט אויס דעם פאָלק דאָס געזעץ, און לערנט אים און ענטפערט זיינע פראַגן און איז מקריב זיינע קרבנות און בעט פאַר אים און איז אים מוחל די זינד אין גאָטס נאָמען, אויב די זינד איז נאָר קעגן גאָט. איז געקירצט געוואָרן אַ מענטש, מוז פריער אָפּגעגעבן ווערן דאָס גערויבטע, דאָס אויסגענאַרטע, מוז דער, וואָס האָט געליטן, פאַרגיטיקט ווערן און דערנאָך ערשט וועט גאָט שענקען די זינד. דער שטאַט, וואָס שטייט צווישן פאָלק און צווישן גאָט, האָט פאַר דאָס קיין רעכט אויף אייגנטום, קיין פעלד און אַקער.

דעם אַרבעטער געהערט די ערד, די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע וועט, ווי אין עגיפּטן, דאָס פאָלק פון אייגנטום נישט באַרויבן... און קיין הערשער, קיין קעניג מיט זיין הויף — נישט פאַרקנעכטן.

דער הערשער איז גאָט... און עס וועט נישט זיין קיין אָפּגרונט צווישן אָרעם און רייך: יובל — די נחלה קומט צוריק. שמיטה — אַלע שייערן זענען אָפן פאַר אַלע, און איבער דער גאַנצער צייט — לקט שכחה ופאה. און מעשר עני. און פאַלט ווער, און מוז זיין אַרבעט פאַרקויפן, נאָר זעקס יאָר דינט ער. פריי; אויס קנעכט.

און אַלע זענען גלייך, אַלע זענען ברידער...

די היימישע פעלקער, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט פאַר גאָט, ווערן פאַרטריבן, עמלק דער ערגסטער, — אויסגעמעקט. איין גאָט, איין געזעץ, איין פאָלק און איין לאַנד. און דער פרעמדער וועט אויך געניסן פון דער פרייהייט און פון ברידערשאַפט. האָב ליב דיין חבר, ווי דיך אַליין, און האָב ליב דעם פרעמדן. געדענק, אַז אַ פרעמדער ביסטו אין מצרים געווען. איין געזעץ פאַר אַלע. אויסער דער קרבן פּסח. אין דעם קאָן דער פרעמדער קיין טייל נישט נעמען, ער איז פון מצרים נישט אויסגעלייזט געוואָרן.

און דו וועסט נישט רויבן, נישט טויטן, נישט גנאַרן, און קיין נוקם ונוטר נישט זיין. און ווערט דיין ברודער אָרעם, שטיץ אים. און פאַרבלאָנדזשעט דיין פריינדס אייזל, פיר עס אים אָפּ. און זיי באַרמהאַרציק קעגן אַלמנות און יתומים. איך בין דער גאָט פון אַלמנות און יתומים, זאָגט גאָט. און אָפּגעזונדערט זאָלסטו זיין און הייליק, דען אָפּגעזונדערט און הייליק איז דיין גאָט...

ערד — נאָר גערעכטיקייט, הייליקייט און ברידערשאַפט אויף דער ערד. אַראָפּגענומען דעם פלוך פון דער אַרבעט, פאַרקלענערט ביז גאָר די ליידן, פאַרהייליקט און מיט ליבשאַפט באַשטראַלט דאָס לעבן.

א גן־עדן אויף דער ערד.

אַזוי האָט משה געחלומט פאַר זיין פאָלק דעם חלום פון א גן־עדן אויף דער ערד...

ער האָט די ערד נישט געזען.

פערציק יאָר האָט ער געפירט זיין פאָלק אין סטעפּ, עס זאָל אויסשטאַרבן דאָס קנעכטישע געשלעכט, וואָס האָט געדינט מצרים, א פריי פאָלק וועט ער אריינפירן אין לאַנד — אָבער אויך ער אַליין האָט גאָר פון וויטנס דאָס לאַנד מיט די קערפּלעכע, ווי ער האָט דעם חלום מיט די גייסטיקע אויגן געזען...

נישט דער גאַנצער חלום איז מקוים געוואָרן, אין דער טייל — אויך נישט אויף לאַנג...

נישט אויסגעמעקט איז געוואָרן עמלק, נישט פאַרטריבן אַלע זיבן אומות, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד, נישט אָפּגעזונדערט איז געבליבן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק.

און נישט גאָט אַליין איז דער הערשער געווען, און נישט לאַנג איז דער כוהן געשטאַנען צווישן אים און זיין פאָלק.

נישט אַלע האָבן ערד באַקומען...

און אַן אייביקער קריג איז געשטאַנען מיט פּלישתים און אַנדערע פעלקער אין לאַנד.

און דאָס פאָלק האָט א קעניג פאַרלאַנגט, וואָס זאָל פירן זיינע מילחמות... און צוזאַמען מיטן קעניג האָט זיך באַוויזן דער הויף, די קרינגסהערן, דער ברודער־קריג און מיט זיי אַלע סאָציאַלע ליידן: אָרעמקייט, קנעכטשאַפט, הונגער און נויט.

און איבערגערוקט זענען געוואָרן די גרענעצן צווישן אייגנטום און

איינגנטום און פאַרשלונגען האָט דאָס גרויסע איינגנטום — דאָס קלענערע. און פאַרשוווּנדן זענען געוואָרן פאַמיליען פון זייערע ערד און פרעסיק און זויפיק איז געוואָרן דער כוהן. אין טעמפּל רייסט זיך אַריין דער הענדלער, דאָס הייליקטום ווערט פאַרשוועכט, די אייניקונג צעריסן, דער בונד צווישן גאָט און פאָלק פּלאַצט און בלוט און שאַנד פאַרדעקט די ערד.

און אַרום וואַקסן פעלקער אויף דער שווערט, דאָס קליינע לאַנד ווערט אַ בלוטיקער וועג צווישן קריגערישע אַרמייען פון פרעמדע פעלקער און דערנאָך די אַרגנע פאַר זייערע שלאַכטן, און פאַרטריבן ווערט דאָס פאָלק, פון גן־עדן פאַרוואָגלט —

נישט נאָר מענטשן, — אויך פעלקער קענען פאַר זיך אַליין נישט לעבן... אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט.

און איז גערעכטיקייט די אויסלייזונג פון שמערץ און פּיין, מוז די גערעכטיקייט הערשן איבער די וועלט, און אויפן אָרט פון ווייבערישן קע־ניג און פרעסיקן כוהן באַקומט די הערשאַפט איבער די געמיטער דער נביא, וואָס פרעדיקט פאַר דער וועלט, וואָס רעדט אינעם נאָמען פון גאָט און זיין גערעכטיקייט צו דער וועלט. דער אַמולעט, וואָס איז אַמאָל געוואָרן דער פאַמיליען גאָט, דער גאָט פון אברהם, איז דערנאָך געשטיגן צו דער הויך פון אַ פאָלקס־גאָט, וואָס האָט געמאַכט דעם אומגעהויערן שריט פון אלהי אברהם, יצחק ויעקב צו אלהי ישראל, וועט באַלד זיין איינענעם נאָמען, וואָס טיילט אים אָפּ פון אַנדערע געטער ביי אַנדערע פעלקער און אַנדערע לענדער, פאַרלירן, דער נאָמען וועט פאַרוועלט ווערן, אַז ער זאָל איבער קיין ליפּן נישט קומען, ווייל ער ווערט געהויכט און געקרוינט צום וועלט־גאָט, וואָס ער דאַרף קיין נאָמען נישט, — ווייל ער איז דער איינציקער און נישט איבער איין לאַנד רעגירט ער, און נישט פאַר איין פאָלק איז גילטיק זיין געזעץ, און נישט צו איין שטאַם רעדט אין זיין נאָמען דער פּראָפעט. און ווייל דער פּראָפעט צו גנוה נישט גיין, דאָס פרעמדע פאָלק נישט וואָרענען פאַר דער שטראָף, אַנטלויפט ער פאַר גאָט אויף אַ שיף, יאָגט אים נאָך גאָטס צאָרן, וויל די שיף אונטערגיין, וואַרפט מען דעם פּראָפעט אין וואַסער אַריין, שלינגט אים איין דער פיש.

אַלע, וואָס רופן אין גאָטס נאָמען זענען אויסדערוויילט — זאָגט דער פּראָפעט. — אויסדערוויילט איז דאָס פאָלק נאָר צו קינדיקן גאָטס וואָרט דער וועלט, אויסדערוויילט איז ציון, כדי פון דאָרט זאָל אַרויסגיין דאָס געזעץ פאַר דער וועלט, פון ירושלים זאָל אַרויסגיין גאָטס וואָרט צו דער וועלט.

און ווערט דאָס פאָלק צעשפּרייט און צעזייט און ליידט אין גלות, גייט די שכינה מיט אים מיט און ליידט מיט אים אין גלות צוזאמען, צו קליין וועט זיין כנען פאַר גאָטס קינדער, אָבער דאָס לאַנד וועט זיך צעשפּרייטן איבער אַלע לענדער!

און איז גאָט דער גאָט פון דער וועלט און ווערט זיין פאָלק א צע־שפּרייט פאָלק איבער דער וועלט, מוז קומען דער אויסלייזער פאַר דער וועלט, מוז קומען אַ משיח פאַר דער גאַנצער וועלט.

דאָ הערשט שוין אויף דער חלום פון דער ערד. דער פלוך און דער רעגן פון דער ערד... מיר שפּאַרן זיך אין הימל אַריין...

עס הייבט זיך אָן א חלום פון אייביקן לעבן: גן־עדן, תחית־המתים...

.1910

דאָס יידישע לעבן לויט די יידישע פֿאָלקס־לידער

א

ביים וויגל

אז אפֿלאַנג פֿון [illegible] דורות:
וואָס [illegible] פֿון א יידיש קינד? א ייד א למדן?
די [illegible] משטיינס געזאָגט, וואָס מען
קאָן אויס[illegible] מען לעבן [illegible] אינגאנצן זיבעציק יאָר!
איין גליק איז [illegible] מלאכה לגמור" — ביסט גאָר־
נישט מחויב אויסצו[illegible] תורה, דו דאַרפֿסט נאָר זיצן
און לערנען... הייב נאָר [illegible]־בית, און ענדיק מיט ווידוי...

שלאָף יינגעלע —
אונטער דיין וויגעלע
שטייט א גאָלדן ציגעלע.
ס'ציגעלע איז געפֿאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען...

אזוי זינגט די בלאַסע מוטער, נישט לאנג פֿון קינד־בעט אראָפּ.
און וואָס פֿאַר א נחת וויל זי אָן קינד דערלעבן? זי וויל נאָר —

דאָס קינד זאָל לערנען תורה;
וואָרום — „תורה איז די בעסטע סחורה..."

אויף טייל ערטער זאָגט מען דעם יינגעלע, א חוץ ראָזשינקעס מיט מאנדלען אויך „פֿייגן" צו, אבי ער זאָל זיין שטיל, וויל:

„דער טאַטע האָט געהייסן שווייגן!..."

אויף טייל ערטער איז מען, אָנשטאָט פֿייגן, יוצא מיט „פּלעצלעך

מיט פּוטער", אפילו „מיט ברויט מיט פּוטער"... דער שענסטער חלום פאַר אָרעמע לייט...

אויף אנדערע ערטער פאַרלאַנגט מען פון קינד אביסל מער, ווי „זיצן און לערנען"... עפּעס גרויס זאָל דערפון ארויסוואַקסן:

„תורה וועסטו לערנען,
ספרים וועסטו שרייבן:
א גוטער ייד, א פרומער,
מיט גאָטס הילף וועסטו בלייבן.

און באַלד יינגערהייט זאָל ער זיך שוין ווייזן גרויס:

תורה וועסטו לערנען,
זיין מיט אַלע מעלות;
און נאָך פאַר דער חתונה
וועסטו פּסקנען שאלות".

נאָר דאָס איז שוין פאַר אויסגעוויילטע קינדער, וואָס ווערן רייך דער־צויגן; אזוינע פּסקנען שאלות, זאָגן אויך דרשות... און

„די דרשה וועט געפעלן
דער גאַנצער וועלט...
ווייל אזא יינגעלע
קאָסט א מאַסע געלט
און מזל, און ברכה;
דאָס קינד קומט ארויס
פון א שיינער מישפּחה...

ער וועט דאָך די מישפּחה נישט פאַרשעמען!

דער חוב מדריך צו זיין דאָס יינגעלע צו דער תורה פאַלט אויפן פאַ־טער, און ווי איז אזוינעם, וואָס האָט עס נישט געטון:

„דער טאַטע, וואָס האָט זיין קינד נישט געלערנט,
וואָס גאָט האָט געבאָטן,
טוט מען אים דאָרט אויף יענער וועלט
ברענען און בראָטן!"

איז דער טאַטע נישטאָ, דאַרף עס טון די מוטער; און טוט זי עס, איז עס א מעלה פאַרן פאַרשטאָרבענעם פאָטער אויך...

ביים יתומס וויג זיצט זיין מוטער, די אלמנה, און זינגט:

„זע, מיין קינד, צו לערנען תורה,
זאָלסט זיך מיען;

דעם טאַטן דיינעם פון גיהנום
אַרויסצוציען..."

אין דעם זכות פון קינדס תורה באַקומט אויך די מוטער דעם ליכ־טיקן גן־עדן.

די אלמנה זינגט ווייטער:

„און אַז איך וועל אויך אַמאָל דאַרפן אויף יענער וועלט גיין,
וועלן די טויערן פון גן־עדן פאַר מיר אָפן שטיין.
דו, מיין קינד, זאָלסט זיין
אַ פרומער און אַ גוטער;
מ'זאָל רופן דאָרט: אַריין
זאָל דעם צדיקס מוטער!..."

וויניקער פאַרלאַנגט מען פון אַ „שעשני כרצונו".

אַ מיידל איז געבוירן געוואָרן, אַ קלענערער מזל־טוב, אַ קלענערער נחת...

תורה וועט זי נישט לערנען, דריי מיצוות אינגאַנצן וועט זי האָבן, העכסטנס וועט זי קענען דאַווענען, לייענען תחינות, „צאינה וראינה" מיט „מנורת המאור" אויף עברי־טייטש. זי מוז יוצא זיין דערמיט, וואָס איר מאַן וועט זיצן לערנען... און אויב זי וועט אים מפרנס זיין אויף דער וועלט, וועט זי די זכיה האָבן צו זיין זיין פיס־בענקעלע אויף יענער וועלט.

די מוטער אירע זינגט דעריבער:

„אונטער שרהלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע" —

אונטער יינגלס וויגעלע שטייט אַ גאָלדן ציגעלע, זי מוז יוצא זיין מיט אַ קלאָר־ווייס. דאָס ציגעלע איז אויך „געפאָרן האַנדלען — ראָזשינ־קעלעך מיט מאַנדלען; דאָס איז די בעסטע סחורה", — און דער גראַם איז, אַז — שרהלעס חתן וועט לערנען תורה..." נישט זי!

פאַר שרהלען האָט מען נאָך אַפילו קיין עקסטרע לידל נישט גע־מאַכט; פון „יענקעלען" האָט מען איבערגעמאַכט אויף „שרהלען"; זי וועט אויך לעבן אויף זיין נוסח, און אין זיין זכות!

ערשט אין שפּעטערע צייטן זינגט די מאַמע:

„דו וועסט לייענען ביכעלעך,
דו וועסט שטריקן טיכעלעך.."

נאר דאס איז שוין די צייט, ווען —
„אין זאל
וועט זיין א באל"
און שרהלע וועט מאכן „מיט די קליידעלעך א ווינט!..."

דאס אלץ וועט זיין שפעטער; דערווייל מוזן קינדערלעך שלאפן.

פון שלאף קומט צו געזונט, עס דערפרישן זיך די כוחות; אז מען שלאפט, „שטייט מען אויף ווידער — מיט געזונטע גלידער!" —

„איי־ליו־ליו, ליו־ליו,
שלאף שוין, מיין גדולה;
מאך שוין צו דיינע
אייגעלעך, די פיינע, —
מאך זיי צו און מאך זיי אויף,
און שטיי געזונט און פריש מיר אויף!"

אדער:

מאך די כשרע אייגעלעך צו,
„שלאף שוין, שלאף אין דיין רו,
מאך זיי צו, מאך זיי אפן,
ווער געזונטערהייט אנטשלאפן!"

אפילו די צדקנית, וואס וויל, מען זאל איר, אין זכות פון זונס תורה, עפענען די טויערן פון גן־עדן, בעט זיך:

„שלאף, מיין קינד, שלאף, מיין קינד, —
זאלסט מיר רוען, זיי געזונט!

און וואס מען זאגט אלץ נישט צו דעם קינד, עס זאל נאר רואיק שלאפן!

„שלאף, שלאף, שלאף!
דער טאטע וועט ברענגען אן עוף...
ער וועט ברענגען אן עפעלע,
זאל זיין געזונט דיין קעפעלע!"

און נאך א סך זאכן וועט דער טאטע ברענגען:

— א ניסעלע (ערגעץ אנדערש — א שיסעלע), עס זאל געזונט זיין דאס פיסעלע. אן ענטעלע, עס זאל געזונט זיין דאס הענטעלע, א יאכעלע — א רפואה פארן בייכעלע, פייגעלעך (אדער: בייגעלעך) — געזונט זאלן זיין די אייגעלעך, אפילו „א העזעלע פארן נעזעלע"...

אויב דאָס קינד וויל נישט שלאָפן, קומט עס זיכער פון אַן עין־הרע:

„איך זאָל וויסן, ווער עס קומט אַהער
אַן עין־הרע געבן;
(וואָלט איך געשאָלטן:)
אַראָפּ פון דיין גוף,
אויף יענעם אַרויף
אויפן גאַנצן לעבן!"

אַ פאַרשלאָפענע מאַמע זינגט:

„וואָס איז פאַר אַ שטייגער,
צוועלפן דער זייגער,
און שלאָפסט נאָך נישט איין!
קיין אַנדערע סברא,
עס איז אַן עין־הרע,
ס'קאָן אַנדערש נישט זיין!
ווען ס'וואָלט נישט זיין שפּעט,
וואָלט איך אַראָפּ פון בעט,
און וואָלט אַן עין־הרע אָפּשפּרעכן..."

און שלאָפן דאַרף מען שטיל, ליגן רואיק, ביפרט אַ מיידל, אַ צנועה:

„וואָס וואַרפסט דיך אַרום?
וואָס ליגסטו קרום?
פאָלג מיך, ליג בעסער גראָד!
דו מעגסט מיר גלויבן,
מען וועט דיך לויבן:
אַ שיינע, אַן ערלעכע מאַד (מויד),
וואָרום וויינען איז גאָר קיין יושר נישט:
פּיעשטשעסט זיך און וויינסט,
און שלאָפן ווילסטו נישט;
מאַכסט דאָך אַן דיין מוטער
שמערצן מיט דערמיט!
זינגען נאָר און וויגן,
איז דיין גאַנצער גרונט!
שלאָף שוין, שלאָף שוין, קינד
שלאָף שוין, שלאָף געזונט!"

און, אויב דאָס קינד לאָזט זיך נישט איינעמען מיט גוטע רייד, מאַכט מען עס אַ מורא. דעם יינגל, וואָס וועט וויסן אַמאָל, ווייניקסטנס ל״ג בעומר בלי־זיין, זאָגט מען:

„די באָבעס מיט די דזשאַדעס
טוען אין דרויסן זיצן;
מיט די ברייטע שווערדן,
מיט די לאַנגע שפּיצן?
אַ ייִנגעלע, וואָס מ׳האָט
ווייִנענדיק געפונען,
האָבן זיי געכאַפּט,
געוואָרפן אין דעם ברונען!״

דאָס מיידעלע איז יוצא מיט חיות רעות:

„פּראָשן און בערן
טוען אין דרויסן זיצן;
מיט די הויכע שטעקן,
מיט די לאַנגע שפּיצן!
אַ מיידעלע, וואָס וויינט,
וויל נישט רואיק זיין;
נעמט מען און מען כאַפּט
אין טאָרבעלע אַריין!״

נאַטירלעך, אויב מען פּאַרטוישט דעם נוסח, איז אויך חלילה, נישט קיין געפאַר!

און פאַרוואָס זאָל אַ קינד נישט שלאָפן?

אַן עלטערער מענטש האָט אַמאָל עפּעס אויפן האַרץ, וואָס לאָזט נישט שלאָפן. אָפט האָט מען פּחד איינצושלאָפן: אַז מען שלאָפט איין, פליט אַרויף די נשמה אין הימל אַריין.

„און שרייבט די עברות איין אין די ביכער!
אָבער דו, מיין קינד,
דו האָסט נאָך נישט קיין זינד,
קאָנסטו שלאָפן רואיק און זיכער!

און, „אַז דאָס קינד ליגט און שלאָפט אין וויגל, קומען גוטע מלאכים און באַדעקן עס מיט זייערע פליגל״.

„דער מלאך דער גוטער,
אזוי ווי א היטער
שטייט ביי דיר ביז אינדערפרי,
שטייט ביי דיין וויגעלע;
און מיט זיין פליגעלע
דעקט ער דיך צו".

וואס נאט האט באשערט, א מיידל, צי א יינגל; די מוטער האט ליב איר קינד!

„אז זי וואלט געהאט דעם מלכס אוצרות מיט זיין גאנצער מלוכה, וואלט איר אלץ נישט געווען אזוי ניחא.

ווי דו ביסט מיר ניחא, מיין ליכט און מיין שיין,

אז איך דערזע דיך, מיין איך, — די גאנצע וועלט איז מיין".

„אלע בריליאנטן, מיט אלע אנטיקן, קאנען איר הארץ אזוי נישט דערקוויקן", ווי, „אז דאס קינד ליגט און שלאפט אין זיין וויגל, און מלאכים באדעקן עס מיט זייערע פליגל..."

און אזא מוטער, וואס וואכט ביינאכט ביי דער שיין פון לבנה און שטערן, איבערן וויגל פון יינגסטן קינד, און הערט דאס רואיקע, שטילע אטעמען פון די עלטערע קינדער, — פאלט איר איין, אז אירע קינדער זענען, ווי די שטערן אין הימל און אז זי וואכט איבער זיי, ווי די לבנה...

„די לבנה פאסט אויף די שטערן,
ווי דער פאסטוך אויף זיינע שאף;
ס'זאל, חלילה, נישט געמינערט ווערן,
שלאף מיין עופעלע, שלאף!"

נישט אלע קינדער קומען אויף דער וועלט מיט דעם זעלבן מזל...
נישט אלע שלעפט די מוטער איין מיט לידער!

„ארעמער יתום! דיין מאמע איז אין קינד־בעט געשטארבן.
דאס קינד ליגט אויף דער ערד מיט אויסגעוויינטע אויגן;
די מאמע ליגט אויף דער ערד, די פיס אויסגעצויגן...
דאס קינד ליגט אין וויגעלע און חלשט צו זויגן;
די מאמע ליגט אין קבר מיט שארבנס אויף די אויגן!

װער װעט דיך, מיין קינד, פּוצן און גלעטן?
װער װעט דיר, מיין קינד, דאָס װיגעלע בעטן?
װער װעט דיך, מיין קינד, פּוצן און צירן?
װער װעט דיך, מיין קינד, אין חדר אריין פירן?
װער װעט דיך, מיין קינד, מאכן פאַר אַ מענטשן?
און, אונטער חופּה, װער װעט דיך בענטשן?"
נישט גוט צו זיין אַ יתום! עס קרעכצט דער רעפריין פון לידל:
„נישטאָ קיין מאַמע,
נישטאָ קיין נחמה!"
און קיין מוטער װעט קיינער דעם קינד נישט פאַרטרעטן:
„איך בין אויסגעפאָרן אויף אַלע שיפן איבער אַלע ימען;
„איך האָב געמיינט, כ'װעל קריגן קויפן פאַרן קינד
אַ מאַמען..."

נישט גוט איז אויך דעם יתום אָן אַ טאַטן:
„דער מלאך מיט זיין פליגעלע
דעקט דיך ביז עס טאָגט,
און ביי דיין עלנט װיגעלע,
דיין מוטער זיצט און קלאָגט!"
זי קלאָגט, װאָס זי האָט „דאָס קינד געבוירן אויף צרות און אומגליק און שמערץ...", װאָס דער פאָטער איז געשטאָרבן װען דאָס קינד איז „נאָך געװען אונטער איר הערץ"...
װען דו ביסט אַרוים פון דיין בליונג,
איז ער שוין ביי אונדז נישט געװען;
מיין קינד, דו האָסט נישט קיין פאָטער,
ער האָט נישט דערלעבט דיך צו זען!
„שלאָף, אָרעמער יתום! דיין גרוים אומגליק פאַרשטייסטו נישט!" „אַז דו װעסט אויסװאַקסן, װעט עס קומען צו דיר אויף זיבן װעגן! מיט דיין מוטער, דער אָרעמער אַלמנה, צוזאַמען, װעסטו װיינען און קלאָגן... נישטאָ דיין שפּייזער!
מיין קינד, דו װעסט עלטער װערן,
שװער װעט דיר אָנקומען ס'ברויט,
דו װעסט זיך באַניסן מיט טרערן, —
װייל דיין פאָטער איז טויט!"

דאָס לעבן וועט זיין אַ מין „שווימען אין קאַלטן וואַסער, איבער ימים"... קאַלט וועט מען דיך באַגעגענען, קאַלט וועט מען דיך אָפּיאָגן: „גיי ווייטער, גיי ווייטער!

אויפן ים, אַז דו וועסט שווימען:
די פּאַליעס וועלן טראָגן אַוועק!
צו אַן עק וועסטו נישט קומען,
נישט שלאָגן זיך צו צו אַ ברעג!"

„גיי ווייטער! גיי! דו ביסט אונדז פרעמד!" וועט מען דיך טרייבן... דאָס איז דאָס מזל פון יתומים..."

און „גערופענע אויף יענער וועלט קומען נישט צוריק"...

פרי איז ער געשטאָרבן, און אַזוי פיל האָפענונג אויף נחת האָט זיין טויט צעשטערט... עס איז אַ ליבע געווען... ער איז אַ מ ל ך געווען, ז י — אַ מ ל כ ה . . . אַ לעבן איז געווען ווי אין אַ ווייַן־גאָרטן. און דאָס קינד? דאָס פייגעלע אין דער נעסט?...

שלאָף קינד!

„אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָרנישט פרייליך;
די מעשה הייבט זיך אָנ'עט
מיט אַ יידישן מלך!
אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה...

„די מלכה האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן, אין ווייַנגאָרטן איז אַ בוים געווען, אויפן בוים — אַ צווייג, אויף דער צווייג — אַ נעסט.

די נעסט האָט געהאַט אַ פייגעלע,
דאָס פייגעלע האָט געהאַט אַ פליגעלע!"

אַ ריין שטיק גאָלדן גליק!
וואָס קומט אָבער אַרויס?

„דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן;
די צווייג איז אָפּגעבראָכן,
די מלכה געוואָרן פאַרדאָרבן,
דאָס פייגעלע — אַנטלאָפן..."

און וואָס פאַר אַ מזל וואַרט דאָס פייגעלע אויף דער וועלט?
דאָס ווייסן אפשר די שטערן אין הימל, אָבער —

וו נעמט מען אזא לייטער
פון טויזנטער מיילן;
וו נעמט מען אַ מענטשן,
ער זאָל די שטערן ציילן?״

נישט גוט איז דעם יתום! די יונגע אַלמנה קאָן אָבער איר איינענעם צער אויך נישט פאַרגעסן:

„ליולינקע מיין פייגעלע!
ליולינקע, מיין קינד!
אַזאַ ליבע אָנגעווווירן, —
ווייי איז מיר און ווינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע!
ליולינקע, מיין קינד!
וו נעמט מען אַ דאָקטאָר,
צו היילן מיר מיין וווּנד!״

און

„אויפן בית־עולם שטייט אַ מציבה,
איר גרוים איז פון אַ שפּאָן;
עס זיצט דאָרט אַ יונג ווייבעלע,
באַקלאָגט איר יונגען מאָן...
זי קלאָגט, וואָס ר׳איז געשטאָרבן,
געלאָזט איר אַ קליין קינד;
איר לעבן איז פאַרדאָרבן —
ווי אָן אַ פּאַסטעך אַ רינד!

ערגער דאָך איז דער פאַרלאָזטער עגונה, — זי זינגט:

„שלאָף, מיין קינד, שלאָף
דיין טייערן שלאָף!
זאָל גאָט אים באַצאָלן,
שיקן זיין שטראָף!
עס איז נישטאָ קיין עפּעלע
אָן אַ ווערמל דרינען;

עס איז נישטאָ קיין מאַנספּאַרשוין
אָן קיין פאַלשן זינען...
איך האָב גענייט אַ קליידעלע, —
פינף אַרשין די ברייט...
קיין גוטס זאָלן די נישט האָבן,
וואָס האָבן אונדז צעשיידט"...
ער האָט זי גענאַרט; אַן אַנדערע גענומען. — עס טרעפט זיך.

ב

דאָס גרינע אסתּרל

אסתּרל הייסט דאָס קליינע מיידעלע, וואָס איז ערשט אַרויס פון וויג... עס קריכט שוין אויף אַלע פיר; עס מאַכט נאָך דעם קעצעלע, דעם הינטעלע...

און טאַטע־מאַמע

„וואָלטן שוין גערן זען אַ טריטעלע
פון געטרייען פיסעלע"...

נאָר אַז מען לעבט, דערלעבט מען. אויף אַלץ קומט די צייט! אסתּרל שטעלט זיך אויף די פיסלעך און פאַלט, און הייבט זיך אויף, וואַקלט זיך, הוידעט, מאַכט אַ פּאָר טריט און פאַלט, און הייבט זיך ווייטער אויף און פּרוּווט זיך ווייטער, זי שרעקט זיך פאַרן פאַלן; זי איז אָבער שטאָלץ אויפן גיין. זי וואַקלט זיך און גייט.

צום קוראַזש זינגט מען איר צו:

„ציגעלע, מיגעלע, רייב די קלאָצקעס,
רויטע פּאָמעראַנצן!
אַז דער טאַטע שלאָגט די מאַמען,
גייען די קינדערלעך טאַנצן!"

אסתּרל וואַקלט זיך אַלץ אויף די פיסלעך:

ציגעלע, מיגעלע, רייב די קלאָרצקעס,
רויטע פּאָמעראַנצן!
שיכורט זיך נאָר איין דאָס קעפּל,
גייען די פיסלעך טאַנצן!"

און אפשר האָט מען איר געגעבן אַ לעק פון אַ קעלישעקל, פון וועלכן אַ „טייערער גאַסט", אַ מומע, האָט כּיבוד געגאָסן!
עס איז אַזוי אָנגענעם צו זען, ווי אַ קינד ווערט „לעבעדיק"!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אסתּרלס מוטער ליגט שוין אין צווייטן קימפּעט, אָדער האַנדלט שוין און וואַנדלט צוריק אין גאַס, צי אין קרעמל. אסתּרל באַקומט חבֿר־טעס און מען שפּילט זיך אין גאַס, צי אין הויף.
מען נעמט זיך אָן ביי די הענט, מען מאַכט אַ ראָד, איין מיידעלע בלייבט שטיין אין דער מיט.
דאָס רעדל זינגט:

„אַ ראָד און אַ ראַננע!
אַ שטרויענע פאַננע!
זיבן מאָל ארום,
בייקע, קוק זיך אום!

דאָס רעדל דרייט זיך ארום און ארום, בייקע לויפט צו און כאַפּט איינע פון רעדל, און וועמען בייקע כאַפּט, די גייט אויף איר אָרט אין מיט ראָד אריין.
אָדער עס הייבט זיך אָן מיט אַ מעשה:

„אַן אַלטער קאַטלאַר האָט געדאַרפט קעסל־כּלים צו באַשלאָגן;
אַ צווייטער ווייסט נישט וויפל שינדל־נעגל דאַרף מען האָבן"...

דערביי ציילט מען די קינדער פון ראָד. אום נישט קיין עין־הרע צו געבן, ווערט געציילט: „נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי"... און צום גראַם: אָדער לידערליי!
אסתּרל און אירע חבֿרטעס לערנען זיך, שפּילנדיק, ציילן.
מען ציילט אויפן נוסח פון „אחד מי יודע"! „איינס — אַ מילינג, צוויי — אַ צווילינג, דריי — מזומן, פיר — רעדער, פינף — פינגער א. אז. וו.
מען שפּילט זיך אויך אין פראַגן מיט אַנטוואָרטן. איינע פרעגט, די צווייטע ענטפערט:

— „סייבעלע, סייבעלע!
— פּי־פּי־פּי!
ווו איז די מאַמע?"

אָדער ווו איז דער טאטע.
— ז'אי'ניש הי!
— וואָס וועט זי ברענגען?
— א גלעזעלע ביר!
— ווו וועט מען עס שטעלן?
— הינטער דער טיר!"
טיילמאָל ווערט דאָס קינדער־שפּיל ערנסטער:
— וואָס וועט ער ברענגען?
— א חת'ל'ע פאר דיר!
מזל־טוב, טאָכטער,
מזל־טוב דיר!
(קליידער) צוגעשניטן,
(קליידער) אויפגענייט,
א ווארע מאכט, א ווארע מאכט,
דער חתן גייט,
א ווארע געמאכט:
א חתן געבראכט,
און אָפּגעהוליעט א גאנצע נאכט!"

און אסתרל הייבט אָן טראכטן וועגן א „משהלע" א חת'ל'ע; עס קומט איר:

„א שיין מיידעלע בין איך
רויטע זעקעלעך טראָג איך!
טויזנט טאָלער פארמאָג איך!"

אָדער:

„א שיין מיידעלע בין איך דאָך!
רויטן פאָדעם שפּין איך דאָך!
א רייכן טאטן האָב איך דאָך!
היינט — וואָס פעלט מיר נאָך?"
עס פעלט איר ווירקלעך גאָרנישט, אויסער א חתן...
אסתרל זאָגט (נאטירלעך, אין געדאנק) צום פאָטער:
„טאטע, טאטע, גיי אויפן בן־זכר!
און קלויב מיר אויס א שיינעם בחור!
מיט לאנגע פּיאות און שווארצע אויגן!
צו דער הייליקער תורה זאָל ער טויגן!"

אָדער זי כאַפּט אָן (אויך אין גערדאַנק) די מוטער:

— „מאַמע, ווו גייסטו?

די מוטער פרעגט צוריק:

— „טאָכטער, וואָס ווילסטו?"

און אסתרל בלייבט שטיין פארשעמט און שווייגט. די מוטער וויל דאָך טרעפן, וואָס די טאָכטער וויל:

„ווילסטו נישט אַ פּאָר שיכעלעך האָבן!
וועל איך גיין דעם שוסטער זאָגן!
— ניין, מאַמע, ניין!"

און אין הארץ טראַכט אסתרל פאַרדראָסן:
„אוי, איך האָב אַ שלעכטע מאַמע,
זי ווייסט נישט, וואָס איך מיין!"

און עס גייט ווייטער:

— „מאַמע, ווו גייסטו?
— טאָכטער, וואָס ווילסטו?
— ווילסטו אַ קליידעלע האָבן?
וועל איך גיין צו דער שניידערקע!
— ניין, מאַמע, ניין, וכו'"

אפשר אַ היטעלע? וועט זי באַשטעלן ביי דער „פּוצערקע", אַ פּאָר זעקעלעך באַקומט מען ביי דער „קניטערקע". אסתרל ענטפערט אַלץ „ניין" און „ניין"! און „אַ שלעכטע מאַמע, זי ווייסט נישט, וואָס איך מיין!"

אַז די מוטער פרעגט אָבער:

— „אפשר ווילסטו אַ חת'לע,
— כ'וועל גיין דעם שדכן זאָגן!"

דאַמאָלט ערשט באַפרייט זי זיך און ענטפערט:

— „יאָ, מאַמע, יאָ!
הייסט, אַ גוטע מאַמע כ'האָב,
ווייסט זי. וואָס איך מיין!"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און וואָס פאַר אַ מאַן וויל אסתרל?

— „אפשר ווילסטו אַ שוסטער פאַר אַ מאַן?"

אסתרל איז אָבער אַ באַלעבאַטישע טאָכטער, אַ מיוחסת, און נדן האָט זי, זי וויל קיין בעל־מלאכה נישט נעמען: אַ שוסטער וויל זי נישט. דראַטווע ציען קאָן זי נישט! קיין שמיד אויך נישט; „אייזן ברעכן קאָן זי נישט“, זי וויל אפילו קיין שענקערן נישט זיין, „פלעשער שווענקען איז נישט קיין זים לעבן!... אַ מלמד איז שוין יאָ עפּעס רעכטס, ער לערנט די הייליקע תורה, נאָר „שכירות מאָנען“ איז אויך נישט פון די גוטע זאַכן!

אַ רביצן זיין וויל זי, זי איז אַליין „אַ רביצנס אַן איניקל“.

אויף אַן „אויסדערוויילטן“ חתן מוז מען אַמאָל אָבער וואַרטן. טרויערט אסתרל:

„אויף אַ הויכן שטיין
זיץ איך און וויין;
אַלע מיידלעך האָבן חתנים,
נאָר איך איינע — ניין!“

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט דער צייט דאָך, האָט גאָט געהאָלפן און אסתר איז אַ כלה געוואָרן...

די „כלה־צייט“ גייט אַריבער, ווי אַ רויש, ווי אַ חלום. מתנות, קליידער... מען שטעלט אַ חופּה, אַ תענית, אַ גאָלדענע יויך, מוזיק, כלה־טאַנץ, אַזוי טענץ... און צומאָרגנס כאַפּט זיך אסתרל אויף אַלס ווייבל... זי פאָרט שוין אָפּ צו שווער און שוויגער, צו פרעמדע...

זי געזעגנט זיך מיט פאָטער און מוטער:

„זייט געזונט, ליבע עלטערן,
איך פאָר אוועק
אין ווייטן וועג,
ווו קיין ווינט ווייט נישט,
ווו קיין פויגל פליט נישט,
ווו קיין האָן קרייט נישט!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

זיי מיר געזונט, מיין פאָטער געליבטער!
זאָל שוין נעמען אַן עק!
דיין זאַלץ און ברויט האָב איך געגעסן, —
צינד פאָר איך אוועק!

עס איז ביטער, געליבטער פּאָטער,
דעם פייגעלע אין וויסטן וואלד אליין!
עס איז ביטער, געליבטער פּאָטער,
מיר אין פרעמדן לאַנד אליין!

זיי געזונט, געליבטע מוטער,
זאָל שוין נעמען אַן עק!
דיין מילך פון ברוסט האָב איך געזויגן, —
צינד פאַר איך פון דיר אוועק!״

זי שטעלט זיך פאָר, אַז זי זיצט ביי שווער און שוויגער און טראַכט:

„אין פרעמדן לאַנד, אומבאַקאַנט,
בין איך עלנט, ווי אַ שטיין, —
אַז איך דערמאָן מיך אָן דער היים
זיץ איך און וויין, איינע אליין!״

אין די עטלעכע טעג איז זי עלטער און טיפער געוואָרן; דאָס האַרץ האָט געאַרבעט „אויף אַלע כלים״...

אסתרל זיצט שוין אויף דער פור, די מוטער קומט נאָכאַמאָל צו, און לערנט זי, ווי זי זאָל ערלעך האַלטן די שוויגער:

„טאָכטערל דו ליבסטע,
טאָכטערל דו מיין!
צינד וועל איך דיך לערנען,
ווי אַ שנור צו זיין!
בשעת דאָס שוויגערל
וועט גיין פון שול,
טראָג איר אונטער
אַ גאָלדענעם שטול!
און אַז דאָס שוויגערל
וועט גיין צום טיש,
שטעל איר אַ בענקעלע
אונטער די פיס!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם יונגען ווייבל איז ביי שווער און שוויגער אַזוי באַנג. — זי בענקט אַהיים און זינגט:

„נעפּלויגן, געפּלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע ימען!
לאָז דאָרט גריסן, מיין גאָלדענער פויגל,
מיין ליב־האַרציקער מאַמען!
עס איז געפּלויגן די גאָלדענע פּאַווע,
איבערן טייך דעם גלאַטן;
לאָז דאָרט גריסן, גאָלדענער פויגל,
מיין האַרץ־געליבטן טאַטן!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז געפּלויגן די גאָלדענע פּאַווע,
איבער פעלדער און סעדער...
האָט ער פאַרלוירן, דער גאָלדענער פויגל,
זיין גאָלדענע פעדער!"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און זי באַקלאָגט זיך:

„ווי ס'איז ביטער, ליבע מוטער,
אַ פויגל אָן אַ נעסט;
אַזוי איז ביטער, ליבע מוטער,
אין דער פרעמדער אויף קעסט!
ווי ס'איז ביטער, ליבע מוטער,
אָן וואַסערל דעם פיש,
אַזוי איז ביטער, ליבע מוטער,
ביי אַ פרעמדן טיש!
ווי ס'איז ביטער, ליבע מוטער,
אין שטיבל אָן אַ טיר;
אַזוי איז ביטער, ליבע מוטער,
מיר אָן דיר!"

אפשר איז עס אַ פאַרגעפּיל, וואָס זי דערמאָנט אָן „שטיבל אָן אַ טיר"; עס גייען איר די קרעפטן אויס פאַר בענקשאַפט, פאַר שרעק, פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען...

צו יונג האָט מען זי איבערגעפּלאַנצט אויף אַ פרעמדן אָרט... אַ ליד שטעלט פאַר אַ געשפּרעך אָדער אַ בריוו־וועקסל צווישן מוטער און טאַכטער:

— „טאַכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
וויִ האַלט דיך די שוויגער?
— די שוויגער, — איז בייז, ווי אַ טיגער!
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!
— „טאַכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
ווי האַלט דיך דער שווער?
— דער שווער, — ברומט, ווי אַ בער!
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!
— „טאַכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
ווי האַלט דיך דער מאַן?
— ביים מאַן — איז דאָס לעבן אַ שפּאַן!
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

די שוויגער באַהאַנדלט זי שלעכט; וואָס זי טוט, געפעלט איר נישט. „שטייט זי אויף פרי", זאָגט די שוויגער, „זי שטייט אויף קייען, ווי אַ קי"... „שטייט זי אויף שפּעט", הייסט עס: „די נבֿילה ליגט נאָך אין בעט!"... „מאַכט זי גרויסע חלות, שטעלט זי די שוויגער בדלות; מאַכט זי קליינע, ציט זי אויף איר דעם דלות! טוט זי זיך אָן שיין, לאַכט זי. די שוויגער, געמיין, מיאוס — איז איר אַ בושה, איר שנור זאָל זיך אָרעם טראָגן!"

גייט זי פאַרבעטן, אַרט די שוויגער, ווי זי טרעט; פאַרבעט זי נישט, שרעקט מען מיט אַ גט; וואַשט זי טיש און בענק, וויל זי אומישנע אַריינפאַלן אין אַ קרענק. — די גרינגע אסתר איז שוין אויף דער צייט — טוט זי נישט וואַשן, באַרעדט מען זי אין אַלע גאַסן... גייט זי מיטן מאַן שפּאַצירן, שעלט מען זי מיט געשווירן — אויף די פיס... זיצט זי אין שטוב, „ווי אַ קרוק", שרייט מען: „זי האָט שוין פאַרדרייט דעם שנוק!"

און עס קרעכצט דאָס יונגע ווייבל: ווייִ איז איר לעבן — זי ווייסט נישט, ווי דער שוויגער אָפּצוגעבן... און די שוויגער לייגט אויף איר קיין כּבֿוד נישט... די מוטער פרעגט, און אסתרל ענטפערט:

— „טאַכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
וואָס עסטו דאָרטן?
— אַ שטיקעלע ברויט,
ליבער דער טויט,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
וואָס גייסטו אָנגעטאָן?
— אין אַ קלייד,
מיט צרות גענייט, —
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!

און זי טראָגט „שיך, וואָס ווערן צעריסן אויף גיך; מען לאָזט זי ליינען דעם קאָפּ אויף אַ קישן, נאָר — כדי לייט זאָלן ווייסן!" און די מו־טער פרעגט ווייטער:

— „טאָכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
ווו ליגסטו דאָרטן?
— אויף אַ הארטער באַנק,
ליג איך טויט קראַנק,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!
— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
צי קומט צו דיר דער מאַן צו גיין?
— ער גייט נישט צו,
ער האָט שכל, ווי אַ קו,
מוטער, דו ליבסטע, דו מיין!"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און —
„אַז זי האָט געדאַרפט דאָס קינד שוין געווינען,
האָט מען פאַר איר קיין באָבע געפינען!

— „שווינער, דו ליבסטע,
שווינערל, דו מיין,
שטעלט מיך צום פענצטער,
וועט אפשר גרינגער מיר זיין!
— נישט איך וועל דיך שטעלן
אין פענצטער אריין,
און נישט עס וועט דיר
גרינגער זיין!
— „שווינער, דו ליבסטע,
שווינערל מיין...

שטעלט מיך אין גאָרטן,
וועט מיר אפשר גרינגער זיין...
— נישט איך וועל דיך שטעלן,
אין גערטל אריין,
און נישט עס וועט דיר
גרינגער זיין!"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָדער: —
„שוויגער, דו ליבע שוויגער, דו מיין,
עפנט אויף דאָס פאָרטעלע,
אפשר וועט א פייגעלע זינגען,
אפשר וועט מיר גרינגער זיין!

„עפנט אויף דאָס פענצטער, זאָל כאָטש ווייען אביסעלע לופט, זאָל א ווינטעלע בלאָזן!"

די שוויגער האַלט זיך ביים איריקן: עס וועט איר נישט גרינגער זיין!
„שוויגער ליבע, שוויגער זיסע,
עפנט כאָטש אויף דאָס טירעלע,
זאָל מיין מאַן אריין,
אפשר וועט מיר גרינגער זיין!"
און אז דער מאַן קומט אריין, זאָגט זי:
„ווער איז מיין געליבטער,
און ווער איז דער מאַן מיין?
ווער וועט לויפן פערציק מייל
אין דער מאַמעס שטוב אריין?"

איר מאַן האָט גאָר קיין שכל נישט, אָבער ליב האָט ער זי, א גוטער איז ער, ער ענטפערט:
— „אָט דאָ בין איך, דיין געליבטער,
כ'בין דיין מאַנדל דיין!
און אָט לויף איך פערציק מייל
אין דיין מוטערס שטוב אריין"...

ער לויפט, קומט ס'עפט די שוויגער און רופט:
— „גוט־מאָרגן, שוויגערל,
— גוט־יאָר, מיין קינד!

— אייער איינציקע טאָכטער
גייט שווער צו קינד!"
די מוטער איילט זיך צו פאָרן! און —
„ווי ז'איז געגאַנגען
שפּאַנען די פערד,
ווינטשט זי זיך בעסער
צו ליגן אין ערד!
און ווי ז'איז אריבער
ד'אייזערנע בריק,
זעט זי שמשים
גייען שוין צוריק!
און ווען ז'איז אריין
אין דער טאָכטערס שטוב,
איז שוין די טאָכטער
געלעגן אין גרוב..."

1901

ג.

ישראָליק

ישראָליקן האָט מען איינגעוויגט נאָך דער ערשטער אָפּעראַציע, איינגעשטילט, און אַלע ארום קוקן זיך צו ווי דער „קדיש" וואַקסט, ווי די „נשמה" וואַקסט אין אים, און גלאַנצט ארוים פון די אייגעלעך.

איידער מען קוקט זיך אום פירט'ן שוין דער פאָטער אין א טלית איינגעהילט אין חדר אריין. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל; דערנאָך וועט'ן דער בעלפער שלעפּן, ווי א שעפּס איבער דער גאַס אויף די פּלייצעס און ער וועט יאָמערן.

„תורה איז די בעסטע סחורה" — נאָר דער מלמד איז א בייזער, און דער קאַנטשיק לאָזט זיך פילן און נישט לאַנג וואַרפט דער מלאך אַראָפּ די גראָשנס, אָדער די צווייער פון דער הייך. עס איז קיין הימל נישט איבערן קאָפּ נאָר א באַלקן אָדער א סופיט, ערגעץ אַנדערש — א „סטעליע", סיי־ווי־סיי מיט שפּינוועבס, נישט מיט מלאָכים.

איידער מען קוקט זיך אום — יענקעלע הייבט אָן חומש, זאָגט א דרשה. „ויקרא — וואָס איז טייטש „ויקרא?"... און ווערט געוואָר, אז

איינער האָט געהייסן משה. אַז עס איז פאַראַן אַ תּורה, וואָס משה האָט אַראָפּגעבראַנגט פון הימל, און אַז עס איז געווען און עס וועט נאָך אַמאָל זיין אַ בית־המיקדש, מיט אַ מיזבח, מיט קרבנות... מיט דער צייט באַ־קענט ער זיך מיט גיהנום און גן־עדן, און מיט תרי"ג מיצוות, און מיט גרויסע טייכער — מפרשים, וואָס צעגיסן זיך אַרום קליינע שטיקעלעך יבשה — תורה און שפּעטער גמרא...

נעבווירן אין דלפנקע, ציאַכנאָוועקע צי פּאָהיבעלקע לעבט ער האַלב אין אַלטן ירושלים, האַלב אין נייעם, וואָס דאַרף ערשט אויפגעבויט ווערן לויט דעם נביא יחזקאלס פּלאַן און שוועבט אין גאַנצן אַרום צווישן הימל און ערד. צווישן מענטשן, וואָס שלאָגן זיך איבער אַ געפונענעם טלית, אויף וועלכע ער קוקט אַראָפּ מיט די אויגן פון אַ דיין, וואָס גיט אַרויס פּסקים און כּיסא־הכּבוד, צו וועלכן ער קוקט אַרויף, ווי אַ זינדיקער, וואָס וואַרט מיט האַרץ־קלאַפּן אויף זיין פּסק. —

ער ווערט עלטער. און דאָס יונגע לעבן רייסט זיך אַמאָל אַרויס פון די ענגע „ד' אמות של הלכה" — ער עפנט אַן אויג אויף דער אַרומיקער וועלט, נאָר ער זעט זי, ווי דורך אַ פאַרקרום־גלאָז אונטער אַ פאַרוויקלטן שנייער (שלייער). ער זעט און זעט נישט, הערט און הערט נישט! ער כאַפּט זיך אַרויס פון חדר, באַגעגנט זיך מיט אַנדערע יינגלעך, אַפילו מיט מייד־לעך און מען שפּילט זיך און מען זינגט לידעלעך... מען שפּילט זיך מיט שטיקלעך צעבראָכן, פאַרשידנפאַרביק גלאָז און מען זינגט, ווען אַזוינע פאַרשידנפאַרביקע, און אַזוי פאַרשידן־פאָרמיק אָפּגעבראָכענע שטיקלעך לעבן!

אני הלכתי בדרך,
ופגע איש חזק
ושמו קאָזאַק — —

און קויפט זיך אויס דאָס לעבן מיט אַ קלייניקייט!

אָדער:

שלי שלך	— שיק דיין פאָלק
אני עמך.	מיין פאָלק איז קראַנק!

אָדער:

המן הרשע האָט געוואָלט מרדכי'ן
(דערלאַנגען) אַ שנעל איז (ן) נאָז;

איז ער דעריבער, איז ער דעריבער
געוואָרן אַ האָז!

אָדער ער שפּילט אין „אַב־בן” אָדער רעכנט אויס אַן אַהער־און־אַהין פון לשון־קודש מיט יידיש.

„אַב—אַ פֿאָטער; קדר—אַ טאָטער; אַ טאָטער—קדר; בגדים—קליידער; קליידער—בגדים; חוט איז וואדים (פֿאָדעם) און אַזוי ווייטער”...

דאָס וואָכנדיקע רייסט זיך אַריין אין היילקן; די גאָסן־שפּראַך אין דער בית־המדרש שפּראַך. די זומפּיקע ערד קריכט צום הייליקן הימל אַרויף און עס ווערט אַ מיש־מאַש. פון „אַב־בן” ווערט דער אַהין־און־אַהער, דאָס שלענגלען זיך פון לשון קודש אויף יידיש און צוריק און פון „אַב איז אַ פֿאָטער — קדר אַ טאָטער” גייט מען איבער צו — „זייד איז נישט פֿאָדעם, פֿאָדעם איז נישט זייט”... ביים טייך טוט ער זיצן, אין באָד טוט ער שוויצן — שוויצן טוט ער אין באָד, אַ וואָגן איז צו מיין ראָד — אַ ראָד איז צו מיין וואָגן, איך וועל אייך עפּעס זאָגן א. א. וו.

דאָס איז דאָס קערנדל פון וועלכן עס וועט אַרויסוואַקסן דער יידישער הומאָר, דער גאַלגאַן־הומאָר, דער יידישער וויץ, וואָס וועט געבן סעקונדן־ליכט אין אייביקע פינצטערניש...

אין זעלבן לידל קריכט אַרויס דאָס ווערעמל פון שעלטן אויך. ער לערנט זיך!

„דער עסן זאָל אים קילן, קילן זאָל אים דאָס עסן;
גאָט זאָל אַן אים פאַרגעסן; פאַרגעסן זאָל אים גאָט,
שיכור זאָל ער זיין ווי לוט; ווי לוט זאָל ער זיין שיכור,
אין מויל זאָל אים ווערן ביטער א. א. וו.

אַלץ מישט זיך ביי'ן אים אויס! דער „חד גדיא” מיט דער תאווה צו פרישע עפּעלעך פון אַ פרעמדן בוים אין אַ פרעמדן גאָרטן. איי, האָט ער חישק צו פרישע עפּעלעך! נאָר ער האָט מורא! מען כאַפּט און מען קלאַפּט און מען ציט נאָך אַמאָל אָפּ! ביפרט גיי קריך אַרויף אויפן בוים!

האָט השם יתברך אַראָפּגעשיקט,
יענקעלעך (!) אַראָפּ, יענקעלען אַראָפּ — — —
ר'זאָל בארלעך רייסן!
יענקעלע וויל נישט בארלעך רייסן,
בארעלעך ווילן נישט פאַלן,
בארעלעך ווילן נישט פאַלן!

האָט השם יתברך אראָפּגעשיקט
אַ הינטעלע אראָפּ, אַ הינטעלע אראָפּ,
ר'זאָל יענקעלען בייסן,
יענקעלע וויל נישט בארלעך(!) רייסן,
בארעלעך ווילן נישט פאַלן!
בארעלעך ווילן נישט פאַלן!

און די סטראָפן וואַקסן און וואַקסן, וואָס שנײ־קויל אויפן שניי באַרג־אָפּ, ביז עס קומט דערצו אַז:

השם יתברך איז אַליין אראָפּ
אַליין אראָפּ, אַליין אראָפּ!
ד'ר' מלאך המות וויל ס'שוחטל טייטן,
שוחטל וויל ס'עקסעלע שחט'ן
עקסעלע וויל ס'וואַסערל טרינקען,
ס'וואַסערל וויל ס'פייערל לעשן,

ס'פייערל וויל ס'שטאַקאַלע (ס)שטעקעלע) ברענען,
ס'שטעקעלע וויל ס'הינטעלע שלאָגן,
ס'הינטעלע וויל יענקעלען בייסן,
יענקעלע וויל בארעלעך רייסן,
בארעלעך ווילן נישט פאַלן,
בארעלעך ווילן נישט פאַלן!

טײלמאָל, כאָטש זעלטן, איז גובר דער „חול" איבערן קודש, און יענקעלע, אָן הייליקע געדאַנקען, אָן אַ וואָרט לשון־קודש אין מויל, שפּילט זיך צוזאַמען מיט ייִנגלעך און מיידלעך, ערגעץ הינטער דער שיל, צי ביים טייך, צי גאָר אין אַן אַלטער חורבה (נאָר פרי פּאַרנאַכט!) — אין קעסטעלעך! נאָר אויך אויפן נוסח פון חד גדיא, מיט וואַקסנדיקע סטראָפן:

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
גייט אַרויס אַ הון.
— הון, הון, וואָס גיבסטו צו?
— איך גיב מיין איי!

דער הונט איי,
שפּילן מיר ווידער צוויי!

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
גייט אַרויס אַ האָן.
— האָן, האָן, וואָס גיבסטו צו?
דעם האָנס קריי,
דער הונט איי —
שפּילן מיר ווידער צוויי,

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
גייט אַרויס אַ גאַנדז.
— גאַנדז, גאַנדז, וואָס גיבסטו צו?
— איך גיב מיין קאָפּ!
די גאַנדזס קאָפּ,
דעם האָנס קריי א. א. וו.

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
גייט אַרויס אַן אינדיק.
— אינדיק, אינדיק, וואָס גיבסטו צו?
— איך גיב מיין קראָפּ!
דעם אינדיקס קראָפּ,
די גאַנדזס קאָפּ א. א. וו.

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
גייט אַרויס אַ מאַד.
— מאַד, מאַד, וואָס גיבסטו צו?
— איך גיב מיין צאָפּ!
די מאַדס צאָפּ,
דעם אינדיקס קראָפּ א. א. וו.

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
גייט אַרויס אַ בחור.
— בחור, בחור, וואָס גיבסטו צו?

— איך גיב מיין פיאה!
דעם בחורס פיאה,
די מאדם צאָפּ א. א. וו.

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
גייט ארויס א פּריץ.
— פּריץ, פּריץ, וואָס גיבסטו?
— איך גיב מיין דיעה!
דעם פּריצס דיעה,
דעם בחורס פּיאה,
די מאדם צאָפּ,
דעם אינדיקס קראָפּ,
די גאנדזס קאָפּ,
דעם האָנס קריי,
די הונס איי —
שפּילן מיר ווידער צוויי!

וואָס מער יענקעלע ווערט געיאָגט און געפּלאָגט אין חדר פון רבין אין דער היים פון טאטע־מאמע, אין גאס פון „שקצים" און „ווער עס גייט דורך", אַלץ מער וואקסט אין אים דער חוזק! ער האָט באמערקט דאָס לעכערלעכקייט פון „זיידעס" און „באָבעס" און לאַכט אויס אַלטע לייט:

אַלטער, קאַלטער מענטצאַלע
אונטערשלאָג, אייבערשלאָג
גיי מיט דער באָבען א טענצאַלע,
גיב דער באָבען א פּאטש אין באַק!

ער לאַכט אויס „אפּיקורסים", וואָס געפינען זיך אין שטאָט, אָדער פון וועלכע ער האָט געהערט:

רויטע פּאטשיילע,
גרין און בלוי,
לאָמיר פּאָרן
(אין) פּאָדאָלאָי!
פּאָדאָלאָי ט'געהאט א זון,
האָט ער געגעסן
פּוטער מיט הון;
פּוטער מיט הון
האָט ער געגעסן, —
דאַוונען און בענטשן
האָט ער פארגעסן.

ער מאַכט חוזק אויס דייטשן, עכטע דייטשן, וואָס אַלץ איז ביי זיי געווויגן און געמאָסטן און אַלץ אויף דער שעה; צו דער מינוט.

* *
*

גאָט, גאָט גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן

זיי דאַרפן וואַקסן.
און י ע נ ק ע ל ע וואַקסט ווי אויף הייוון! אייגנטלעך נישט ער אין גאַנצן. זיין נ ש מ ה וואַקסט; ווייל נאָר „דער נשמה גיט דער רבי שפייז״

ער גייט אין חדר
און לערנט כסדר
פון עיברי ביז צו גמרא...

ער (עס) קען זיין, אַז יענקעלע האָט קרומע ביינדעלעך, פון זיצן איי־בער דער גמרא — אַן אַראָפּגעלאָזטן לינקן אַקסל, אפשר וואַקסט אים אַ קליין הויקערל, ווייסן אָבער ווייסט ער, אַז ער האָט אי די אי יענע וועלט וואָרן

גאָטס מיצוות זענען ווי האָניק זיס
זיין תורה שטיצט אונדז ווי וואַסער פיש
אין דער רעכטער האַנט — לעבן אויף דער וועלט
אין דער לינקער האָט זי אי כבוד, אי געלט...

פון יענער וועלט, ווייסט ער ערנסט און אַלץ, זי זעט ער דורך אַ גראָבן שלייער

איינע קליינע, ווייסע טייבל
פירטע מיך קיין ענגעללאַנד —
ענגעללאַנד איז צוגעשלאָסן
איינס צוויי דריי
פוילן איז פאַרביי
רוס איז געלאָפן מיט אַלע האַרמאַטן
פוילן איז געבליבן אָן האַרמאַטן

אָדער:

אני הלכתי בדרך ופגע בי איש חזק
ושמו קאזאק
גאהייקע בידו
וחרב בצדו
ואמר אלי:
דענגי דאוויי!

מאדאם פיטען
איז געריטען
אויפן וויסן ציגנבאק
הענע די גראבע
איז געגאנגען טאנצן
און פארלוירן דעם אונטעראק
זיצט אן אלטע וויטווע
אין רעגן און אין שניי
וואס זאל מען איר געבן?
פוטער מיט קאוויי?

דער עיקר חוזק מאכט ער אויסן דייטש

שטייען א פאר דייטשן
מיט די לאנגע בייטשן
הויכע מאנען זענען זיי
קורצע קליידער טראגן זיי
צען טאלער פארמאגן זיי
פייגן אין די טאשן
מעד אין די פלאשן
ביר אין די קריגעלעך
קינדער אין די וויגעלעך
זיי שרייען ווי די ציגעלעך.

מלכה די צאצקע
דער בויך טוט מיר ווי
ווארעם מיר אויף
אביסעלע טיי
טיי איז ביטער
צוקער איז זיס
אביסעלע פיש
קאך זשע מיר אויף
פיש איז טרוקן
ברעך דעם רוקן
פיש איז נאס
ברעך דעם טאס!

יעכאל פאן — פיר פאר הערן
ווען׳ט די קאפע פארטיק ווערן?
אור זעקס
ווערט געבעקס
אור זיבן
ווערט געריבן
אור אכט
ווערט געמאכט
און ניין
ועט די קאפע פארטיק זיין.

די פרעמדע וועלט רייסט זיך אים אריין אין דער נשמה ווונדערלעך פארקרומט:

איך בין געווען א פאסטוך פון שאף
איז אויף מיר געפאלן א שלאף

האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף
נישט'ו קיין שאָף

גיי איך מיר אַרויס אויפן שלאַך
מען פירט אַ וואָגן מיט דערנאַלאַך
האָב איך געמיינט, פון מיינע שאָף די הערנאַלאַך

דערנאָך האָט ער געזען „אַ פור מיט עפּעלעך, האָט ער געמיינט פון זיינע שאָף די קעפּעלעך" — אַ פור מיט שטיינדעלעך, האָט ער געמיינט: די ביינדעלעך

היי, היי הענדעלע — האָלץ — האַקן
גיי דער באָבען אַ שטענדעלע — בילקעם באַקן
אויפגענייט און אָנגעטון — ביי דער באָבען אויף חתונקע.
און אַרויפגעזעצט זיך אויבן אָן

„אין פאָלק אַריין"

„און עס וועט קומען א צייט — האָט עמעצער נביאות געזאָגט — ווען דער הייליקסטער צדיק וועט פארלאָזן זיין חדר, צי זיין הייל, ווו ער האָט היתבודדות געהאַט, ווו ער האָט געמאַכט תיקון פאר זיך אליין, פאר זיין אייגענער נשמה און האָט זי געוואָלט צוזאַמענגיסן מיט דער נשמה פון דער וועלט, — מיט גאָט!

„און דער שטערנזעער, וואָס קוקט מיט קאלטע אויגן דורך קאלטע גלעזער אין קלאָר־קאלטן הימל אַריין און בלאָנדזשעט צווישן פרעמדע, אפשר פאר־געסענע וועלטן, וועט פארלאָזן דעם הויכן טורעם אויפן בארג און וועט פארן קאלטן הימל אנטלויפן...

„און דער שטאָלצער און דער פיינער, וואָס איז פאר מענטשן־שוויים אנטלאָפן, וואָס האָט זיך פארן פארסמטן מענטשן־הויך און מענטשן־אָטעם אין דאך־שטוב איבערן זעקסטן שטאָק פארשאַנצט און פון אמאָל געזעענע בארג און טאָל, וואלד און טייך נעבלדיקע „שטימונגען" געמאַכט, וועט אָנהייבן בענקען צום מענטשלעכן גראָבן גערודער אויפן מארק...

„און אלע, וואָס האָבן דעם פעבל פארלאָזט, וועלן זיך דערפילן קראַנק, אָרעם, עלנט און פארשטויסן, ווי די קרעציקע אויסערן לאַגער, און וועלן אראָפּקומען און וועלן זיך בעטן: דערלאַנגט אונדז די האַנט; מיר פאלן!

„און אין איין ציטערניש פאר קעלט אין דער נשמה, וועלן זיי מקנא זיין די אָרעמסטע עפל־יידענע ביים פייער־טאָפּ, און וועלן מקנא זיין דעם נאַכט־וועכטער, וואָס בלאָזט זיך אויף די ליולקע אין גאַס און פון די פונ־קען רויטלט זיך אים דאָס פארשלאָפענע פנים... און דער פישער, וואָס שווימט איבערן טייך אין דער פינצטערער נאַכט, ביי א לאַמטערנע נעבן רודער, און דעם פאַסטעך, וואָס בראָט זיך זיינע געגנבעטע קארטאָפל, ביים פייער פון דערנער אויפן פעלד..."

אזוי האָט עמעץ נביאות געזאָגט, נאָר די נביאות הייבט אָן מקוים צו ווערן... מען גייט אין פאָלק אריין! און מען מוז גיין!

טייל האָבן בייז געוויסן, ווייל זיי האָבן אַ צו־לאַנגע צייט אין פאָלקס נאָמען גערעדט און דאָס פאָלק נישט געפרעגט, און זיין מיינונג נישט גע־ווּסט. אַנדערע פילן זיך, ווי אַראָפּגעפלויגענע בלעטער אויפן ווינט, און זוכן זייער רו און ווילן זיך באַהעפטן צום פעסטן, צום שטאַרקן, וואָס שווימט נ י ש ט אַרום אין דער לופטן!

די וואַרשעווער רבנים וואַרטן נישט, ביז מען וועט זיי קומען שאלות פרעגן וועגן „טמא וטהור", און שרייבן און דרוקן „מודעות" וועגן הלכות מיקווה אויף מאַמע־לשון... ציאנה־וראינה־לשון...

און זיי נעמען אַרויס די הייליקע דינים פון די לשון־קודישע פוטער־פעסער, וואָס שטייען הייליק און שטאָלץ אויף די אַלטע האָלץ־פּרעסיקע שענק אין בית־המדרש, אין קלויז... זיי רייסן אָפּ די זיבן חתימות, די זיבן שלעסער, אויף וועלכע מען האָט די דינים פאַרן פּראָסטן עולם פאַרמאַכט, און לאָזן זיי אין איין העמד אין גאַס אַריין, אין מאַרק אַריין... און יינגלעך טראָגן זיי אַרום און פאַרקויפן צו קאָפּיקעס און פאַרטיילן אָרע־מע יידענעס אומזיסט, און מען פאַרשטייט דינים, ווי „תחינות", ווי „צאינה־וראינה", ווי אַן איבערגעזעצטן „יהי־רצון"...

און דאָקטוירים קומען און זאָרגן פאַרן אָרעמען פאָלקס געזונט. דר. ביכאָווסקי און דר. גאָטליב זעצן איבער פון פּוילישן „דר. באָלאָווסקיס ווערק" איבער פּאָקן. וואָס איז פּאָקן? וואָס דאַרף מען טון, אום צו פאַר־היטן זיך פאַר פּאָקן? און דר. כאַלים (?) דרוקט, און די יינגלעך טראָגן ווייטער אַרום אין די גאַסן... עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס די דאָקטוירים קענען ווייניקער יידיש, ווי די רבנים, שרייבן אָן גראַמאַטיק, דרוקן אָן קאָרעקטור, און דער פּראָסטער עולם פאַרשטייט בעסער הלכות מיקווה, ווי הלכות פּאָקן...

ואחרון אחרון חביב — דער דר. בערדיטשעווסקי...

מיכה יוסף דר. בערדיטשעווסקי, דער יידישער ניטשע, וואָס לעכצט צו שיינקייט, צו גבורה, וואָס שטייט אויף אַ שיינעם פרימאָרגן און וויל מיטאַמאָל איבערבייטן אַלע אַלטע, אָפּגעריבענע מאָראַלישע מטבעות אויף נייע, שאַרפע, מיט פולער וואָג, אונדזער פילאָסאָף אַריסטאָקראַט, אונדזער בר־כוכבא, ריש־בר־יונה, אונדזער, וואָס איר ווילט, לאָזט זיך אויך פּלוצ־לינג אַראָפּ אין מאַרק אַריין, געדרוקט מיט גרויסע געפינטלטע אותיות, אויף ביבולע־פּאַפּיר, איינגעהילט אין אַ העסלעכער געלער שמאַטע און דערציילט דעם פּראָסטן גראָבן עולם: „אַ מעשה פון איינעם אַ קאָוואַל! וואָס האָט פאַרסאַמט (אַזוי לייגט ער אויס) זיין ווייב", כדי „מען זאָל

זיך דערפון א מוסר נעמען״ (ער שרייבט: אראפּנעמען).

מען זאָגט, אז דר. בערדיטשעווסקי איז א צעריסענער מענטש, איך זאָג: אן אמת גאנצער!

ער האָט אויפגעשריבן א גוטע פסיכאָלאָגישע זאך. קוים אָבער האָט ער זיך געזאָגט, מען מוז גיין אין מארק אריין, האָט ער אויפגעשריבן אויף באלטער מארק-לשון, ווו די מעשה ווערט דערציילט. און מיט דעם מארק-לשון רעדט דר. בערדיטשעווסקי נישט נאָר פארן קאָוואל, נאָר אפילו פאר זיך... אזוי ארייננעקראָכן איז ער אין באלטער קאָוואלס נשמה!

ווען איך בין בערדיטשעווסקיס ווייב, וואָלט איך מיך אביסל נע־שראָקן...

נאָר נישט אין דעם גייט עס.

איך האָב א קרובה לאה, א פישערקע. נישט „לאה די פישערקע״, דאָס יונגע ווייבל פון ווילנע, נאָר לאה א פישערקע, בעסער געזאָגט, א גע־וועזענע פישערקע, ווייל זייט מען האָט אראָפּגעטריבן דעם פיש־מארק פון אייזערנעם טויער און ארייננעפירט אין די נייע געדעקטע האלן, האָט לאה, ווי אנדערע הונדערט אָרעמע ווייבער, נישט געהאַט מיט וואָס פאר א נייעם טייערן אָרט צו באצאָלן און איז געבליבן אָן אן אָרט.

פון לאהן פלעגט שלאָגן א ריח פון פיש מיילן־ווייט. היינט איז אויך נישט בעסער — זי טראָגט ארום אייל און נאַפט... אין אן אלטער ווערענע, אין אן אָפּגעריסענער...

א צייט לאנג האָט זיך לאה נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אייזערנעם טויער. זי איז ווייטער געזעסן, נאָר אָן פיש. מיט טיף־איינגעזעצטע גלע־זערנע אויגן און פארשטיינערטן פנים פלעגט זי קוקן אויפן חורבן, בא־גלייטן מיט צער יעדן שטיין, וואָס מען האָט אויסגעריסן, יעדעס שטיק אייזן, וואָס מען האָט אוועקגעשלעפּט פון די צענומענע באריערן... און, אז מען האָט אויפגערודערט די ערד צו פארפלאנצן א סקווער, האָט זי געשאָלטן!

די ביימער מעגן שטיין אין גאַס, גראָז זאָל וואַקסן... איך נישט!

און די גאנצע וועלט איז שולדיק געוועזן.

„די רבנים, פאר כלל־ישראל ארבעטן זיי... גייט אין מאגיסטראַט אריין, בעט רחמים — — וואָס גייט עס זיי אָן?״

„און אזוי פיל אינטעליגענטן, אדוואָקאַטן, דאָקטוירים — רעדן אלע לשונות און פאר אָרעמע יידענעס האָבן זיי קיין וואָרט אין מויל!״

אויף שרייבער איז גאָר אש־להבה געווען.

— פאַר אַלעם האָבן זיי טינט־און־פעדער, נישט פאַר אונדז!

„שרייב מיר אַ פּראָשבע, — באַפאַלט זי מיך, — שרייב, אַז מען לאָזט אַלע לעבן, — מייז, קעץ, אַפילו הינט, פאַרוואָס מיך נישט?

און טאָר איך נישט לעבן, לאָז ער פאַרטאָג פאַרפאָרן דער הונט־שלעגער און צונעמען, און אוועקפירן..."

היינט איז לאה, די פישערקע, אַן אַנדער מענטש.

ערשטנס ,האָט זי זיך אָפּגעווענדט פון פיש און פיש־מאַרק און טראָגט אַרום נאַפט מיט אייל... אויך אַ פּרנסה מיט אַ ריח, כאָטש אַן אַנדערן; צווייטנס, זעט זי בחוש, אַז מען זאָרגט פאַר איר!

די וואַרשעווער רבנים זאָגן איר: הער, לאה די פישערקע! היינט ביסטו אַלט, נאָר אַמאָל ביסטו יונג געווען, און יונגערהייט — ווער ווייסט? אפשר עפּעס פאַרלאָזט, נישט אַכטונג געגעבן, מאַך נאָך אַמאָל אַן „אָפּ־צוג"... צייל טעג...

און צייט האָט זי, און טוט עס, און איז זיך מחיה — אַראָפּגענומען אַ פלעק פון דער נשמה.

און די דאָקטוירים גופעלן איר אויך... אַביסל שלעכט לשון, (רבנים שרייבן בעסער יידיש), אַביסל אויסטערליש. נאָר אייניקלעך האָט זי, פאַר פּאָקן ציטערט זי; ע פּ ע ס איז זי געוואָר געוואָרן!

נאָר דערפאַר אויף בערדיטשעווסקין איז זי בייז!

— אַזאַ קליין, אַזאַ מיאוס ביכל, ריין ביבולע־פּאַפּיר און מען נעמט דערפאַר מיינע בלוטיקע פינף קאָפּיקעס! אַ מוסר, זאָגט ער, זאָל איך מיר אַרויסנעמען, און מוסר פאַר פינף קאָפּיקעס ק אָ ן איך קויפן? מיט־אַמאָל וויל ער רייך ווערן...

אומזיסט וויל איך זי איבערצייגן, אַז דר. בערדיטשעווסקי וויל נישט רייך ווערן, אַז עס מוז זיין אַן אַרויסגעבער דערינעון...

— אַרויסגעבער — שמעבער, אַבי אויסגענאַרט פינף קאָפּיקעס!

1902

די געלע פרעסע

א פינצטערע שרעק איז אָנגעפאַלן אויפן ליטעראַרישן געסל: די געלע פרעסע גייט! דער ערשטער שריט צום שאַנטאַזש איז געמאַכט געוואָרן! מיט אַן אייזערנעם טאַראַן האָט מען אויסגעהאַקט אַ שפּאָרעוודיק לאָך אין דער פעסטונג־וואַנט, אונטער וועלכן מען האָט זיך אַזוי רואיק, אַזוי זיכער געפילט...

„פּראָטעסטירן!"

די אַלטע, די גרויסע, די שטראַלנדיקע מוזן אַרויס מיט אַ פּראָטעסט...

און איך בין אַן אַלטער, אַ גרויסער, אַ שטראַלנדיקער און דאַצו נאָך אַ שוואַכער מענטש!

בנוגע צום ייִדישן טעאַטער איז אַש גערעכט, אַזאַ יאָר אויף כל ישראל! און פונדעסטוועגן, אַז דער לייב אין גאָלדפאַדענס בר־כוכבא שטעלט זיך אינמיטן דרינען אויף די הינטערשטע פיס און גענעצט, און דער פּרייטיק־ און שבת־צו־נאַכטסדיקער עולם פּאַטשט בראַוואָ, אָדער ווען די „ייִנגלעך" אין „פאַמיליע צבי", וואָס פאַרלירן די העקלעך און די דרענגלעך פון די דאַרע הענטלעך אַרויס, רופן: מיר זינגן! מיר זינגן! און דער אויבנדערמאָנטער טעאַטער־עולם שרייט: „הוראַ!" — פּאַטש איך מיט, אַז די הענט ווערן מיר געשוואָלן, און שריי „הוראַ", ביז איך בלייב אָן אַ האַלדז, כאָטש איך ווייס אויף קלאָר, אַז די „ייִנגלעך" ציטערן אַפילו פאַרן אייגענעם פּאַפּירענעם כלי־זיין — אַזוינע פּנימער האָבן זיי, די סטאַטיסטן אויף כמעלנאַ, און כאָטש עס איז ביי מיר קיין צווייפל נישט, אַז דעם לייב פון בר־כוכבא ווילט זיך, נעבעך, גאָר עסן, נישט גענעצן...

וואָס דאַרפט איר מער: אין גאַס, אַז דער עולם הייבט אָן לויפן, מאַך איך פיס, צי איך זע אַ ביקס, צי ניין; איך האָב מיך אַפילו קיין צייט נישט אומצוקוקן! און קוק איך אַמאָל, פאַרן אַראָפּגיין, אין גאַס אַראָפּ, און זע מענטשן אין קאַלאָשן און ווינטער־פּאַראַסאָלן, הייב איך שוין צום הימל קיין אויג נישט אויף, און נעם אַ פּאַראַסאָל מיט קאַלאָשן!

און דעריבער, אַז עס איז אַ געשריי געוואָרן „פּראָטעסטירן" — האָב איך געזאָגט: „פּראָטעסטירן!", כאָטש די חתימה צום פּראָטעסט האָב איך געמאַכט מיט אַ פּאַרציטערטער האַנט, און דאָס האַרץ האָט דערביי געקלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן...

וואָרום „ביני ובינך" — ליבע לעזער! צווישן פיר אויגן און אויער אויף אויער בין איך דווקא צופרידן מיט די ביטערע קריטעכצער, וואָס הייבן אָן שפּראָצן אין אונדזער גן־עדנדל... סימן־טוב ומזל־טוב! — די געלע פּרעסע האָט זיך באַוויזן? — אַ מחיה! אַ קאַצן־שפּרונג צום שאַנ־טאַזש? — נאָך בעסער! דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר אַנטוויק־לען זיך, אַז אונדזער ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך, אַז —, להכעיס די ציוניסטן און די ס. ס.־אָווצעס — וואַקסט אין גלות אונדזער קולטור, ווי אויף הייוון!

און איך וויל עס אייך מסביר זיין מיט אַ משל; איר ווייסט דאָך, כ'בין אַ שטיקל גילגול פון דובנער מגיד! שטעלט אייך פאָר, ליבע לעזער (אַלע לעזער זענען מיר ליב), אַ משפּחה אין אַ מידבר — איינע אַליין אַ פאַמיליע אין אַ סטעפּ! מוז, נעבעך, דער קאָפּ פון דער פאַמיליע זיין אַלץ צוזאַמען! אי טאַטע פון קינדער, אי זייער לערער, אי זייער שטראָפער און שמייסער... און ווערט, לאַ־עליכם, אַ קינד קראַנק, מוז ער נאָך זיין זיין רופא, בחרפתנו, אַפילו אַ קליסטירל מאַכן... און מאַכט זיך עפּעס, גאָט־באַהיט, אַ קינד אויפן קעפּל, מוז ער אים אייגנהענטיק די הערלעך אויס־רייסן... און שטאַרבט, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ קינד? נאָך זיין קברן ווערן! און אַז די קו פאַלט אַוועק? מוז ער ווערן וועטערינאַר! און אַז דער הונט אויפן הויף ווערט משוגע? — הונטשלעגער! און אַז עס זאַמלט זיך אָן מיסט אויפן הויף? מוז ער נעמען שירץ און בעזעם און אויסקערן! — און דער איינענער מוז זיין פונדעסטוועגן אי טאַטע, אי קידוש־ און הבדלה־מאַכער, און פאַרלאַנגט פאַר זיך דרך־ארץ!

אָבער, אַז די משפּחה צעוואַקסט זיך? אַז מיט דער צייט ווערט פון פעלק אַ דערפל, פון דערפל — אַ שטעטל, אַ שטאָט — אַ שטיקל מדינה — — ווערט שוין די אַרבעט צעטיילט! איז איינער טאַטע, דער צווייטער לערער; אַ בעלפער, צום שמייסן און פעקלעך מאַכן, פאַראַן באַ־זונדער; עס באַווייזן זיך עקסטראַ קליזע־פּאָמפּע־מאַכער, האָר־צופּער, דאָק־טוירים, ספּעציעלע מיתעסקים, קברנים און — הינטשלעגער!

דאָס זעלבע איז און האָט געמוזט זיין און געשען אין דער ליטע־ראַטור.

איך בין נישט קיין הײנטיקער און געדענק נאָך גאַנץ גוט די צײט, װען עס זענען געװען אײנגאַנצן צװײ־דרײ כּהנים אין בית־המיקדש! אַלץ האָט געמוזט קומען אױף זײערע הענט. דאָס זענען געװען: אי שירים־ אי פּראָזע־שרײַבער; און דאָס זעלבע ליטעראַטיקל־מאַכער, פּעליעטאָנען־קלאַפּער, נײַעס־שיטער און אינמיטן דערינען װערן אַ װעלט־חכם און פּאַרטײטשן, װאָס אַ דונער, װאָס אַ בליץ איז... מיט אײן װאָרט: אָנטון גלעקלעך, אַרײַנלױפֿן אין קדשי־קדשים מיט אַ פֿאַן װײַרױך, אַרױסלױפֿן און מאַכן „חיק" מיט אַן אָקס אױבן מיזבח, און באַלד כאַפּן אַ בעזעם און אױסקערן!

אָך און װײ איז געװען צו די יאָרן!

הײַנט, אַז מען האָט זיך געמערט און געפּרובפּערט, בּיפֿרט לעצטנס, אין דער צײַט פֿון דער סטאָליפּין־פֿרײַער פּרעסע, איז שױן, דאַנק זײַן ליבן נאָמען, די אַרבעט צעטײלט; יעדער האָט זיך זײַן װינקעלע, זײַן ספּעציאַליטעט, אײנער זינגט, דער צװײטער דערצײלט, דער דריטער שרײַבט חכמות, דער פֿערטער װיצלט זיך, דער פֿינפֿטער און אפֿשר דער זעקסטער צי דער זיבעטער — פֿירט טאַקע מיסט!... מען דאַרף דאָס אױך!

אמת, עס טרעפֿט, אַז די מיסט־שלעפּער שרײַבן אַמאָל שירים אױך...

אָבער, ערשטנס, איז יעדע אױסנאַם נישט מער, װי אַ באַװײַז אױף דער רעגל! צװײטנס, האָט יעדע קאַץ איר מערץ און יעדעס הארץ, אַפֿילו פֿון אַ קוימען־קערער, זײַן מאַי! װען עס װערט אַזױ װײך, און עס זינגט זיך: טיו... טיו, טיו... און דריטנס — האָט קײן פּחד נישט! דער מיסט־פֿירער װעט צום שכל קומען! ער װעט דערקענען זײַן פֿאַך, דערגײן זײַן מיסיע, צוליב װעלכער ער איז באַשאַפֿן געװאָרן! נישט אַזױ געשװינד דערקענט זיך אַ מענטש, און אײדער מען קומט אױפֿן רעכטן װעג אַרױס — זינגט זיך אַמאָל אַביסל פֿאַלש! מיט דער צײַט קומט די הילף!

די ליטעראַטור קאָן שױן נישט זײַן כּל־בו, װי אַ קלײנשטעטלדיק געסל! עס מוז זײַן אַ גרױס־שטעטישע גאַס! דער רינשטאָק, װאָס פֿירט אָפּ דאָס אומרײנע, גײט אין די זײַטן, רעכטס און לינקס, װער עס איז אַ דבר־אחר, מהיכי־תיתי, לײג זיך אַרײַן! אַז נישט, גײ אַריבער טרוקן, אין דער מיט! דאָס איז שױן דער צװײטער משל!

אמת, אַ משל איז נאָך קײן באַװײַז נישט! אָבער מקרב אל הדעת איז עס!

און װאָס אַמבאַלאַנגט דעם עצם ענין, װאָס די געלע פּרעסע, די ערשטע נײַ־געבױרענע, איז שױן באַפֿאַלן אַ ליטעראַט, איז קײן גרױס

אומגליק נישט!... די ליטעראַטן, פּונקט אַזוי ווי פּרויען, האָבן ביז אַהער פּאַרנומען אַ געקינסטלטן פּלאַץ, אַ פאַלשן אָרט אין אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן! אָדער אַ גאָרנישט, אַ צרה, אַ מישלחת, אָדער אַ מלאך; קיין מענטש קיינמאָל נישט! שלאָגן זיך מיט אַ יידענע, ביפרט אין גאַס, אָפּחשבונען זיך עפנטלעך מיט אַ ליטעראַט, קומט אויס עפּעס קראַטיש, אויסטערליש, ווילד! פאַרוואָס? שוין צייט אָפּצורייסן מיט די אַלטע מינהגים, אַרויס־שלאָגן זיך די אַלטע איינרעדענישן פון קאָפּ, אַז אישה איז אויך אַ בשר־ודם, נישט מער, נישט ווייניקער, און אַ ליטעראַט איז אַ מענטש, וויי־ניקסטנס דאַרף ער זיין אַ מענטש... און דאָס, וואָס אַ קראָ רייסט אויס ביי אַ צווייטער איין אויג, וואָס איז דאָס געוואַלט? דווקא ביי פ ר ע מ ד ע ?

און דער עיקר — ברענגט עס אַ גרויסן נוצן דעם פּובליקום, אויב עס איז נאָר דאָ! אויב די קו, וואָס מיר, לעכצנדיקע צו מילך, מעלקן איז פאַראַן, אויב זי איז נאָר קיין פּוסטער חלום נישט, — קאָן זי ווערן אויס קו!

דאָס פּובליקום — אָן משלים געוועדט — מוז זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז ליטעראַטן זענען מענטשן, וואָס אַרבעטן און פאַרדינען מיט דער פעדער, ווי יענער מיט דער האַק און דער מיט דער נאָדל... און אַז עס טרעפט זיך און אַ ליטעראַט — אויך אַ מענטש! גנבעט בענדלעך אין קראָם, אָדער קישקע אין יאַטקע, קומט אים תפיסה, גלייך מיט אַלע, אויב אַלע גנבים קומט תפיסה... און אַז ער גנבעט נישט, און די גנלע פּרעסע, וואָס קאָן זיך נישט דערוואַרטן, ביז עס וועט ווירקלעך עפּעס געשען, און טראַכט צופאַר אויס, און עס קומט צו לשון־הרע, רכילות, בילבולים און אַלערליי שקרים — איז נאָך בעסער!

דאָס פּובליקום, וואָס דאַרף ווערן אויס קו, דאַרף זיך צו אַלעם ערשטן אָפּגעוויינען פון אַ מיאוסן פעלער, און דער איז דאָס, וואָס דאָס היינטיקע פּובליקום, אויב עס עקזיסטירט, שאַצט אָדער צו הויך אָדער צו נידעריק דעם ליטעראַט, שאַצט צו הויך אָדער צו נידעריק יעדעס גע־דרוקטע וואָרט. אָדער עס איז „שמאָכטעס", „מעשה־ביכלעך", בטלנות, אָדער פאַרקערט: הייליקע נביאות, נישט אָפּצוווענדן, נישט איבערצו־שפּאַרן! זיי ווייסן נישט, אַז אַ מענטש שרייבט, ווי אַ מענטש רעדט... ווי ווער און ווי ווען...

אין געוויינלעכן לעבן, אַז עמעץ עפנט דאָס מויל און זאָגט עפּעס, שרייט מען נישט תוך־כדי־דיבור: שקרן! אויך שפּרינגט מען נישט דריי

מאָל קדוש, פאַר דער צייט, מען טראַכט נאָך, קלערט איבער, מען ווערט געוואָר, מען זאַמלט ידיעות, — מענטשלעך! וואָס הייסט זיך „פאַרלאָזן”? אָבער דאָס געדרוקטע האָט נאָך גאָר עפּעס אַנדערש...

און דאָס איז שלעכט!

דאָס געשריבענע וואָרט האָט געקאָנט קרעדיט האָבן פּאַרצייטנס, ווען אַ פעדער אין דער האַנט האָט געהאַלטן איינער אין אַ שטאָט, און דווקא אַ גרויסער! ווען מיניסטאָרן האָבן צוגעלייגט סטעמפּל, אָדער דעם אין טינט איינגעריכטן גראָבן פינגער אויפן פּאַפּיר בימקום אַ חתימה... ווען דער סיגנעט האָט נאָך געשפּילט די גרויסע ראָלע, ווי אין אחשוורושס צייטן! דאָס גרויס, ערלעך און כמעט הייליק האַלטן פון געדרוקטן וואָרט, האָט געהאַט זיין ווערט אין גוטענבערגס און קוים עטוואָס שפּעטערע צייטן, ווען אויף דער וועלט זענען צוויי דריי דרוקן געווען, און פון אונטער דער פּרעס פלעגן אַרויס סאַמע תנ"כלעך, ש"ס, גמראָס, אָדער חכמת יון: אַריסטו! הײנט — ווען אַלע ייִנגלעך שרייבן, ווען אין אַלע גאַסן ווערט געדרוקט, דאַרף זיך דאָס פּובליקום אויסלערנען: שאַצן! יעדן געבן זיין אָרט, זעלטן שענקען צוטרויען, זעלטן געבן קרעדיט, און צו דעם הויכן שטאַפּל וועט דאָס פּובליקום קומען אַ דאַנק דער געלער פּרעסע! דאָס קינד מוז פאַלן, עס זאָל זיך אויסלערנען גיין!

און דעריבער נאָכאַמאָל: לעבן זאָל די געלע פּרעסע!

זאָל זי זיך גראַבלען אין מיסט — אין פּריוואַט־לעבן, מיין איך, עס שאַדט נישט! דאַקעגן קאָן זיין נאָר די אַלטע באַלעבאַטישע מאָראַל פון קלאַפּ־שלעסער און פאַרהאָנגענע פענצטער. די מאָראַל אין זיידענע, אָבער אין פאַרדאָסטע (זייט מיר מוחל) אונטער־רעק... די עטיק, וואָס איז געווען נאָר אַ שויץ־מאַרקע פאַר חניפה, צביעות, שיינהייליקייט און כל־דאָס־בייז... נאָר די אַלטע גבאיטע מיט די יונגע חטאים האָט געמאַכט אַן אונטער־שייד פון „רשות־הרבים”, „בפרהסיא” און „אונטער פיר אויגן”, „בחדרי־חדרים”!

וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן? פּריוואַט לעבט אַ מענטש אין אַ מידבר, פּריוואַט לעבט אַ פּרוש אין וואַלד, אפשר נאָך אַ פּאַרצייטיקער בטלן הינ־טערן בית־המדרש־אויוון. אַ מענטש צווישן מענטשן איז קיינמאָל נישט פּריוואַט. דער, וואָס טוט עפּעס, — ביפּרט דער, וואָס שרייבט! — לעבט און קאָן, דאַרף און מוז געשאַצט ווערן... אמת, דאָס אָפּשאַצן געהערט געזעלשאַפטלעך, עפנטלעך; דער מוז זיין, אָדער נוצלעך, אָדער שעדלעך, צום ריכטער, אָנקלאָגן צום פּראָקוראָר, מסרן צום שפּיצל און דאָס אויפ־

הענגען צום תלין... זענען טאָקע דערויף פאַראַנען ספּעציאַליסטן אין דער ליטעראַטור אויך... איינער האָט גלאַט ליב וויוויסעקציע... טו אים עפּעס!

און ווי געזאָגט, אָבער עפּנטלעך קריטיקירט דאַרפן ווערן אַלע און פריער פאַר אַלע דער שרייבער! ווער עס רעדט צום פּובליקום, געהערט צום פּובליקום! דאָס פּובליקום האָט רעכט צו פאַרלאַנגען, מען זאָל פון צייט צו צייט אַראָפּציען דעם טלית פון די, וואָס שטייען ביים עמוד, ביים שולחן און ווייזן אים, ווער עס בעט פאַר אים, ווער עס בלאָזט אים שופר!

אַמאָל פלעגט מען זאָגן: קריטיקירן דאַרף מען דאָס ווערק, נישט דעם אויטאָר. היינט: דעם אויטאָר, צוליב דעם ווערק! ווייל דאָס פּרצוף־פּנים פון באַהאַלטנסטן אויטאָר קריכט אַרויס אין זיין ווערק פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות! ווי ער זאָל זיך נישט פאַרשטעקן, ווען און וואָס ער זאָל נישט הייסן רעדן, וואָס ער זאָל נישט ווען לייגן אין מויל אַריין, — ע ר רעדט עס, ז יי ן האַרץ זאָגט עס! און אַ וואָרט — אַ מאַן! — אַ מאַן — אַ וואָרט! און דער פּאַשקוויל, אויב ער איז אַן אמתער, איז נישט מער, ווי אַ שליסל צו דער רעטעניש פון ווערק! מער און נוצ־לעכער אָבער איז דער פאַלשער פּאַשקוויל! דער, ווי געזאָגט, וועט ברענגען דעם לעזער דערצו, ער זאָל זיך אויסלערנען שאַצן, אַ מבין ווערן, דערקע־נען דעם אונטערשייד פון אַ לייב אין וואַלד און אַ לייב אויף גאָלדפּאַדנס סצענע, אין בר־כוכבא; פון אַן אָדלער אונטערן הימל, אַן אָדלער אויף דער מטבע, אַ געמאָלטן אויפן „מיזבח" און אַ פּאַפּירענעם אויפן טיש!...

ר' נחמנקע זאָגט: די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב דעם ווילן, און דער ווילן — צוליב דער ברירה! אויסקלייבן, ווילן דאַרף אַ מענטש!

און אַצינד גייט ערשט דאָס געדיכטע:

אויב די שרייבער האָבן זיך דיפערענצירט, מוז זיך אויך דיפערענ־צירן דאָס „פּובליקום". שוין צייט, עס זאָל אויפהערן צו עקזיסטירן דער „הויפן" — לעזער! די „מאַסע"! די מענגע „צייטונג" און בראָשורן־שלינגער" (ביכער זענען אויס דער מאָדע אַרויס), וואָס האָבן קיין פיזיאָ־נאָמיע — קיין פּרצוף־פּנים נישט, — עפּעס אַ שטיק ג אַ ל אַ ר ע ט ע! יעדע אַ ר ט שרייבן, יעדער שרייבער אפילו מוז האָבן זיין פּובליקום „ג. פ." — אויך!

און אויף זיין אייגן פּובליקום געשטיצט, וועט דער שרייבער בלייבן מענטש!

ער דאַרף אַפילו נישט זיין פון קריסטאַל, עס זאָל אים די געוואָר־פענע בלאַטע אַפילו פייכט נישט מאַכן... געגוג, ער וועט האָבן אַ מענטש־לעך פּנים, — מיט איין וואָרט אַ פּנים! וועלן וויניקסטנס זיינע מענטשן וויסן, אַז אויפן פּנים וואַקסט קיין בלאָטע נישט, אַז דאָס איז דורכגע־פאָרן אַ גביר פון דער „גנעלע פרעסע" און האָט עס מיט בלאָטע באַ־שפּריצט! און דער עולם זיינער וועט לויפן, ד ע ר — מיט וואַסער, י ע ־נ ע ר — מיט אַ האַנטוך — און שטיל, גאָר אָן פּראָטעסטן...

דאַכט זיך, אַזוי איינפאַך!

און דאָך ווילט איר געלע און גרינע מתים זעען? פאַרמאַכט די לאָדן בייטאָג, לעשט אויס ליכט און לאָמפּן ביינאַכט, און שלאָגט מיט אַ ריטל אין אַ טעלער מאַגנעזיע! — אָדער, וואָס איין וואָרשע איז לייכטער צו באַ־קומען — רופט צוזאַמען עטלעכע ליטעראַטן און לייענט זיי פאָר אַ שטיקל „געלע פרעסע" — — —

צי האָבן מיר קיין פּובליקום, צי קיין מענטשלעך פּנים נישט?

מיכל גאָרדאָן

אינעם „הויז־פריינט“ 1888 האָט אונדזער מיטרעדאַקטאָר פאָלגנ־דעס איבער מיכל גאָרדאָן געשריבן:

„נאָך איידער די וועלט האָט גאָלדפאַדענס לידער געקענט, זע־נען שוין באַקאַנט און מיט ליבע אָנגענומען געוואָרן די לידער פון אונדזער עלטסטן פאָלקס־דיכטער ה׳ מיכל גאָרדאָן. און ווער געדענקט זיי נישט עד־היום, כאָטש זיי לעבן שוין פערציק יאָר! ווער קען נישט דעם „ייד אין גלות“, ווער האָט עס נישט געזונגען, על־כל פנים נישט געהערט זינגען!“

דער ה׳ דינעזאָן האָט באַזוכט דעם געלערנטן פּריידיקער, דעם באַ־רימטן אברהם גייגער, וועלכער האָט אים געפרעגט איבער דעם גענאַנטן געדיכט. ה׳ דינעזאָן האָט עס אים פאַרגעזונגען און אויפגעשריבן. הער גייגער איז אַנטציקט געוואָרן איבער דער סטראָפע:

„זיי זאָגן, זיי וועלן אים לעשן דאָס פייער וכו׳“

„דיזע סטראָפע, — האָט זיך אָנגערופן גייגער, — דאַרף יעדער ייד אינזינען האָבן בשעת ער זאָגט שמע ישראל“. גייגער אַלס דייטש און רעפאָרמאַטאָר איז קיין גוטער פריינט (באַמערקט ה׳ דינעזאָן דאָרט) דעם זשאַרגאָן נישט געווען, נאָר „דער ייד אין גלות“ מאַכט אויך שונאים פאַר גוטע פריינט.

מיכל גאָרדאָן איז וויניק באַקאַנט געווען אין דער ליטעראַטור, ווייל אונדזערע העברעאישע, פּוילישע און רוסישע שריפטשטעלער מאַכן שטענ־דיק אַ שוויג איבערן טון און ווירקן פון זשאַרגאָן. פאַר דאָס אָבער האָט יעדעס יידיש הארץ, נישט וויסנדיק זיין נאָמען, זיינע לידער געקענט.

מיכל גאָרדאָנס לידער זענען די ערשטע וועקונג צו בילדונג געווען. זיין אידייע איז אַמבעסטן אויסגעדריקט אינעם ליד:

„שטיי אויף מיין פאָלק, נענונג דיר צו שלאָפן,
שטיי אויף און מאַך שוין דיינע אויגן אָפן,
וואָס איז אויף דיר אַליין אַזוי אַ גרויס בלאָג,
וואָס דו אַליין שלאָפסט ביז האַלבן טאָג... וכו׳“

וועלכעס מען האָט דערנאָכדעם איבערגענוצעוועט און אויף פאַר־שידענע אופנים פאַרדאַרבן.

וואָס האָט מיכל גאָרדאָן, ז"ל, געוואָלט מיט זיינע לידער?

ער איז געווען אַן אמתער ייד, ער באַזינגט גאַנץ הויך און אַנטציקט זיך מיטן יידישן העראָאיזם, וואָס טראָגט זיין הייליקע תורה איבער ימים אַרויס פון שריפות:

„נישטאָ א שטיקל ערד מיט מענטשן באַזעצט,
וואָס איז נישט געווען מיט מיין בלוט באַנעצט,
וואָס איטלעכער בוים, וואָס איטלעכער שטיין
האָט דאָרט נישט געהערט מיין ביטער געוויין.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„מען האָט מיך געטראָטן, געבויגן, געבראָכן,
געהאָנגען, געטרענקט, געוואָרפן, געשטאָכן,
מען האָט מיך פיל מאָל אויפן ראָד געצויגן,
מיין ווייב און מיין קינד פאַר מיר אין די אויגן".

באַוויינט ער די יידישע צרות, דאָך, דאָך האַלט ער זיך זיינס:

„דורך וואַסער און פייער גיי איך מיר איבער,
דורך טויזנטער שפּיזן, גרויס ווי א גיבור,
איך טראָג מיר מיין פּאַן אָן פּחד, אָן מורא,
אין האַרץ מיין אמונה, אויפן פּלייצע מיין תורה!"

און דאָך, פאַרשטייט ה' מיכל גאָרדאָן, איז פון דאַנען נישט גע־דרונגען, אַז יידן דאַרפן זיין אומגעבילדעט, אומריין און אַבערגלויביש.

דער אַבערגלויבן איז דער ציל פון זיינע וויצן, און די וויצן זענען ניינציק פּראָצענט פון זיינע לידער.

אינעם ליד „די באָרד" וויינט אַ יידיש פרום ווייבל נאָך דעם מאַנס באָרד, עליה השלום! עס דאַכט זיך איר, אַז נאָך אזא חטא דאַרף די וועלט אונטערגיין, זי וויל נישט אַ מאַן אָן אַ באָרד, זי וויל זי צוריק, זי טופּעט מיטן פוס: די באָרד זאָל ווערן צוריק!

„די באָרד זאָל מיר ווערן, ס'גייט אונטער די וועלט,
די באָרד זאָל מיר ווערן, אַ האָר נישט געפעלט,
די באָרד זאָל מיר ווערן, ווי געוועזן גרויס!
די באָרד זאָל מיר ווערן, איך האַלט עס נישט אויס!"

זי האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עס וועט זי אַן אומגליק טרעפן: זי האָט שוין לאַנג אַ חשד אויפן מאַן, אַז ער איז פון „יענע לייט", און עס האָט זיך איר פריער געחלומט זיין באָרד און לעבן איר — דער שטן המשחית — אַ שער.

ווי לאַנג זענען דען די צייטן, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז דער ייד שטעקט נאָר אין דער באָרד! די באָרד איז הייליק! נעגל באַהאַלט מען, אָדער מען פאַרברענט, אַ האָר פון אַ יידישער באָרד גייט העכער, זי לייגט מען אריין אין אַ הייליקן ספר אריין!

אונדזער פרומע יידענע וויל זיך מיט דער באָרד באַגיין אַזוי, ווי מיט הייליקע שמות, אַזוי ווי מיט אַ צאָפּ — אַ בכור — אַ ניפטר! זי וויל גיין אויפן הייליקן אָרט, אויסגראָבן אַ גריבל און באַהאַלטן די באָרד!

„געוואַלט, — בערדעלע", בעט זי זיך גאַנץ ערנסט. „האָב נישט פאַראיבל!"

ווי טראַגי־קאָמיש איז דער יידישער פעטעשיזם.

אינעם ליד „דער גט" טרעט די אומגליקלעכע פרוי נאָך מער בולט אַרויס. איר מאַן מוז אָוועק קיין פּאַלטאַווע, נישט חלילה זי אַן עגונה צו לאָזן, נאָר פאַרקערט, עס זעט אויס, ער איז געפאָרן פרנסה זוכן, ער פאַרגעסט נישט זיין ווייב; וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זי, זי איז דערפון נישט צופרידן! מעשים רעים טוט ער דאָרט, דער מאַן, אַז די באָרד גע־שוירן, פאַרשטייט איר אַליין, נאָר ליידער נאָך עפּעס, ער גייט אַפילו אַמאָל אָן אַ היטל, ער פאַרגעסט לאַנג אָן „והוא רחום", קורץ און גוט —

„— — — — — אַ חרפּה אין אַ זייט,
מען זאָגט, אַז ער איז — געוואָרן פאַרשייט!"

דאָס גאַנצע אומגליק איז נאָך דאָס, וואָס ער קאָן לערנען. וואָלט ער אַ גראָבער יונג געווען, וואָלט ער גלאַט געזינדיקט, וואָלט ער נאָך אַ תקווה, אַ תקומה געהאַט, מאַלע אַ מענטש זינדיקט, מען טוט אַן עבירה, נאָר מען טוט אויך תשובה; ער קאָן אָבער לערנען:

„ער זאָגט: מע מעג, אָט־דאָס איז די צרה —
וואָס ער האָט געלערנט אַ שטיקל גמרא,
אַלץ, וואָס ער טוט, זאָגט ער, מע מעג,
אַזוי גייט ער אַראָפּ פון יידישן וועג."

און ווי נעטריי א יידיש ווייב איז, ווי ווייט זי גלויבט אין זיווג, כאָטש פערזענלעך האָט זי צו איר מאַן גאָר און גאָרנישט — בעט זי א גט.

„זאָגט דאָרטן מיין מאַן, אז איך, זיין ווייב, בעט,
ער זאָל מיר דורך אייך באַלד שיקן א גט!"

חסידים און חסידות און גוטע יידן לאָזט ער פון מויל נישט אַרויס, ער קאָן זיי נישט מוחל זיין זייער עזות, זייער אומריינקייט, זייערע מידות רעות, זייערע פאַלשע מופתים, נאַרישע מינהגים.

„ער וויל בילדונג!

די זון איז שוין לאַנג אַרויס אויף דער וועלט,
זי האָט אַלע מענטשן אויף די פיס געשטעלט,
נאָר דו אַליין ליגסט געקאָרטשעט, געבויגן,
או האַלטסט נאָך פעסט פאַרמאַכט דיינע אויגן.

איר מעגט האָבן א טענה, אַז די זון שטעלט נישט אויף די פיס, אַז אויב זי איז אַמאָל אויפגעגאַנגען, איז זי שוין איצטער ווייטער פאַרדעקט מיט שווערע פינצטערע וואָלקן — נאָר צי שיינט די זון דער מענטשהייט, צי ניין, צי גייט אייראָפּע צוריק, צי פאָרווערטס... מיר, מיר דאַרפן בילדונג! מיר, וואָס ליידן שוין טויזנטער יאָרן דורך דער וועלטס דומהייט, מיר, וואָס פּראָטעסטירן קעגן נישט־דולדן, קעגן פאַנאַטיזם, מיר טאָרן נישט אַליין בלייבן אומדולזאַם און פאַנאַטיש, א נישט, וואָס פאַר א ווערט האָט אונדזער פּראָטעסט? מיר שרייען אויף געצנדינער, מיר ליידן פאַר דער איינהייט גאָטעס, מיר לאָזן זיך ברענען און בראָטן און קוועטשן דריי טויזנט יאָר דעם אחד, און —

„ווי קומט צו דיר א געדאַנק א ווייסטער,
אַז גאָט דאַרף האָבן צו זיך א מיניסטער?"

— פון וואַנען נעמסטו מלאכים?

„זיי זענען אָפּגעטער,
דאָס האָסטו גענאַשט פון עישוו, דיין פעטער!"

אונטערן וואָרט בילדונג פאַרשטייט ער נישט די פאָרעם, נישט דעם „אויבערמאַנטל", ער מיינט אמתע מענטשן־בילדונג, וועלכע:

„...רייניקט דאָס האַרץ גאַנץ גוט
פון שלעכטע מידות, פון אומריינעם בלוט,
עס מאַכט גוט קינד צו פאָטער און מוטער,
עס מאַכט צו מענטשן אַ מענטש אַ גוטער!"

אויך ענדערט זי דעם פאַרקער מיט גאָט:
„צי ביסטו משוגע, וואָס ליגט אין דיין מוח?
וואָס שרייסטו צו גאָט, וואָס רייסטו מיט כוח?
דער גאָט דער גרויסער — ער איז דאָך נישט טויב,
פון דעם קלענסטן ווערעמל הערט ער זיין לויב..."

ערלעך און פיין און געבילדעט איז מיכל גאָרדאָנס מוזע. זי איז נישט פאַרקאָסעט, נישט פאַרפּעפּערט, האָט נישט קיין „פּאַרסאַליעטן פּע־רעדניק"...

אים געראָט נישט אַפילו קיין ראָמאַנטיש ליד (די שטיפמוטער), זי איז די עכט יידישע מוזע...

מיכל גאָרדאָן איז געשטאָרבן!

.1890

מענדעלע

די צייטן פון „איינציקן אין ווערקשטעל" זענען פאַרביי, די ליטעראַטור האָט זיך דיפערענצירט. אַרטיקלען, קריטיקן, דערינגערונגען א. ד. ג. וועלן שרייבן אַנדערע; איך וויל מענדעלען ערן.

און דאָס טוען אַלע, דאָס האָט שוין דאָס פאָלק אין דער גרויסער מאַסע לאַנג געטון. דאָס פאָלק האָט אָנערקענט זיין אַרבעט און רופט אים אויף זיין אַרבעט. נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דאָס איז אַ פּריוואַט־נאָמען, אַ נאָמען פאַר אַ ווייב און קינד און פאַרן מעטריקול־שרייבער און פּאַספּאָרטן־געבער; דאָס פאָלק רופט אים „מענדעלע מוכר ספרים", מאהבת הקיצור — „מענדעלע", אויפן נאָמען פון זיין בעסטער קרעאַציע.

און מענדעלע איז ווערט דעם כבוד.

ער איז נישט נאָר דער עלטסטער צווישן די לעבעדיקע שרייבער, ער איז אויך, און דער עיקר — דער ערשטער. בויט זיך אַ ליטעראַטור, האָט ער עס דעם עקשטיין געלייגט: ער איז דער ערשטער, וואָס האָט, נאָך אַ קורצער צייט פון זייטיקע פּראָבן, אָנגעהויבן שרייבן לשמה, ריינע קולטור־ווערטן צו באַשאַפן...

און ער איז דער ערשטער, וואָס האָט נישט באַטראַכט זיין אַרבעט אַלס אַ בריק (אום מעגלעכסט מיט זיין לשון צו רעדן) „אַריבערצופירן די קליאַטשע, זי זאָל זיך פּאַשן אין אַן אַנדער פעלד".

ער איז דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט ליבע און אַכטונג צו זיין קינסטלערישן אינסטרומענט — צום יידישן וואָרט, און האָט עס געהאַלטן און דערצויגן ריין; נישט געמאַניזירט, נישט רוסיפיצירט, נישט אפילו אייראָפּעאיזירט, און ער איז דעריבער דער ערשטער, וואָס האָט אַ יידישן סטיל באַשאַפן, זיין אינדיווידועל יידישן סטיל. אַזוי רעדט מענדעלע אויפן לשון פון זיין פאָלק... און רעדט ער העברעאיש, ווי ער מיינט — צוליב דער אייביקייט, אָן וועלכער ער וויל און האָט דאָס רעכט צו קלאַמערן, שרייבט ער יידיש־העברעאיש, אַזוי וואָלט דאָס פאָלק גערעדט, ווען עס וואָלט גערעדט העברעאיש...

און ער איז דער ערשטער, וואָס האָט מיט אָפענע, יידישע און מיט פרעמדע ברילן נישט פאַרשטעלטע אויגן אויפן יידישן לעבן געקוקט; יידיש־אייגנאַרטיק עס געצייכנט, די פאַרביקע שטעלן געמאָלט, אָן פרינ־ציפּן און וואָלקן און נעבלרייטעריי, דאָס אָרעמע יידישע לעבן — די ווירקלעכקייט...

און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען און צו זיין דור משכילים און קולטור־טרעגער געזאָגט: „פון רעפאָרם, רעדט איר, פון השכלה, — דאָס פאָלק דאַרף ברויט", און דער ערשטער, וואָס האָט דער־זען דעם קהלשן בעל־טובה אין זיין ווירקלעכן געשטאַלט און דעם אינטע־ליגענט פון זיין דור בשעת ער כאַפּט זיך אַרויף רייטן אויף דער קליאַטשע...

און נאָך אין פיל, פיל זאַכן איז מענדעלע נישט נאָר דער עלטסטער צווישן די לעבעדיקע, נאָר אויך, און דער עיקר — דער ערשטער, דער דערפינדער, דער באַשאַפער.

זאָל ער אונדז נאָך בלייבן אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן! —

.1910

שלום־עליכם [1]

שלום עליכם איז דער פּאָפּולערסטער פון אַלע אונדזערע שרייבער און דיכטער; ער איז דער מייסטער פון לאַכן, און די גרויסע מערהייט — זיינע אָנהענגער; ווער עס קען לעזן, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען — זיין לעזער, און ווער אויערן האָט, אַז ער אַליין לעזט — זיין צוהערער, פולע הייזער: באַלד דעם ערשטן טאָג נאָכן ערשטן אָנאָנס — אויספאַרקויפטע בילעטן.

ווער איז פון שלום עליכמען נישט צופרידן?

דער אַסימילירטער ייד, וואָס לעכצט נאָך אַ יידיש ווערטל, נאָך אַ פיין־געשפּיצטן יידישן וויץ, נאָך אַ יידישן ביטול־וואָרט — געפינט עס ביי שלום עליכמען.

דער באַלעבאָס שמעלצט זיך אין שלום עליכמס ווערק, ווי אַ קניידל אין פּוטער. אַן ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע האָט נאָך פריער שלום עליכם געהאַט אין באַלעבאַטישן „חובבי שפת עבר". ביים לאַכן פאַרדייעט זיך דאָס עסן זייער גוט, דער מאָגן אַרבעט פיין.

און נידעריקער גענומען, ווער נאָר ברויט האָט, אַ טרוקן עסן, אָנ־פאַר־ביי־און נאָך געשמאַק, און — אַזאַ לעבן, באַקומט ביי שלום עליכמען דאָס, וואָס אים פעלט, דעם צושמאַק, און ער שמייכלט ליבלעך איבער זיין ווערק און איז אים דאַנקבאַר.

נאָך נידעריקער — דאָס פאַרטרויערטע, פאַרשאָטנטע באַדערפטיקע שטיק לעבן, אָן אַ שטראַל פון פרייד, אָן דער האָפענונג פרייער אַמאָל צו אָטעמען, אַ העכערן, גליקלעכערן לאַך צו טון, מיט אויגן — פאַרביקע שטראַלן איינצוזאַפּן, מיט די אויערן — קלינגענדיקערע טענער צו פאַר־נעמען, מענטשן אָפּהענטיקע, פאַרוואָרפענע — געפינען זייער טרייסט אין אוועקמאַכן דאָס לעבן מיט דער האַנט אינעם ביטול... אינעם ביטער־

---

1) אַ רעדע געהאַלטן דעם ערשטן טאָג פסח, 1913.

לעבן אויסלאַכן — דאָס איז דאָך ערשט רעכט שלום עליכם! ער שטעלט דאָך אַלץ אויפן קאָפּ, יעדע האָר פון וואַנץ לאַכט, יעדע באַוועגונג, וואָס ער מאָלט — אַזוי נאַריש־לעכערלעך.

נישט צופרידן מיט שלום עליכמען קאָנען קאָנען נאָר זיין די ראַדיקאַלע בלל־טוער... און דווקא די נישט זייער קלוגע, די גאַנץ קורצזיכטיקע...

— אַן אַפּלאַכער! — זאָגן זיי אויף שלום עליכם, — וואָס גיט ער?

— פרעגן זיי — צו וואָס רופט ער?

דאָס זענען די, וואָס מיינען, אַז זיי טוען און אַז זייער טון, ווי יעדעס מענטשלעך טון, איז אַ גאַנץ אָפּגעשלאָסענע אַרבעט. דאָס לעבן איז אַ שטיק ליים, זיי — די טעפּער, און כחומר ביד היוצר. ווילט איר — סקולפּטאָרן, מאַכן אַ קונסט־ווערק...

שלום־עליכם טוט נישט, רופט נישט צו טון, ער לאַכט... און זיי, זיי האָבן נישט קיין צייט צו לאַכן — אייביק פאַרנומענע הענט; יעדע סעקונדע האָט איר אַרבעט!

דער עטוואָס ווייטזיכטיקערער סאָציאַלער מענטש ווייסט עס נישט זאָגן, ער ווייס „לא עליך המלאכה לגמור"; נישט איין מענטש און נישט אַפילו איין געשלעכט הויבט אָן און ענדיקט אַן אַרבעט, נישט ער איז מחויב, נישט ער קאָן עס טון.

אין אַלט־פּויערישן הויז פלעגט געטון ווערן אַלץ, אָנהויבן און אַלץ פאַרפאַרטיקט. דער פּויער האָט געאַקערט, געבראָניעט, געזייט, געשניטן, אַראָפּגענומען פון פעלד, דורכגעאַרבעט מיטן צעפּ, געמאָלן צווישן שטיי־נער, געבאַקן און אויך געגעסן... די פּויערטע האָט פלאַקס פאַרזייט, פלאַקס געשניטן, אין וואַסער געווייקט, אויסגעקלאַפּט, פעדים געצויגן, אויף העמ־דער און ליילעכער און קליידער־שטאָף געוועבט און אויפגענייט, און דאָס הויז האָט די אויסאַרבעטונג געטראָגן. און דער, וואָס האָט דעם בוים אין וואַלד אויסגעהאַקט, האָט אים אָפּגעשיילט, צעזעגט, צעשניטן, אַ הויז גע־בויט און אַליין אין הויז געוווינט. וואַקסט די קולטור, שטייגט די אַרבעט, שטייגט זי איבער די פּאָר הענט פון איין מענטש, און די עטלעכע פּאָר הענט פון איין הויז, און אויך דעם ווייסן און פאַרשטאַנד פון איין קאָפּ און פון עטלעכע קעפּ. ווערט איין זאַך אויף טויזנטער פּאָר הענט צעטיילט, אויף הונדערטער פּלעצער געאַרבעט, ווערט זי איבער הענט און פּלעצער צעשפּרייט.

די סאָציאַלע אַרבעט ווערט נאָך פאַרטיילט צווישן צייטן, דורות — געשלעכטער גאַנצע זענען אירע אַרבעטער.

די קולטור — אַן אַלטע געביידע, האַלט שטענדיק אין איבערגעבויט ווערן... קראַצט איינער, און אָפּט אַ געשלעכט, דעם שימל פון מויערן און ווענט, באַזייטיקט איינער דאָס פוילע, דאָס קראַנקע. אַ צווייטער — גאַנץ אָפט אַ דור — קנעט ליים, נאָך אים אַ צווייט געשלעכט ברענט ציגל... קומען נאָך צייטן, ווען עס ווערט געבויט.

דער אָפּלאַכער שפּילט זיין גרויסע סאָציאַלע ראָלע — ער איז דער שימל אָפּקראַצער. נאָכן אָפּגעקראַצטן שימל זעט זיך ערשט דאָס פוילע, דאָס קראַנקע ארויס — ווען זיך שוין באַווייזן הענט צו באַזייטיקן, און דערנאָך הענט צו פאַרבויען.

אַן אָפּלאַכער איז שלום עליכם.

לאַכט ער אויס דאָס גוטע? דאָס געזונטע? דאָס שטאַרקע אין אונדז און ביי אונדז?

ער לאַכט אויס די לופט־שלינגענדע נע־ונדניקעס אין תהו ובהו.

זיי ווערן דורך אים אַנטפּלעקט, אַנטפּלעקטע מוזן זיי גיין... אַוועקגיין.

קענט איר שאַך־שפּיל? קענט איר די פיגורן אויפן שאַך־ברעט? זיי שטייען, זיי גייען, (נאַטירלעך, פון שפּילער געפירט), זיי פאַלן אַמאָל אָבער אויך, פון שפּילער־האַנט, פון שפּילער־טיש, פאַרקייקלען זיך ערגעץ, און גיי זוך זיי.

זענען פאַראַן הוילע פיגורן מיט אַ בלייערל. אַ געוויכט אינעווייניק. זיי שטייען שלעכט, וואַקלען זיך אין גאַנג, קאָנען אָבער קיינמאָל נישט פאַלן, אַוועק־קייקלען זיך און ערגעץ ליגן בלייבן; קאָנען קיינמאָל צו זייער רו נישט קומען... דאָס בלייערל שטעלט זיי אויף. שטייען זיי, גייען זיי וואַקלענדיק, פאַלן און שפּרינגען אויף און וואַקלען זיך ווייטער...

דאָס זענען די מנחם־מענדלס, שלום עליכמס פיגורן, מיט וועלכע ער שפּילט, און איר — לאַכט, און מיר — לאַכן...

איז דאָך צווישן הוילע שאַך־פיגורן מיט בלייערלעך אין שלום־עליכמס מנחם־מענדל אַן אונטערשייד פאַראַן. די שאַך־פיגורן, הילצערנע פיגורן, זענען נאָר קאָמיש; די לעבעדיקע מנחם־מענדלס, דערהויפּט — אַ טביה דער מילכיקער — זענען לעבערלעך, אָבער דערצו טראַגיש.

זאָל זיין טראַגי־קאָמיש.

זיי לעבן דאָך, זיי ליידן.

לאַכט איר דעריבער ביי שלום עליכמס ווערק, און אפשר פון אייך אַליין אומבאַמערקט, פאַרדרייט זיך אייך אַ טרער אין אויג, אַ שטילע טרער.

תפוצות ישראל לאַכט; זאַמלט דאָס געלעכטער, וועט איר האָבן קאַסקאַדן־געלעכטער.

זאַמלט די שטיל־פּאַרדרייטע טרערן, וועט איר האָבן אַ קרישטאָלענעם טרערן־טייך...

פּאַרטייטש איך גוט שלום־עליכמען?

אַז זיינע ווערק — בין איך זיכער; וואָס אים אַליין אָנבאַלאַנגט — נישט שטענדיק ווייס דער אַרבעטער פון טייל, דעם פּלאַן פון גאַנצן...

איך וואָלט געקאָנט מיין אויסטייטש באַגרינדן, איז אָבער ווייניק, וואָס שלום עליכם האָט צו אונדז געקאָנט קומען נאָך זעקס יאָר קראַנקייט — מיר ווילן, אַז ער זאָל אונדז לאַנג, לאַנג געזונט זיין, לאַנג לעבן און אונדזער שימל קראַצן... דערצו איז די לופט אין אונדזערע הייזער, אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען נישט גינסטיק... האָב איך אַ געדאַנק געוואָרפן, און איר, אויב איר ווילט, אַנטוויקלט אים אייך, לעזט נאָכאַמאָל שלום־עליכמען קאָנטראָלירט מיין געדאַנק און פּרווט אוים מיין גערעכטיקייט... איך האַק אָפּ און רוף, און בעט אייך מיטרופן:

געזונט זאָל זיין שלום עליכם!

.1913

אברהם רייזען

(„ערציילונגען און בילדער", תרס"ג, ווארשא, פארלאג „פראגרעס")

אברהם רייזען באזינגט די נויט, די איינפאכע נויט. אין זיינע געדיכטן, ווי אין זיינע דערציילונגען און בילדער, זענען „פינף קארטאפל א טראגעדיע"; קרענק, הונגער און קעלט — די וויכטיקסטע, כמעט די איינציקע מאטיוון... וואלט ער געוווינט אויף אן ארט אן וואסער, וואלט ער דעם דורשט אויך באנוצט... אדער וואלט א דריטע סטרונע באקומען און זי וואלט געקלונגען.

באלד, אין דער ערשטער דערציילונג „איוב", פאלן מיר אריין אין א „לעפיאנקע", וווּ חיים מלמד וווינט שוין א יאר דרייסיק, דאס הייסט: — זייט ער האט חתונה געהאט. אין „לעפיאנקע" איז אייביק נאס און אייביק קאלט, די כלי־בית זענען דורכגעפוילט און דעריבער אויך איז אומעגלעך זיך אויסצוציען; דער קאסטן, דער טיש וכדומה וואלטן דאס איבערטראגן נישט אויסגעהאלטן, און ניי „מעבל" קויפן איז ער נישט אין שטאנד.

און די פאמיליע האלט אין איין הוסטן... די גאנצע דערציילונג הוסט... ערשטנס — הוסט דער מלמד אליין; די מלמדיכע, זיין ווייב, און אויך די טאכטער — געלע. ביי געלען, רעכנט רייזען, איז שוין די „לעפיאנקע" נישט אזוי פיל שולדיק, ווי די ירושה. „א קראנקער טאטע, א קראנקע מוטער; זענען די קינדער אוודאי קראנק". דער „אוודאי" איז אפילו „לאו—דווקא" — נאר קראנק איז זי, הוסטן הוסט זי...

און געלע איז געל, ווי וואקס, הויך און דאר, און די אויגן איר'ע זענען איבערגעצויגן מיט א „טויטן טרויער"... ראטעווען זי איז אומעגלעך; נישטא פארוואס! דער טאטער, חיים מלמד, כאפט אמאל א גוזמא, און כאטש ער גלויבט נישט אין „חכמת הרפואה", גיט ער אמאל א זאג: געלע וואלט געדארפט א דאקטאר. ער האט שוין אזא טבע צו כאפן האגוזמות. אז עס איז נישטא אין שטוב א דרייער אויף ברויט און קיין פענונג אויף א דרייער אויף ברויט, גיט ער אמאל א זאג, גלאט פאר זיך,

אין דער וועלט אַריין: „מען וואָלט געדאַרפט אַ דריי־רובלדיקע". נאָר די גוזמאות זיינע, די „גלייכווערטלעך", געפעלן נישט אין שטוב. „ער הייבט שוין אָן זיינע חכמהלעך" — ברומט דאָס ווייב.

געלע — ווייניקסטנס איבער דער גאַנצער דערציילונג — שווייגט. די מלמדיכע הוסט ביז יציאת־נשמה, נאָר צו יציאת נשמה קומט נישט; זי הוסט זיך אויס און שרייט ווייטער. דאָס הייסט: זי שרייט ווייטער: ברויט! הערן הערט מען נאָר „חיים מלמד".

אַ חוץ גאַלגן־הומאָר צו כאַפּן אַמאָל אַ גוזמא ווען „אַ דרייערל" אין שטוב, אָדער אַ דאָקטאָר פאַר געלען, האָט ער נאָך צוויי תענוגים: די „ליולקע" און „איוב"! אָן אַ ביסל מאַכאָרקע איז ער אויס מענטש. דאָס ווייב זאָגט: „ער פאַרשיכורט די פּרנסה מיט מאַכאָרקע" — און אַז עס פעלט אים דער רויך, איז ער געפּועלט אַריינצולויפן צו אַ שכן, אַפילו צו אַן „אינו ישראל", באָרגן אַביסל מאַכאָרקע... און די ליולקע איז פאַר אים אי אַ תענוג, אי אַ טאָפּלטע רפואה; דאָס הייסט, אי פאַרן גוף אי פאַר דער נשמה: דער רויך צעפּירט אים דאָס ליחות פון גוף, וואָס ער וואָלט אַנדערש נישט אויסגעהוסט, און צעפּירט אים אויך די בייזע געדאַנקען אין מוח, וואָס וואָלטן דאָרט פאַרשטאַרט געוואָרן און פאַרגליווערט ביז שגעון... חיים איז דאָך מלמד, האָט אַ שייכות מיט גרויסע און קליינע אותיות, ווייסט פון שאלות, וואָס קהלת פרעגט און אַנדערע פרעגן, און ווען נישט די ליולקע, וואָלט ער זיי אפשר פאַרענטפערט גאָר „על פי דרך הטבע"...

פאַר דאָס איז „איוב" שוין אַ פּרנסה אויך. איוב־לערנט ער מיט די תלמידים. דעם נייעם זמן, קומט אַ נייער תלמיד.

— ווו האַלסטו אין „פּסוק"?

— ישעיה.

— ביי מיר וועסטו לערנען איוב.

און איובס הקדמה, די סצענע אין הימל, יאָגט ער דורך געשווינד... דאָס איז ביי אים, ווי אַן איבעריקע זאַך.

זינגענדיק ־ וויינענדיק הויבט ער ערשט אָן, ווען איוב עפנט דאָס מויל און פאַרשעלט דעם טאָג פון זיין געבוירן.

און באַלד פאַרגעסט ער, אַז ער האָט תלמידים פאַר זיך, הערט נישט זייער נאָכזאָגן מיט אַלע גרייזן; ער לערנט און זינגט וויינענדיק פאַר זיך!

טראַגי־קאָמיש איז יענקל ליבערמאַן („צוריק אויף דער שטעלע"), וואָס דינט אין וואַרשע פאַר דריי פּאַים. פאַרבענקט זיך אַמאָל אויך אויף יום־טוב אַהיים, אין קליינעם שטעטל אַריין — עס וועט זיין אַ נחת: ער וועט אייך דערציילן וועגן וואַרשע... אַ שפּאַס וואַרשע! ער וועט דערציילן פון בולוואַרן (אַ שטיקל טעות, ליבערמאַן און אפשר רייזען מיינען: — פּאַריז), וועגן טעאַטער, גערטנער, קאָנדיטאָרייען... און ער קומט און פאַלט אַריין! ער גייט נישט! די צונג דרייט זיך דערצו נישט איבער, און אינע־ווייניק, אין האַרץ, ווילט זיך אים נאָר עפּעס אַנדערש זאָגן, קלאָגן זיך אויף וואַרשע, אויפן פינצטערן לעבן דאָרט!

פון מויל דאַרפן אַרויספליען קאַרעטן, וויינ׳קסטנס דראָשקעס, גו־מענע רעדער; נאָר — רעד פון פרעמדן נחת, אַז פאַר די אויגן שטייט אים זיין פאַרחושכט צימערל אויף דער נאַוואָליפּקע... אויך אינטערעסירן נישט די זאַכן נישט דעם אַלטן טאַטן און נישט דער מאַמען! זיי ווילן בעסער הערן עפּעס וועגן אַ תכלית: פאַרדינט מען עפּעס געלט?

און זיי באַמערקן באַלד, אַז יענקל פּראַלט אין דער וועלט אַריין, אַז „עס איז נישט"...

— אמת! — ענטפערט דער פאָטער.

און יענקל צעגיסט זיך דאָס האַרץ. אַצינד וואָלט צייט געווען אויס־צוזאָגן דעם אמת, נאָר דער פּראַלער ליגט פון אויבן אָן און טוט מעשים. כאַפּט ער און שיט אויס אַ ליגן: „נאָך דריי טעג רייזע זעט מען נישט אויס בעסער"... דריי טעג? — וואונדערט מען זיך — פון וואַרשע פאָרט מען נאָר איין טאָג!" — „אָבער דאָס קלייבן" — ענטפערט יענקל און פאַרלירט זיך, וואָרום ער האָט נישט געהאַט וואָס צו „קלייבן" — וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אויפן לייב געבראַכט. און פון דעם, וואָס ער האָט גע־בראַכט, האָט ער אויך „צרות"... וויינ׳קסטנס אין גאַס: צי זאָל ער זיך עפענען דעם פּאַלטאָ און ווייזן דעם ראָק, אָדער באַהאַלטן דעם ראָק און ווייזן דעם פּאַלטאָ, ביידע זענען פיל נישט ווערט...

צרות, נאָר יענקל וויל זיך האַלטן אויף דער מדרגה, און, אַז ער שלאָגט נישט אָן מיט קאַרעטן, בולוואַרן וכדומה, כאַפּט ער זיך אויף שולן און בתי־מדרשים. בתי מדרשים אפילו (אויסער, אויף דער גנאַינאַ) נישט פאַראַן, אָבער שולן... דאָס הייסט: קיין שולן אויך נישט (אויסער צוויי), נאָר „שטיבלעך" מיינט ער... דאָרט דאַווענען חסידים... ממש משוגעים... קאַפּאָטעס, שטריימלעך... און מען רעדט: ענקער, יאַך, סאַרנע...

ער רעדט און אַלץ אַרום איז שטיל...

מען הערט נישט וועגן תכלית. די מוטער הויבט שוין אָן צו קלערן: „גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ מיאוסע פּרנסה ער האָט דאָרט".

„געוואַלט, וואָס שעם איך מיך?" — רייסט זיך יענקל אין אייגענעם האַרץ. נאָר דער פּראַלער לאָזט נישט; ער שווימט שטענדיק און לייכט אַרוים.

און אַז דער פעטער פרעגט אים: „בלייבסט שוין אַ היגער, יענקל?" — כאַפּט ער זיך אַרוים „ניין", און ער באַרואיקט זיך ערשט, ווען ער איז שוין „צוריק אויף דער שטעל", אין פאַרחושכטן שטיבל, אויף נאָוואָליפּקע, אין וואַרשע.

אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד, נאָר אַ בושה איז עס...

(נישט געענדיקט)

1903.

דוויד פינסקי („פאמיליע צבי”)

פאראן אייביק־פראגן, אייביק־רעטענישן.

אונדזער קערפער, מיט אלע זיינע געפיל־אינסטרומענטן וועט אייביק שטיין קעגן זיי אומבאהאלפן, אומגעלומפערט און אפ־העטיש, און די פארבענקטע, צום קוואל פון וויסן אייביק דורשטיקע נשמות וועלן שטענדיק זיי ארומפלאטערן מיט די שוואכע פליגל, און זיי אפברעכן, ווי זומער־פייגעלעך ביי א פלאם.

דאס איז דער קוואל פון אייביקן הארץ־ווייי, נשמה־מאטערניש, וועלט און מענטשן שמערץ — דער אייביקער קוואל פון פאעזיע.

א קערבערלעכע ווונד פליסט אוים מיט פוילעניש און טויט; זעלישע ווונדן — מיט פאעזיע, נשמות־קרענק — מיט פערל!

וועלט — לעבן און טויט — ליבע און האס... אט דאס זענען די פראגן... דאס זענען די קלאנגען פון אונטער דער ערד, פון איבער די וואלקן, פון אלע וייטן און ברייטן, וואס וועקן אונדז פון טיפסטן שלאף, וואס טרייבן די שענסטע אדם־וחוהס פון גן־עדן ארויס, וואס יאגן אונדז אן אויפהער אויף דעם ברייטן אומענדלעכן לעבנס־וועג פון פארשטעלונג צו פארשטעלונג, פארעם צו פארעם, וועלטן צו וועלטן, און אפשר פון חלומות צו חלומות, פון זייפן־בלאזן צו זייפן־בלאזן — ווער וויים?

אבער אונדזער לעבן וואלט צו א זומפ געווארן, ווען גאטס ווינטיקער אטעם זאל נישט בלאזן איבער דעם וואסער און טרייבן אונדזערע שיפלעך אלץ ווייטער און ווייטער צום קוים געחלומטן ברעג...

און דאס טרייבן אויף דעם וועג פון לעבן ווערט וואס אמאל האס־טיקער; די ערד ברענט וואס אמאל מער אונטער די זוילן, די האלט־סטא־ציאנען ווערן וואס אמאל זעלטענער, די רו־צייטן קירצער, וואס אמאל שטירצן ראשער אלטע וועלטן, וואס אמאל ווערן ראשער נייע געבויט, אום ווייטער נאך ראשער צו שטירצן...

וואס טרייבט? וואס איז וועלט? וואס איז לעבן און טויט, ליבע און

האַס, וואָס בויט און צעשטערט, וואָס רופט צוזאַמען און וואָס צעטרייבט? דאָס זענען די אייביקע פראַגן, מיט דער צייט ענדערט זיך די פאָרעם. עס טוישט זיך דער אָרקעסטער, עס טוישן זיך אויך די אינסטרומענטן, די סימפאָניע בלייבט די זעלבע... די שפּראַך ווערט געענדערט, נייע אַקטיאָרן טרעטן אַרויס און שפּילן האַמלעט. דער תּמצית, די פראַגע: זיין אָדער נישט זיין — איז די זעלבע!

פאַראַן אויך צייט־פראַגן...

אַזעלכע געהערן נישט דעם אינהאַלט, באַרירן נישט די נשמה פון דער וועלט, נאָר די פאָרעם, דאָס, וואָס עס בייט און פאַרוואַנדלט זיך... נישט די שלאַנג, נאָר די הויט, וואָס זי וועט באַלד פון זיך אַראָפּוואַרפן, אום אַ נייע אויף זיך צו נעמען.

יעדע עפּאָכע האָט איר פּולס, איר נערוו, איר אייגנאַרטיקע בלוט־שלאָג און איר אייגענע, היציק־מאַכנדיקע אינטערעסן...

זענען זיי אויך דיכטער־מאַטעריאַל?

אין געשטאַלט פון פ א ר ג א נ ג ע נ ה י י ט און צ ו ק ו נ פ ט!

מיט פּיעטיזם באַהאַנדלט דער היסטאָרישער ראָמאַן דעם נעכטן, וואָס גייט אָפּ אין ווייסע תּכריכים געוויקלט, פאַרבאָרגנדיק אין זיך דעם סוד פון פאַרגיין און פאַרשווינדן... אויף פאַרשידנפאַרביקע האָפענונגס־פליגל פליט די אוטאָפּיע קעגן נאָך אין אומגעפאָרעמטן נעפּל געהילטן מאָרגן און זאַפּט מיט דורשטיקע אויגן זיינע פאַרחלומטע שטראַלן...

דעם „היינט” מיט זיין נויטווענדיקער לאָגיק, קליינע אינטערעסן, קליינע טוגענדן און פאַרברעכן מוז דער קינסטלער איבערלאָזן דעם כראָניקער, דער פּאָליטיק־שרייבער און מאַכער — דעם גאַראַזשאָוואַי!

די קעגנוואַרט קען נאָר פאָטאָקאָלירט ווערן אין אַ רעאַלן ראָמאַן אַ־לאַ בערשאַדסקי, אונדזער אַמאָליקער היימיש־געבאַקענער זאָלאַ. זי קאָן געבן זאָגאַר קונסט־פאָטאָגראַפיען, אָבער קיין קונסט.

דער קינסטלער מוז האָבן די פּערספּעקטיווע פון דער צייט: דאָס וואָס איז פאַרגאַנגען אין לעבן קאָן אויפשטיין אין ליד; דאָס וואָס איז נאָך נישט געשען, קען ווערן געחלומט, דאָס אַרומיקע קען העכסטנס זיין ל י ט ע ר אַ ט ו ר, געוויינלעך — נאָר סעזאָן אַרבעט!

מיט אייביקע פראַגן, וואָס הייבן די פּערזאָנען צו דער הייך פון סימבאָלן, באַשעפטיקט זיך אין אונדזער ליטעראַטור פּרץ הירשביין, זעקס און צוואַנציק יאָריקער יונגער שרייבער פון פּערצן דראַמען. דאָס זענען די טרויעריק זיסע ליליען־גלעקלעך וואָס קלינגען אין זיינע „קברים בלימלעך”

און „ביי דעם ברייטן וועג"... דאָס זענען די ליכט־שאָטן, פון וועלכע ער שפּינט „איינזאַמע וועלטן". אַנדערע געהערן צו דער צייט, וואַקסן אין איר און וועלן ווערן דורך איר צעשטערט...

שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט" איז אַ קונסט־פאָטאָגראַפיע אויף דער גרענעץ צווישן קאָמעדיע און פאַרס. שלום אַשס „משיחס צייטן" — דער „חלום פון מיין פאָלק" — אַ מאָלעריש צייט־בילד, נאָר אַ גע־פליגלטס, וואָס רירט מיט די שפּיץ פליגל די העכסטע סימבאָליק... טשירי־קאָווס "יידן" — אַ סעזאָן־אַרבעט, אַ סצעניזירטע כראָניק מיטן פּאָגראָם אויף דער סצענע, ווייבער זאָלן חלשן...

וואָס איז די פאַמיליע, צבי?

דאָס איז די פראַגע!

„ביים אָפענעם קבר פון די קעשענעווער הרוגים — שרייבט פּינסקי אין זיין הקדמה — ווען זייער בלוט האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט פאַר־טריקנט צו ווערן, האָב איך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן צו שרייבן מיין „פאַמיליע צבי"...

ער האָט געזינדיקט קעגן דער צייט, און די צייט האָט זיך אָן אים נוקם געווען...

אַ קורצע צייט איז אַריבער, די מאַכינאַציע פון פּאָגראָם איז אַנט־פּלעקט און קלאָר געוואָרן. מיר שטייען שוין נישט קעגן אַ שרעקלעכן סוד, מיר האָבן צו טון מיט אַ געמיינעם, שרעקלעכן און אין איינוועגס עקל־האַפטן פּאָליטישן פאַרברעכן. די זאַך גייט איבער צום אונטערזוכער, צום ריכטער, צום תלין, צו וועמען איר ווילט, נאָר פון דיכטערס האַנט פאַלט זי אַרויס. ווו איז דער טאָג פון דעם דין־וחשבון, פון וועלכן פּינסקי רעדט אין זיין הקדמה?

דער פּאָגראָם איז נאָך נישט אַריבער צו דער פאַרגאַנגענהייט. מיט שרעק פאַר אַ פּאָגראָם גייט מען נאָך צו די וואַל־אורנען. עס לעבט נאָך די שוואַרצע מאָה, די זעלבסט־הערשונג צאַפּלט זיך נאָך, און ביי יעדער קאָנ־וואולסיע קענען פאַרגאָסן ווערן גאַנצע טייכן אינטעליגענטן און יידן ־ בלוט — כוליגאַנעם און געהאַרכזאַמע מיליטער פילן נישט, אָבער איבערבויען אונדזער וועלט־אָנשויאונג צוליב פּאָגראָמען וועלן מיר שוין נישט, און אַז פּינסקי זאָגט, אַז ער רופט זיין פאָלק צום באַרג סיני, ווו ער וועט זיי געבן אַ נייע תורה — הערן מיר און — שמייכלען...

אַ צייט־ווערק איז פאַמיליע צבי און פאַרגייט מיט דער צייט.

די רוסישע צענזור, וואָס האָט געגייט ביאַליקן, ער זאָל זיין זאַך רופן אָנשטאָט „משא קעשינעוו" — „משא נעמיראָוו", האָט דער זאַך אַ טובה געטון. זי האָט זי איבערגעטראָגן צוריק אין דער קינות־סליחות און תחינות־צייט, און די זאַך איז אַ פּאָעמע געוואָרן. פּינסקין, דערמיט, וואָס זי האָט זיין ווערק צו שפּילן פּאַרוועדט, האָט זי אַ רעה געטון. אין פּאָ־גראָם־צייט וואָלט עס אַנדערש אויסגעזען... סעזאָן־אַרבעט!

„דער פּאָגראָם אַליין — האָט פּינסקי געוווסט, — איז נישט קיין ליטעראַרישע טעמע".

„קיין קונסט־ווערק איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן אַ פּאָגראָם־טראַגעדיע אין איר גאַנצער שוידערהאַפטיקייט, ווי זי שפּילט זיך אין דער ווירקלעכקייט אָפּ". הייסן, ווי טשיריקאָוו טוט, שיסן און שטעכן אויף דער סצענע, שפּילן אויף היסטערישע נערוון וועט ער נישט...

ביאַליק קומט אויך נישט צו דער „שחיטה שטאָט" בשעת פּאָגראָם, נאָר נאָכן פּאָגראָם, און לויפט אַרום ווי אַ „משוגענער נביא" (דר. עליאַ־שעוום אויסדרוק) צווישן די חורבות, צווישן די מויערן מיט שוואַרצע לעכער ווי שוואַרצע וווּנדן, שפּרייזט איבער פעדערן און שמות, טרעט אויף צעבראָכענע כלים, ספרים־פּאַרמעט, אויף שטיקער צעפּלאַצט לעבן, זעט פאַרטריקנט בלוט, צוגעטריקנטע שטיקער געהירן, די שאָטן פון קדושים וואָס מען האָט, ווי לעמער געשאָכטן, דאָס בערגל מיסט, וווּ מען האָט דעם ייִד מיט זיין הונט מיט איין האַנט געקעפּט, און די חזיר־צונג, וואָס לעקט ביידע בלוטן... די על־פּי־נס לעבן געבליבענע חשמונאים און בר־כוכבאָס, וואָס האָבן זיך אין מיסט פאַרשטעקט און די חזירים שטעלעכלעך באַ־האַלטן, די פעטער, מענער, ברידער און חתנים, וואָס האָבן געזען, ווי זייערע טעכטער, ווייבער, כלות און שוועסטער האָבן אונטער דעם גוי און זיין האַק די קבצנים, וואָס נעמען נאָכן פּאָגראָם און נייען זיך טאַרבעס, און ליינגן פליש און בלוט פון קדושים אַריין און לאָזן זיך דערמיט אויף דער וועלט, און ער שעלט, און וואַרפט דעם בלוטיקן שאַנד־פלעק גאָט אין דער כנסת ישראל אין פּנים אַריין. פּינסקי אָבער האָט געוואָלט געבן דעם פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס, וואָס איז געשען און געמוזט געשען אין דער נשמה פון פאָלק, און אויסגעוויילט אַלס אונטערלאַגע דערצו האָט ער די „פּאַ־מיליע־צבי", וואָס האָט זיך, ווי דאָס פאָלק, צעשפּאָלטן און צעשפּליטערט... דער זיידע משה מגיד איז אַ פרומער. גאָט גלויביקער ייִד, זיין זון יענקל — אַ סוחר, וואָס האָט זיין נשמה אין קראָם פאַרשטעקט, און זיין האַרץ פאַר אַ ווערמיקער נעסט פון גראָשנדיקע אינטערעסן געמאַכט. זיין

שנור מיניע, אַ שטיל־שוויינגדיקע יידענע, וואָס האָט נאָר איין גאָט, פאַר וועלכן זי קען זיך אויסגיסן דאָס האַרץ... און א י נ י ק ל ע ך: אידאַ, וואָס טויפט זיך, לעאָן — אַן אַסימילאַטאָר, וואָס ווערט אַ בעל־תשובה, ליפּמאַן — אַ ציוניסט, ראובן — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט!

אויף דער רואינע פון יידישן הויז וועט זיך אָפּשפּילן דער פּאָגראָם־פּראָצעס, דאָ וועלן זיך אָנהויבן די שרעקלעכע „פּאָרגענגע..."

מיט דער צעשלאָגענער יידישער פאַמיליע טרעפן מיר זיך ביי טשי־ריקאָוו, שלום עליכם און אַש אויך.

שלום עליכםס מאיר טשאָלנט און זיין ווייב, די געוועזענע פישערקע, באַקומען אַ קערבל, ציען זיך איבער קיין וואַרשע, און דאָ ווערט די פאַ־מיליע צעשפּליטערט, ווי אויף אַ יריד ווערן זיי פאַרלוירן. מאָטוניע האָט זיך אויסגעלערנט כאַפּן אַ קערטל און שניידט זיך אויף אַן אַלפאָנס... פלאָראַ ווערט אַ גרושה פענדע־סיעקל און אַנטלויפט מיט אַ נאַקעטן פראָ־וויזאָר צו בענטש־ליכט. חנה, וועלכער מען שיקט אָפּ די תנאים, רייסט זיך קיין בערן. פרעג דעם פאָטער בחרם, ווו בערן ליגט. ער קען רעכט נישט נאָכזאָגן דאָס וואָרט. חיים ווערט ציוניסט, חיים מיט „שוואַכע הענט" וויל אַקערן ערד, ווי אַ פויער! וואָלאָדיע ווערט אַ „חברה־מאַן", ווי שלום עליכם רופט אים צוליב דער געוועזענער צענזור... און סאַשקע דאָס בן־זקונימל שפּילט זיך מיט הינטלעך און קעצלעך און שרייט: וועלאָסיפּעד!

אינעם מאָלערישן „משיחם צייטן" קלאָגט זיך מלכה די באָבע:

„ווי זאָלט אין וואָסער איז זיך דאָס צעשוווּמען... ווען עס האָט דער ווינט אין ווייטע לענדער געטראָגן, וועמען עס האָט די כוואַליע אי־בערן ים געיאָגט... איז אַן אייניקל צוגעקומען — האָבן זיי דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַ פאָטאָגראַפיע געשיקט... חומש אָנגעהויבן — אַ פאָ־טאָגראַפיע געשיקט; בר־מיצווה — אַ פאָטאָגראַפיע... גיי האָב נחת פון פאַפּירענע קינדער פון פאַפּירענע אייניקלעך..."

און אַז מען קומט זיך אַמאָל צוזאַמען, אַז מען עפנט די יום־טוב־דיקע טיר אויף קבלת פנים, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסטן עס קומען אַריין. „פון איין טראַכט, פון איין בעט איז עס אַרויסגעקראָכן" און צוריק גע־קומען אַזוי ווילד פרעמדע!

יעדערער טראָגט זיך אַרום מיט זיין גאָט, זיין משיח און זיין אייר גענעם חלום!

ביי טשיריקאָוון גייט עס איינפאַך צו: אין איין שטוב געבוירן און

דערצווינגן, נישט צעשיידט זיך, נישט איבערגעפּאָרן אין אַן אַנדערער צו־גרויסער סביבה, ווו איינער פּאַרלירט דעם צווייטן, אַן קונצן ווערט איינער דאָס, איינער יענץ... און כדי איר זאָלט קיין טעות נישט האָבן און וויסן, מיט וועמען איר האָט צו טון, הייסט ער די פּערזאָנען וויכוחים האָבן, רעדן, יעדערער שטעלט זיך אַליין פאָר און היציק, און אויפן בעסטן אויפן...

דאָס זעלבע מיטל האָט, לײדער, פּינסקי אויך באַנוצט.

אויף דער גרענעץ צווישן קאָמעדיע און פאַרס פליען שלום עליכמס פיגורן ווי ראַקעטן פאַרביי און צייכענען און שניידן זיך אָפּ איינער פון צווייטן אינעם פלוג. ביים מאָלערישן שלום אש אין „חלום פון זיין פאָלק" רירן זיך פאַרשידנאַרטיקע מאָלערישע פלעקן. אָט זעט איר זיי באַזונדער, אָט גיסן זיי זיך צוזאַמען אין אַ גרויסאַרטיק שטימונגס־און וואונדער־בילד... ביי פּינסקין ווערן בשעת פּאָגראָם, כל־זמן ער קומט נישט צום פענצטער און קלאַפּט נישט אָן אין טיר, רעדל־פּירערישע וויכוחים געפירט... ראובן, וואָס דאַרף אין לעצטן מאָמענט זיגן איבער די כוליגאַנעס, ליפּמאַן וואָס וויל, ווייל ער קאָן נישט לעבן, ווי אַ מענטש, שטאַרבן ווי אַ מענטש, שטייען אין פּאָגראָם־צייט און רעדן אויספירלעך פון אלף ביז תי"ו איבער אַסימילאַציע, ציוניזם און סאָציאַליזם. גלייך זיי טרעפן זיך דאָס ערשטע מאָל, און דערנאָך זאָגט אַ גיבור צו דער מוטער גאַנץ איינפאַך:

— לאָז, זיי אַ מענטש! מיר האָבן זיך אזוי אויך פאַרשפּעטיקט...

די גיבורים, ווי משה מגיד זאָגט, האָבן פול מויל מיט צונג...

די פאַמיליע צבי איז אָבער נאָר דער פאָן; די טראַגעדיע טראָגט אויף זיך משה מגיד!

וואָס איז משה מגיד? ווי אזוי רעאַגירט ער אויף פּאָגראָם?

אחרון של פּסח, סוף סעודה. אַ פּאָגראָם שטימונג.

— גאָטעניו — הויבט אויך משה מגיד די הענט צו גאָט פאַרן בענטשן — דו זעסט מיין האַרץ! געפּאַסט וואָלט איך דיר בעסער, מיט אַ בייגל און אַש וואָלט איך דיר אָפּגעפּאַסט, ווען דאָס וואָלט נאָר דיין הייליקער יום טוב נישט געווען!

— פאַררעכן מיר — בעט ער זיך — מיין עסן, ווי אַ גרויסן קרבן און ווענד אָפּ פון דיין הייליקער תורה (?) און דיין פאָלק ישראל דעם נייעם חורבן! און נעמט זיך צום בענטשן.

בשעת ער בענטשט, שטעלן זיך זיינע אייניקלעך פאָר פאַרן פּוב־ליקום אין געשטאַלט פון אַ וויכוח איבער ציוניזם, סאָציאַליזם און אַסי־

מילאציע, אין אַן אויספירלעכן וויכוח, גלייך זיי זעען זיך צום ערשטן מאָל און גלייך עס וואָלט אין דרויסן קיין פּאָגראָם נישט געווען...

לעאָן גלויבט נישט אין פּאָגראָם. ליפּמאַן וויל זעלבסטשטענדיקייט אויפן גרונט פון באַזעלער קאָנגרעס. ראובן וועט באַפרייען די וועלט מיט סאָציאַליזם, יענקל שפּרינגט אויף — און זיין שטוב זאָל מען דאָס וואָרט נישט דערמאָנען, און מיניע זאָגט: זייער גוט, ליפּמאַן וועט ברענגען משיחן פאַר כל־ישראל. ראובן וועט אַמאָל אויסלייזן די גאַנצע וועלט, אָבער דערווייל וואָס טוט מען? דערווייל?

— ענטפערט, אָדער גייט צו אַלדע שווארצע יאָר. אָדער קערט זיך אום צו גאָט, — מישט זיך שוין דער אָפּגעבענטשטער משה מגיד אריין אין וויכוח.

— דערווייל איז שלעכט, זאָגט ראובן. ליפּמאַן רעדט פון געדולד און אויסהאַלטן...

— מיט וואָס פאַר אַ כוח? — פרעגט משה מגיד.

ביז אַהער איז אונדזער כוח געווען אין גאָט, די געדולד אין דער אמונה. און דאָס נעמען זיי, די אפיקורסים, גאָט־לעסטערער, די לצים צו. פאַרדאַרבן זענען זיי אין זייערע אויגן, נישט קיין העלפער, צעשטערער, נישט קיין אויפבויער. וואָס ווייסן זיי, וואָס ווילן אויסרייסן ביי גאָט די לייצעס פון האַנט און אַליין פירן די וועלט, פון גוט און שלעכט, גלייך און קרום? די שפּראַך איז אפילו נישט מגידיש, ביפרט דער משל פון אַ פעלדזן אינמיטן ים אויף כנסת ישראל, נאָר דער תמצית איז קלאָר: אַלץ איז פון גאָט: ער שטראָפט, ער טרייסט און לייטזעליקט... משה מגיד איז זיך נאָך נישט איבערגעוואַקסן.

נאָר אַז ראובן און ליפּמאַן לויפן צום זעלבסט־שוץ, און ליפּמאַן רופט אויס: קאָנען מיר נישט לעבן, ווי מענטשן, זאָלן מיר שטאַרבן, ווי מענטשן — פאַלט דאָס וואָרט אויף משה מגידס האַרץ און באַפרוכפּערט עס, און ער צינדט זיך אָן און פערעפראַזירט דעם זאַץ אויף זיין אויפן: „קאָן מען נישט לעבן, ווי יידן, זאָל מען שטאַרבן, ווי יידן"... און ער לויפט זאַמלען גאָטס חייל צו ראַטעווען די שיל מיט די ריניקייטן, און לויפנדיק וואַקסט ער ביז צום גילגול פון מתיהו כהן־גדול...

אָט מיניע וויל אים פאַרהאַלטן, שרייט ער: איך וועל שילטן! ער האָט זיין קראַפט דערפילט! אַז לעאָן וויל אים פאַרטרעטן: מיך ווילסטו ראַטעווען? אוועק, אַ מחלל השם צווישן מקדישי השם וועסטו זיין! אים וואָלט ער די שול־טיר פאַר דער נאָז פאַרמאַכט... גאָטס חיל וועט זיך באַגיין אָן

אים! נאָך אים, נישט נאָך ליפּמאַנען, נישט נאָך ראובנען וועט גיין דאָס פאָלק. ער זאָל זיין דער איינציקער און דער לעצטער, ווי זיי זאָגן. ער זאָל נישט האָבן הינטער זיך דאָס פאָלק, וואָלט ער לאַנג אויף זיך דעם טויט געבעטן... און מיט זיין קראַפט אין אים, וואַקסט זיין גלויבן ביז צום בלינדן אָפּטימיזם... צווי בטלנים טרעפט ער אין שול — לויבט ער גאָט! עס ווייזט זיך אָבער אויס, אַז זיי זענען קיין גיבורים נישט, נישט תורה האָבן זיי געלערנט בשעת פּאָגראָם, נאָר פון עסן געדרעדט, און ווילן קיין גראָב אייזן און קיין האַק אין האַנט אַריין נישט נעמען און רעכענען זיך, אויב דער פּאָגראָם וועט קומען, צו באַהאַלטן זיך אונטער דער שול צווישן די חזירים — דערפילט ער, אַז גאָטס חיל מוז ערשט געזאַמלט ווערן און גאָט האָט עס אים פאַרן זאַמלער געמאַכט! מתתיהו כהן גדול האָט אויך אַזוי געטון.

און צום פאַבריקאַנט הירשמאַן, צום פרומען גבאי לויפט מתתיהו כוהן־גדול און טרעפט דאָרט דעם רב מיט צוויי דיינים, איינעם אַ שטומען, דעם צווייטן אַ קראַנקן — אויף — ביי פּינסקי ווערט עס אַרויסגערעדט...

— אדירי התורה! — קומט ראַטעווען די שיל!

און אַז זיי גייען נישט, אַז מתתיהו כוהן הגדולם: מי לה אלי בלייבט אָן אַ ווידערקלאַנג אין האַרץ — שילט ער!

און לויפט ווייטער.

אין אַ וואַלד האָבן זיך יידן באַהאַלטן און דאַוונען מינחה, ער רייסט זיי פון שמנה עשרה אָוועק, זיי לאָזן זיך נישט. דערנאָך זאָגן זיי תהילים... ער לויפט אַליין צו דער שיל, האַלט אָפּ אַ בחור, וואָס ראַטעוועט אַ מיידל: די שיל איז בילכער. האַלט אָפּ די זעלבסט־שוץ, וואָס ראַטעוועט יידיש לעבן, האָב און גאָב, און רופט צו די רייניקייטן... אַלע אַנטלויפן, איין טויב־שטומע בעטלערין בלייבט ביי אים, ווען ער פאַלט ביים ארון קודש אינמיטן קלאָגן זיך פאַר גאָט...

דעמאָלט שרייט ראובן אַריין דורך אַ שול־פענצטער: מיר זיגן! און די קאָרטינע פאַלט...

די קאָרטינע פאַלט און איר פרעגט אייך: וואָס איז משה מגיד: מענטש צי סימבאָל?

און ווער איז די שיל? אַ סימבאָל צי טאַקע די שיל, וווּ מען טרינקט י״ש און מען שלאָגט זיך איבער עליות, ווי דער יונגער הירשמאַן זאָגט.

און איר דערמאָנט אייך נאָך אָן דעם שיל־הויף מיטן מיסט, ווו די

חופות ווערן געשטעלט... אָן די היילן אונטער דער שיל, ווו די חזירים האַלטן זיך און בטלנים בר־כוכבאָס באַהאַלטן זיך... און אַנעם סופר, וואָס שרייבט די רייניקייטן... און איר פרעגט נאָך:

— צי מעג מען על־פי־דין גאָר זיך מוסר־נפש זיין דערויף?

משה מגיד איז דאָך אַ פרומער ייד!

און וואָס ווייטער? — פרעגט איר — ווו איז דער באַרג סיני, די נייע תורה?

שלום־עליכם האָט גאָרנישט צוגעזאָגט, ער האָט איינפאַך און אָן אַ שום פּרעטענזיע געמאָלט אַ חורבה פון אַ יידיש הויז, און ער ענדיקט מיט דער חורבה, ווען מאיר דער גביר און זיין ווייב די געוועזענע פישערקע דערזעען זי!

דער גראַף איז געקומען, מאיר זיין פאַקטאָר, זיין קנעכט, זיין יועץ, זיין שטיוול־קושער לויפט, איילט צום גראַף און בלייבט אינמיטן שטיין.

— מלכה (רייבט זיך דעם שטערן), וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? — איך האָב עפּעס דיר געוואָלט זאָגן... און וואָלאָדיע זיצט?... און די איבעריקע קינדער?

— צעזייט און צעשפּרייט, — ענטפערט מלכה.

— האַ? — וואָס זאָגסטו, מלכה? ווו זענען אונדזערע קינדער? ער פאַלט צו צום טיש און וויינט... איינפאַך, און אַ וועלט איז איינגעפאַלן... מאירס וועלט, דאָך אַ וועלט, און עס איז דערפון אַ חורבה געוואָרן...

פון ביאַליקן האָט מען זיך אויף קיין גוטס נישט צו ריכטן...

דער „משוגענער נביא" — ווי דר. עליאַשעוו רופט אים — דער מענטש מיט דער שטאָלענער שפּראַך, דער מאַרמאָר־סקולפּטאָר איז דאָך וואָס אָנבאַלאַנגט דער וועלט־אַנשויאונג, דערוויל נאָר אחד־העמס תּלמיד, דער אָפּגאָט פון אָדעסער קלייזל... וואָס שליסט אויס דאָס י י ד י ש ע פאָלק און בליט אויסשליסלעך נאָר אויפן באַלעבאַטיש־לשון־קודשן... און דאָס — זענען טרוקענע ביינער אין יחזקאלס טאָל, נאָר אָן האָפענונג אויף תחית המתים... דער קלייזל־גאָט איז זיכער באַנקראָט, און דאָס קלייזל אַליין צעקריכט זיך אויף שיבעה ימים... און די, וואָס בלייבן, ווערן פאַר־וואָגלטער פון טאָג

...איר פוילט און פאַלט,
איר ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט,

און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט,
אַז ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער —
האָט ער נאָך פאַרן קעשינעווער פּאָגראָם אין „לעצטן וואָרט" גע־זונגען...

נישטאָ וועמען צו טרייסטן, וועמען אַ בשורה אָנצוזאָגן, וועמען אַ וווּנד צו פאַרבינדן, נישטאָ וועמען די נשמה צו שענקען.

הערט, טויבע, הערט! — רופט גאָט.

עס גייט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסן —
נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן...
און בלינדערהייט מיט זין און טעכטער,
וועט איר אַרומלויפן פאַרסמט
אַהין, אַהער, פאַר טויזנט מייל,
און בעטן חלשן אַ שטראַל...
נאָר אייך באַגעגנט אַ געלעכטער,
וווּהין איר קומט, האָט איר פאַרזאַמט...
איך שיק אַראָפּ אַ מילדן גייסט,
וואָס פרישט, ווי טוי פון גאָט, און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איר וועט טרוקן זיין, ווי שטרוי
און נישט אויף אייך וועט פאַלן טוי.
איר? — איר וועט אייביק פוילן, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פריער געבליבן
אַ פונק פון גייסט, געפיל און גלויבן,
אַן ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער —
וועל איך דאָס איינציקווייז אָפּרויבן,
און אייער האַרץ וועט בלייבן לער
אָן טעם, אָן ריח, אָן ליבּ און לעבן...

זיי וועט קיין רעוואָלוציע נישט מיטרייסן, קיין שופר־של־משיח נישט וועקן...

ביי שלום אַש אין „משיחס צייטן" גייט נאָר אַן איינציקער אַנדריי, וואָס דער פאָטער האָט אים נישט פאַרזאָרגט, נישט מיט קיין גאָט און נישט

מיט קיין משיחן — פארלוירן. ער אליין האט קורצע הענט און וועט דאצו נישט דערגרייכן. יוסטינא בלייבט אויפן ארט, טוליעט זיך צו דער פויליי־שער ערד, וועט ביזן גרויען צאפ אריין חלומען פון אסתרקע און אפשר אזוינע ווערן...

נאר אין דער היינטיקער דעמאקראטישער צייט וועט מען מוזן יוצא זיין מיט א קלענערן מיוחס אלס א קעניג... סוחרים גייען צוריק צו וואג און מאס, פאבריקאנטן צו זייער אינדוסטריע, אבער די, וואס גייען אריבער דעם שלאגבאן, די ווערן גערופן... א נייער נס קלינגט איבער טאל און בארג, א ניי, וואונדערלעך לעבן וועקט זיך פאר זיי!

וואס פאר א לעבן?

אש, דער מאלער, האט נישט און דארף קיין תורה נישט האבן!

„א חלום פון זיין פאלק” האט ער געגעבן... מאלט אייך ווי און וואס איר ווילט... נאר פון דער ווייט און פון דער הייך וועט עס קומען! און אפשר דרימלט עס ביי אייך אין הארץ? וועקט עס!

אבער מיט וואס ענדיקט זיך ביי דוד פינסקי?

משה צבי איז געפאלן... דאס אלטע יידנטום פארגייט. אמת, וואס ווערט אויף דעם ארט געבויט? יעקל וועט נעמען פון יק"א און אנדערע צדקה־חברות און וועט דערפולן זיין שאדן... מיניע וועט זיך קלאגן פאר גאט, אידא וועט נישט אויסקומען... ליפמאן וועט אלץ וועלן שטארבן, ווי א מענטש. הירשמאן מיטן כלי קודש וועלן ווייטער מילחמה האלטן מיט דער השכלה, פון וועלכער די רעוואלוציע איז ארויס, מען וועט מסרן... לעאן, דער בעל־תשובה, וועט אפשר ווערן א דערגרייכער און אריין אין דומע...

איין ראובן בלייבט! ראובן, וואס שרייט אריין דורכן שיל־פענצטער: מיר זיגן! זאלן מיר גלייבן אויפןווארט?

און א שאד פינסקים דראמע. זי האט זייער פיל גליקלעכע מאמענטן! לעאנס איבערקערעניש, מיניע, ווען זי לאזט די קינדער ארוים אויף א זיכערן טויט, די סצענע ביים וואלד, מיניעס געבעט צו לעאן, ער זאל זאגן „שמע ישראל”, אויב ער וועט פאלן, משה צבי און די טויב־שטומע ביי דער שיל. דער ייד, וואס אנטלויפט בשעת פאגראם, טרעפט משה צבי, און מיינט אין טויט־שרעק, אז דאס איז א פאגראמשטשיק און בעט זיך רחמים, ער זאל אים שענקען דאס לעבן... דאס אלץ אבער ווערט פארטרונקען אין א ים פון ווערטער... מאמענטן, (ווי דאס לויפן צום זעלבסט־שוץ), וואס

דאַרפֿן דורכבליצן, קריכן איבער דער סצענע, ווי ווערים, אַזוי פֿיל און אַזוי שלעכט ווערט איבער זיי גערעדט. ליפּמאַן: מאַמע, זיי אַ מענטש! ראובן: לאָז פֿריי דעם וועג! מען האָט צייט, מען האָט, ווי משה מגיד זאָגט, גאַנץ נישט־מגידיש, אַ פֿול מויל מיט צונג. וויניקסטנס, מער צונג, ווי גבורה... און עס ווימלט פֿון „מערידין" מיט קרעץ אויף פּרעמדע לייבער... און עס גרעגערט מיט זעלבסט־באַיאַאונג, זעלבסט־פֿאַרניינונג און וואָס משה מגידס לעקסיקאָן פֿאַרמאָגט: גאָטס לעסטערער, צעשטערער נישט בויער, לצים אָדער גייט צו אַל־די רוחות — — —

אין גרויס איילעניש איז פֿון אַן אייביקער זאַך אַ סעזאָן־אַרבעט געוואָרן!

און עס איז קיין אומגליק נישט, אַז אַ מענטש שרייבט אָן אַ שוואַכע דראַמע... דאָס אומגליק שטעקט אין דער הקדמה! נאָך וואָס האָט זי פּינסקי געשריבן און נאָך שפּעטער געדרוקט? וואָס מער מען פֿאַרלאַנגט פֿון אַ שוואַכער זאַך, טויטער בלייבט זי אונטער די הענט!

.1907

אַ ש

נישט אַש נאָך אַן אויסגעלאָשענעם פלאַם, נאָר ש ל ו ם אַ ש, וואָס צעפלאַמט זיך אַלץ העלער און העלער: „שטעטל״, „משיחס צייטן״, „אַל נקמות״... עס גייט וועגן שלום אַש, מיט דער לאַנגער טשופּרינע, לאַנגע פּיס, פלייִשיקער נאָז און נישט גלייך אַריינגעזעצטע אויגן, פון וועלכע עס קוקט אַרויס אַן עכט אַרטיסטישע און ריין־קינדערישע נשמה און וועלכע ער לאָזט באַלד אַראָפּ... נאָר עבן אין דעם „אויג״ גייט עס.

פון אַשס ליכט־זייטן דאַרף מען היינט שוין נישט רעדן. נאָך דער הסכמה פון וואַרשע, פּעטערבורג, בערלין, ווין, דאַרף מען נישט באַווייזן, אַז אַש האָט טאַלענט. אונדזער אָרעמע און דעריבער נאַריש־ניידישע אַש־קריטיק וועט קניענדיק פאַרשווייגן. „אַש — אַן אייראָפּעישער שרייבער״ — זאָגט נישט איינער, פאַר וועלכן אַש איז ערשט נישט לאַנג אַ „ייִנגל״ געווען. „משיחס צייטן״ און „אַל נקמות״ זענען איבער די אייראָפּעישע סצענעס, ווי מעטעאָרן — אַריבער: אַש איז שוין די זון, וואָס שיט מיט כבוד־שטראַלן אויפן געבענטשטן כנסת־ישראל־קעפּל... די קריטיק קאָן אויף אַ צייט אָן אַשס „שטעטל״ פאַרגעסן, עס איז נאָך נישט איבערזעצט... אָבער „משיחס צייטן״, דערהויפּט „אַל נקמות״! עס איז שוין צייט דערי־בער פון אַשס פעלערן צו רעדן. וואָס גרעסער דער בוים, גרעסער איז זיין שאָטן, און וואָס טאַלאַנפולער דער דיכטער — אַלץ שעדלעכער, וואָרים צו אַלעם ערשטן — אָנשטעקנדער זיין פעלער! און אַשס אַרטיסטישער מאָגן איז שוין גענוג שטאַרק, קריטיק צו פאַרדייען; עס וועט אים נישט פאַרשאָדן. מען האָט אים פון „יענעם צד״ אַזוי פיל פּסחדיקע סעודות געמאַכט, ער איז אויף אַזוי פיל הסב־בעטן געזעסן, זאָל ער אַביסל מרור אויך פאַרזוכן, זיכר לפּרעה... און איך וויל אים דעם מרור דערלאַנגען: עס דאַרף געטון ווערן מיט ליבשאַפט... און נישט קיין גרינגע זענען אַשס פעלערן. סצענישע עפעקטן און — אַ חנדל צו יענעם צד, איבער דער יידישער גרענעץ אַריבער. אין

„משיחס צייטן"

האָט ר' חנה אַ „יום־טובדיקע טיר", ווייסט עמעץ פון דעם אויס־דרוק? און אַז ר' חנה מיטן ווייב דאַרפן אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל, און די קינדער, די „צעזייטע און צעשפּרייטע" קומען זיך צו אים געזעגענען פון פאַרשידענע וועגן, מיט פאַרשידענע קאָמוניקאַציע־מיטל, געשיט אויף אַשם האָקוס־פּאָקוס אַ נס און אַלע קומען מיט אַמאָל, אין איין נאַכט, אין איין שעה, אין די מאָרגנס — איינס נאָכן צווייטן דורך דער יום־טובדיקער טיר! און צוליב וואָס? — צוליב עפעקט! און צוליב עפעקט גייען חנה מיטן ווייב אויפן בית־עלמין ארויס, מיט די מתים זיך געזעגענען, אין שיינעם העלן טאָג מיט בלאָסע, גרויסע ברענענדיקע ליכט אין די הענט! צוליב עפעקט, נישט צוגעניט, נישט צוגעקלאַפּט — אַ קידוש־לבנה אין דריטן אַקט! צום זעלבן צוועק גייען ענדע אַקט אַלע מיטגלידער פון פאַר־שידענע יידישע פּאַרטייען, די קינדער פון דער צעזייטער און צעשפּריי־טער פאַמיליע, דורך איין שלאַגבאַן, נאָך דעם קול פון אַ שופר! און צוליב וואָס איז יוסטינאַ, וואָס האָט איינאיינציקן אידעאַל — צו זיין אַ פּוילישן מלכּס אַ קעפּס־ווייב, אַזוי מאַלעריש־פּאַטעטיש און ליב פאַרגעשטעלט, בשעת ווען די פּאַרשטייער פון היימישע פּאַרטייען זענען כמעט אויבערפלעכלעך־קאָמיש אַרויס? דאָס איז שוין צוליב אַ חנדל צו דער פּוילישער זייט... דעם חנדל צוליב האָט ער איר אַ שטראַלנדיקע נשמה געגעבן, בשעת ווען אַלע אַנדערע האָבן נאָר ווערטלעך און שלאַנג־ווערטער באַקומען. זינדיקער איז אַש אין

„גאָט פון נקמה"

אין „אל נקמות", ווו אַש מאָלער וויל מיט געוואַלד ווערן דענקער און פּסיכאָלאָג און פאַלט נאַטירלעך איבער דער באַנק. אויף דער וואַרשעווער אַלט־שטאָט האָט אַש עפּעס געזען, וואָס — וויל איך אייך נישט דערציילן; קויפט „אל נקמות" און לעזט, דאָס דאַרף, דאָס מוז געלעזן ווערן. און געזען האָט אַש, וואָס אַנדערע זעען נישט, פאַר וועלכן אַנדערע גייען בלינד פאַרביי, און אויב זיי דערזעען, פאַרשטייען זיי עס נישט און פילן עס נישט, און עס וועט זיי קיינמאָל צו אַ פּאָעמע נישט באַפרוכטן... שפּייען וועלן זיי, אָדער — זינדיקן... דאָס ווענדט זיך: וואָס זיי וועלן זיין, זאַט אָדער הונגעריק... און אַש האָט דער סצענע, — לוידער נאָר דער אייראָפּעישער, וויינקסטנס דערוויל, ביים היינ־

טיקן יידישן טעאַטער, — אַ פּאָעמע געשענקט... דעם צווייטן אַקט פון „אל נקמות". אַש האָט אָבער אַן ערשטן און אַ דריטן צוגעגעבן, און אין די צוגעגעבענע אַקטן איז ער מיט אַלע זיינע פעלערן אַרויס.

אין ערשטן אַקט נעמט נישט יענקל, וואָס לעבט פון אַ שאַנד־הויז, זיין איינציקע טאָכטער, וואָס ער וויל פון דער שאַנד פּאַרהיטן, און שיקט זי נישט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט אַריין צו דערציען, זי זאָל די שאַנד נישט זען, פון איר נישט וויסן. ער דינגט זיך אַפילו קיין אַנדערע דירה נישט אין אַן אַנדער גאַס, ער זאָל זי וויניקסטנס פון דער שאַנד, ווי ווייט מעגלעך איז, דערווייטערן... און עס קומט אויף אים אַ גוטע שעה, און ער וויל, וויניקסטנס דער טאָכטער צוליב, דאָס הייזל איבערמאַכן און אָנהויבן האַנדלען מיט פערד; פעלט אים גאָרנישט איין צו טון עס, איידער ער וועט זי פאַרשלייערן, וואָס עס וואָלט אַ מעלה צו אַ שידוך געווען, און קלערט עס צו טון ערשט נאָך איר חתונה, ווען ער וועט שוין האָבן דעם איידעם אין שטוב!...

און קאָן ער נישט אַנדערש, און וויל די טאָכטער מציל זיין מיט זיין ליבן נאָמענס הילף, טוט ער נישט, ווי אַנדערע פון זיין גלייכן טוען, ווי „מעשים בכל יום", קיין מיצוות און מעשים טובים נישט... שיקט נישט אָרעמע לייט אויף שבתים און ימים טובים, האַלט נישט אויף קיין חילויים אין שפּיטאָל, מאַכט נישט חתונה יתומים ויתומות... דאָס טוען אַלע, נאָר נישט יענקל! יענקל שרייבט אַ ספר תורה! גלייך עס גייט וועגן אַ בן זכר, וועגן אַ קדיש!... און שרייבט ער שוין אַ ספר, מאַכט ער קיין „סיום התורה" נישט, זעט מען קיין אותיות שרייבן... און צו דער סעודה, אָן דעם סיום, פאַרבעט ער זיינס גלייכן נישט, נאָר באַלעבאַטים, און גייט זיי, אַז זיי קומען נישט, ערשט פאַרנאַכט אין בית המדרש אַריין זוכן... און מאַכט ער אָן „אָרעמע סעודה", טיילט ער שטייענדיק... און דאָס ספר פירט ער נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, מיט מוזיק און טענץ אין שיל אַריין, און שטעלט זי נישט אין מקום קדוש אַריין; האַלט זי אַפילו נישט ביי זיך אין שטוב, ווו ער קאָן אַמאָל אַ מנין מאַכן; ער שטעלט זי צו דער טאָכטער (!) אין חדר אַריין, פאַר אַ קמיע, פאַר אַ שמירה — די תורה זאָל זי פון זינד באַשיצן ! ! ! און הייסט זי, אַז זי האָט נישט גע־האַלפן, ענדע שטיק, צונעמען, צונעמען פון שטוב... ער דאַרף זי נישט מער... אַראָפּ אין הייזל אַריין גייט די טאָכטער!

צוליב וואָס איז דאָס אַלץ געשען? צוליב עפעקט... און דער גוי ווייסט נישט, און וועט נישט פרעגן... און דעם גוי צוליב איז אַריין דער

„אל נקמות"! וואָס האָט אַש פון יידישן גאָט געוואָלט? אַשם סופר זאָגט, אַז נישט אַלע זינד איז גאָט מוחל. אויף וועלכע זינד העלפט עס קיין תשובה, קיין חרטה נישט? אַ חנדל! און צוליב דעם חנדל, אַז די טאָכטער האָט זיך פאַרזינדיקט, פּאַטשט יענקל — נישט זי, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט; נישט „מאַנקע", וואָס האָט זי פאַרפירט; נישט דאָס ווייב, וואָס האָט מאַנקען, די שלאַנג אין גן־עדן אַריינגעלאָזט, — גאָט פּאַטשט ער! אפשר נישט באַוווסטזיניק — עס טרעפן זיך נישט „באַוווסטזיניקע" קאָקעטעס אויך — אָבער אַלץ אַ חנדל צום קריסטלעכן עולם...

„אל נקמות", איז, לויט מיין געשמאַק, אַ גרויסאַרטיק ווערק. און דעריבער — טוט עס מיר אַזוי וויי. וואָס פיינער עס איז דאָס צייג, מער פאַרדרוס מאַכן די פעלערהאַפטע שטעלן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

רוסישע, דוכט זיך יונגע שרייבער, האָבן נאָך דער פאַרשטעלונג פון „באָג מעסטי" אַשן אַ סעודה געמאַכט, און אַש שרייבט אין אַ וואַרשעווער צייטונג, אַ „געוויסע" צייטונג, אַן אָפענעם בריוו, ווו ער דאַנקט זיי פאַר די „בעסטע שטונדן לעבן", וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט, מיט „דרך ארץ". —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַש, דיכטער, וועט אונדז אָפּטריניק נישט ווערן... דאָס פרעמדע לעבן וועט אים אייביק זיין פרמעד, נאָך פרעמדער — די פרעמדע שפּראַך... ער איז, וועט און מוז בלייבן אַ יידישער שרייבער.

איך ווינטש מיר אָבער דעם יידישן דיכטער איינפאַכער, ערנסטער און — מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ!

אַש איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. „צדה לדרך" האָב איך אים געזען מיטנעמען: פאָלקס־ליטעראַטור, קבלה־ספרימלעך און מדרשים... זאָל עס אים זיין צו רפואה.

.1907

באַסיע די יתומה

אַ דראַמע אין פיר אַקטן פון יעקב גאָרדין

דאָס הויז טראַכטענבערג אין אַ רוסישער מיטל־שטאָט איז אַ פּריי־לעך הויז. עס ווערט געשפּילט פּרעפעראַנץ, מאַנכמאָל, אַז דאָס יידישקייט דערוועקט זיך — אָקע. טאַטע־מאַמע הייסן נאָך „יואל" און „פריידע"; די קינדער — „וולאַדימיר" און „קאַראָלינע". עס לוינט זיך מיט זיי צו באַקענען. אונדזער ר. יואל איז אַ „קאָמעדטשעסקי" מענטש — ער האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן, פּרעמט׳ן: ווי אזוי? גיט דער טאָכטער צען טויזנט רובל נדן, און אין „פּראָדפּראַטעל" און מאַחרישן קלוב. ער פירט אויך די תלמוד־תורה, און האָט באַקומען פאַר זיין אר־בעט און עטלעכע רובל אויף בילדונג — אַ מעדאַל. מיט דער סטענגע פון מעדאַל צעשיידט ער זיך קיין רגע נישט — ער טראָגט זי שטענדיק אויפן האַלדז.

און ר׳ יואל איז ווירקלעך אַ „קאָמערטשעסקי" מענטש, אַ מענטש מיט „קאָמערטשעסקע פּרינציפּן" און דאָס באַדייט: וואָס עס נוצט, איז גוט, צדקה קאָן אויך אַמאָל נוצן, אויב מען באַקומט פאַר איר אַ מעדאַל. פּרינציפּיעל איז ער ליבעראַל. איבערהויפּט, וואָס אַנבאַלאַנגט חברקייט מיט דער דינסט, אויב זי איז נאָר נישט זייער העסלעך, און פון דעם קומט אַרויס אַ צווייטער פּרינציפּ: מען דאַרף ה יי מ י ש ע אין שטוב נישט אַריינלאָזן! פרעמדע איז לייכטער פּטור צו ווערן. אויך רייט ר׳ יואל אַרום „פּאַראַלעלן" — זיין שטראָף פון גאָט. אַמאָל פלעגט גאָט שטראָפן עם־הארצים מיט לשון־קודש־ווערטער, היינט, אין די קולטורעלע צייטן, — מיט אויסלענדישע. און ר׳ יואל שיט מיט די „פּאַראַלעלן", זעלטן ווו מען דאַרף, נייַנציק פּראָצענט ווו מען דאַרף נ י ש ט. אַלס ליבעראַ־לער קאָמערטשעסקי מענטש, וואָס דאַרף אַליין לעבן, און לעבן מיט כבוד און מיט אָפּנעמס, און באַהאַלטענעם באַלעבאַטישן עולם־הזה — איז אונ־

דזוער ר׳ יואל נישט קיין זייער הייסער טאַטע, פאַר דאָס אָבער אַ זייער אויפמערקזאַמער מאַן, און ביי וואָס עס מאַכט זיך פאַר אַ שטיקל סקאַנדאַל אין שטוב און איבערהויפּט, ווען ער אַליין איז שולדיק דערינען, און פריידל עפנט דאָס מויל און וויל זאָגן שטראָף־רייד, — ווערט ער זייער ווייך, זייער גערירט און בעט זי רחמים, זי זאָל זיך, חס־ושלום, נישט נעמען צום האַרץ, דערמאָנט זי אָן די טראָפּן, וואָס זי דאַרף נעמען — —

וואָרום, פריידע איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ שוואַך מענטש, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אויפגעקומענער גבירה; זי ליידט אויפן האַרץ און טאָר זיך נישט דענערווירן, זיך קיין עגמת־נפש נישט צולאָזן. זי איז אויך אין דער מאָס קורצזיכטיק און לאָזט די פענסנע פון האַנט נישט אַרויס, פרייד־דע קוקט, אַבי זיך דאָס האַרץ נישט צו רירן, אויפן מאַנס און וולאַדימירס חטאים דורך די פינגער, אָבער אַ מויל אויף שרויפן האָט זי, מוסר זאָגן קאָן זי, און, אַז עס קומט אויס, גיט זי זיך אַ שטעל און זאָגט...

און פאַר דעם [illegible]־מוסר האָט טאַקע אונדזער יואל שטאַרק מורא און דערמאָנט זי אָן איר [illegible]וואַכקייט, אָן די טראָפּן, בשעת ווען וולאַדימיר פּראָטעסטירט [illegible] גענוג הער[illegible] מאַמעס מוסר שטייט אים שוין אין האַלדז, „נאָר [illegible] עס פאַרסמט דאָס לעבן.

[illegible] י לעבן. אויך אַ באַלעבאַטישער עם־האָרץ [illegible] דאָס [illegible] איז קאָכנדיקער, קאָנקורירט עס גליקלעך מיטן [illegible] קינפטיקן שוואָגער (אַ פּריסיאַזשנע פּאָווערעני) אויף [illegible]ער. און אַז עס פאַרפעלט געלט, כאַפּט מען עפּעס פון שטוב... [illegible] אויך די שוועסטער זיינע — אַ כלה־מיידל, נאָר אַזוי געשווינד חתונה האָבן וועט זי נישט, דער חתן האָט נאָך קיין פּראַקסע נישט. מיט דער צייט וועט ער באַקומען, מיט גאָט זיין הילף! און דעמאָלט וועט זיין אַ לעבן, אַ פריי לעבן, אַ ווייבל מעג אַלץ, וואָרום קאַראָלינע ווייסט, ווי אַזוי צו לעבן, זי ווייסט, אַז אַ מאַן איז אַ מאַן, און אַז מען דאַרף אַ געליבטן, געפינט מען...

אָבער אַן „אָנשטענדיק" מיידל איז זי, עס פּאַסט פאַר טראַכטענבערגס טאָכטער. זי אַרבעט אויך פאַר בילדונג. לערנט די דינסטן לעזן, שרייבן און אַפילו גראַמאַטיק מיט סינטאַקסיס: ווי הייסט די זאַך, ווען וועלכער מען רעדט? און ווי הייסט דאָס, וואָס מען רעדט וועגן דער זאַך? און דערוויל כאַפּט מען אַ שמועס וועגן גוטס און געשמאַקס... וועגן ווי־זיטן פון די הויז־מענער אין קיך, „געשעפטן" אין גאַס...

און אָט אין אַזאַ הויז פאַלט אַריין כאַסיע די יתומה.

[library stamp, partly legible]

כאַסיע איז דערצויגן געוואָרן אין דאָרף ביי אָרעמע טאַטע־מאַמע, נאָר אין דאָרף, אויף דער שויס פון דער נאַטור, פון וואַלד און פעלד! כאַסיע איז אַן אָפענע, יונגע, הייסע, אימפּולסיווע נאַטור. זי מוז גיין צו דער מומען, ווייל די מוטער איז איר געשטאָרבן און די שטיף־מאַמע קנייפּט און שלאָגט. כאַסיע פאַרדינט עס נישט, נאָר אין שטוב איז אַ דלות, דער דלות מאַכט ביטער, און אויף וועמען זאָל מען אויסגיסן דאָס האַרץ, אַז נישט אויף אַן אייגן שטיף־קינד? און אַז עס גייט איבער די מאָס, נעמט דער פֿאָטער און פירט זי אָפּ אין שטאָט אריין צו זיינע רייכע און אַזוי נאָנטע קרובים, דאָרט וועט איר גוט זיין...

ווי אַזוי ווערט כאַסיע אויפגענומען?

די טראַכטענבערגס דאַרפן אַ דינסט. י ע נ ע האָט מען געמוזט אָפּשאַפן. מען האָט איר „פאַרשטופּט דאָס מויל", דער סקאַנדאַל איז נישט ארויס אין גאַס אריין, און אָפּגעשאַפט — קאָן כאַסיע איר שטעל פאַרטרעטן. דאָס פאַרשטייט „פריידע" אויף אָרט און שטעל. זי פאַרשטייט אויך, אַז כאַסיע וועט זיין אַ ה י י מ י ש ע, נישט קיין דינסט, וועט מען איר נישט דאַרפן צאָלן. פאַר דאָס וועט זי פון איר מאַכן אַ לייט, זי וועט זי אויסלערנען קאָכן, וואַשן, פּרעסן, די טאָכטער וועט זי לערנען שרייבן, לעזן און גראַמאַטיק, נישט צופרידן איז נאָר יואל. ווי געזאָגט, איז ער אַ קאָמערטשעסקי מענטש מיט פּרינציפּן, און ער ווייסט, אַז אַ היימיש דינסט־מיידל איז פאַר אים קיין גוטער „פּאַראַלעל" נישט; אַזוינע ווערט מען, ביי אַ שלעכטן אויסגאַנג, מיט עטלעכע רובל נישט פּטור; אויב עס וועט זיך מאַכן אַ סקאַנדאַל, וועט שוין קאָסטן און קאָסטן. עס וועט זיין, ווער עס זאָל זיך אָננעמען... אָפּטרעטן דעם ווייב מיטן שוואַכן האַרץ איז אָבער אויך אַ פּרינציפּ, און — כאַסיע בלייבט...

כאַסיע בלייבט און ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז ר' יואל האָט רעכט געהאַט. נישט גוט מיט אַ היימישער. דאָס דאָרף־מיידל איז געוואָרן אַ מאַגנעט פאַר אים, פאַר וולאַדימירן, פאַרן קינפּטיקן איידעם — דעם פּריסיאַזשני פּאָווערעני. דאָס אַלץ אָבער וואָלט נאָך קיין גרויסע געפאַר נישט געווען, צו אַזוינע זאַכן איז מען אין הויז געוווינט... מיר ווייסן שוין, אַז פריידע, אויב זי טרעפט דעם מאַן אין קיך, שטעלט זי זיך זאָגן מוסר; קוים אָבער דערמאָנט ער אַן איר שוואַך האַרץ און די נייטיקע טראָפּן, באַרואיקט זי זיך און פאַרשווייגט... קאַראָלינע, אַז זי טרעפט איר חתן נישט ווו מען דאַרף, קנייפּט זי די דינסט און באַרואיקט זיך דערמיט... און וולאַדימיר — דער שאַרלאַטאַן, איז סיי־ווי־סיי פאַרפאַלן. פון דעם מאַטעריאַל

וואָלט העכסטנס אַ קאָמעדיע געווען, נישט קיין דראַמע, און כאַסיע די יתומה איז מ ע ר, ווי אַ דראַמע, כמעט אַ טראַגעדיע.

כאַסיע ווערט מער ווי פאַרפירט; זי פּ אַ ר ל י ב ט זיך אין וואָלאָדימירן. כאַסיע ווייסט ווער און וואָס ער איז, זי ווייסט מיט וואָס עס שמעקט דאָס באַקענען זיך מיטן יונגן טראַכטנבערג, זי ווייסט, אַז דאָס וועט זיין איר אומגליק, און דאָך איז יונג בלוט קיין וואַסער נישט... זי האָט'ן ליב אויפן נאַטירלעכן דאָרפישן אופן, אָן חשבונות, אָן האָפענונג אויף חתונה האָבן, מיטן גאַנצן באַוווסטזיין, אַז דער סוף מוז זיין אַ ביטערער, אַ שרעקלעכער. און אין אָנהייב, אַז דער פון אויבן אָפּגעגלאַנצטער וואָלאָדימיר האָט אַביסל אָפּשיי פאַרן דאָרפישן מיידל אָן אַ פּיצל קולטור — בענקט זי נאָך אים, בענקט זי נאָך איר אומגליק, וואָס וויל איר נישט נאָכגיין, נישט נאָכיאָגן, און אַז עס באַווייזט זיך, — וואַרפט זי זיך אין אָפּגרונט אַריין מיט אָפענע אויגן...

מיט וואָס דאַרף זיך ענדיקן אַזאַ זאַך?

געוויינלעך ענדיקט זיך עס דערמיט, וואָס אַזאַ וואָלאָדימיר זייגט אויס די פרוכט און וואַרפט די שאָל אַרויס אויפן מיסט. פון מיסט איז זיך שווער אויפצוהייבן. אַז מען פאַלט, פאַלט מען שוין וואָס אַמאָל נידעריקער... און, וויל מען נאָך טראַגישער — נעמט זיך דער קרבן דאָס לעבן.

עס קאָן אַנדערש אויך: כאַסיע איז דאָך פּאַרט אַ ה י י מ י ש ע, און אַז עס קומט אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער, נעמט אַזאַ טראַכטנבערג, אַ קאָמערטשעסקי מענטש מיט פּרינציפּן און פּאַראַלעלען, און מאַכט זי חתונה מיט אַ „גראָבן יונג" און פאַר כאַסיען עפנט זיך אָן אַנדער מין גיהנום: אַ נישט געליבטער מאַן, אַ גראָבער מאַן, אָן אייביקער פאָרוואורף, באַשטענדיק געשלעג, שאַנד און פּיין, און וויל מען דווקא, קאָן ווייטער זיין זעלבסטמאָרד: כאַסיע קאָן עס נישט אויסהאַלטן, און נעמט זיך דאָס לעבן.

נישט מיט דעם אָבער ענדיקט גאָרדין זיין דראַמע.

גאָרדין שטייט אויף דער גרענעץ צווישן „שונד" און קונסט; נענטער צו קונסט, אָבער אינגאַנצן פון מעלאָדראַמאַטישע סצענעס קאָן ער נישט אָפּלאָזן. ער האָט אַמאָל אַ ריח פון שעקספּיר (די ערשטע צוויי אַקטן פון „מירעלע אפרת"); ער שמעקט אויך אַמאָל מיט העכערער ראָמאַנטישער ליריק (דער ליבע־אַקט אין „כאַסיע די יתומה"), אים פעלט אָבער די מאָס, און ווייסט קיינמאָל נישט, ווו און ווען צו ענדיקן. גאַנץ אָפט

האט מען דעם איינדרוק, אז עס האט שטאָף פאַרפעלט פאַר א גאַנצן אָוונט, און ער מאַכט צו די רעשט מיט „שבת־שטיק". נאָך די ערשטע צוויי שטאַר־קע, שעקספּירישע אקטן פון „מירעלע אפרת" גייען צוויי שוואַכע, ציען זיך צוויי צוגעטשעפּעטע אקטן, וואָס פאַרדאַרבן דעם איינדרוק פון די ערשטע, און דאָס זעלבע האָט ער געטון מיט „כאַסיע די יתומה".

אָפּזאָגן זיך פון כאַסיעס זעלבסטמאָרד האָט גאָרדין נישט געוואָלט און נישט געקאָנט. ער קאָן זיינע פּאַפּענהיימער — דאָס פּובליקום אין יידישן (וויניקסטנס אמעריקאַניש־יידישן) טעאַטער און ווייסט, אז זעלבסטמאָרד איז א שטאַרקער טרומף — ווייבער חלשן! די זאַך מוז אָבער ווערן אויסגעצויגענער, עס זאָל צונעמען דעם גאַנצן אָוונט! און צוליב דעם הייסט גאָרדין: וולאַדימיר זאָל חתונה האָבן מיט כאַסיען, די טראַכטענבערגס זאָלן זיך אָפּזאָגן פון וולאַדימירן... וולאַדימיר מיט כאַ־סיען — לעבן אין דחקות — און וולאַדימיר קאָן נישט לעבן אין דחקות, ער איז נישט געוווינט דערצו, ער אליין פאַרדינען קאָן נישט, לעבן פון כאַסיעס זאָקן־אַרבעט הייסט נישט דערעסן, און קיין קערטל אין האַנט אַריין נישט נעמען... וולאַדימיר הייבט אָן פאַר צרות צו טרינקען. וולאַ־דימיר זיצט אויף (אזוי דערציילט ער) אין די פריילעכע ערטער, ווו ער טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיטן שוואָגער, און זינגט אזוינע טרויעריקע לידער, אז די פריילעכע קאָמפּאַניע ווערט טרויעריק און וויינען מיט אים צוזאַ־מען... אין דער היים איז וולאַדימיר בייז, נערוועז, ער קאָן נישט פאַרטראָגן כאַסיעס טרויער, עס שטערט אים דאָס וויינענדיקע קינד — ער האַלט עס מער נישט אויס און שרייבט א בריוו צום פאָטער און מוטער, אז ער וועט זיך שיסן, אויב מען וועט אים נישט העלפן... „איך האָב עס נישט אין זין — באַרואיקט ער כאַסיען — נאָר זיי, זיי דאַרפן משוגע ווערן! עס וועט זיין א סקאַנדאַל!"

און אז די קונץ איז געראָטן, די טראַכטענבערגס קומען העלפן נאָר אים אליין, נישט כאַסיען, פּראָפּאָנירט ער איר, זי זאָל אהיים פאָרן, וויי־ניקסטנס אויף א צייט, צום פעטער אין דאָרף אַריין... ער וועט זיך געוויס פאַרבענקען נאָך איר אָדער קומען צו איר... די טראַכטענבערגס באַשטייען אויף דעם אויך. זאָל זי אים נאָר אַרויס פון די אויגן, די רעשט וועט קו־מען אליין... כאַסיע אָבער קאָן עס שוין נישט איבערטראָגן...

און כאַסיע די יתומה נעמט און סמט זיך... און גאָרדין האָט פאַר־פולט דעם גאַנצן אָוונט! כאַסיען דער יתומה גיט ער אין מויל אַריין א גרויסן און הייסן מאָנאָלאָג צום קינד אין דער וויג... זי וועט אפשר מיט־

נעמען דאָס קינד מיט זיך? וואָס פאַר אַ מזל קאָן האָבן די יתומה? באַלד אָבער הייסט ער זי אַ ישוב האָבן, איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט און אַ ל י י ן גיין... הייסט דערנאָך וולאַדימירן חרטה האָבן און וואַרפן זיך מיט אַ האַרצרייסנדיק געוויין אויף כאַסיעס קערפּער און שרייען: אַז נישט ד אָ ס האָט ער געמיינט, נישט ד אָ ס האָט ער געוואָלט! און הייסט כאַסיעס פֿאָטער אויסרופן: „ווי אַ יונג זאַפּטיק ביימל איז זי אַהערגעקור־מען", וואָס האָט מען דאָ פון איר געמאַכט! און — נאָך די אַלע קונצן — קומט, נאַטירלעך, אַרויס נישט ד אָ ס וואָס גאָרדין האָט געוואָלט! דער איינדרוק, וואָס מען האָט באַקומען פאַר די ערשטע אַקטן, ווערט אָפּגעַ־שוואַכט; מאַדאַם קאַמינסקאַ, וואָס שפּילט כאַסיען, קאָן ביי איר גאַנצן טאַלענט, דעם פערטן אַקט נישט רעטן. זי שטאַרבט ז י י ע ר גוט, אָבער וו יי נ ע ן אויף איר טויט, וויינט נאָר וולאַדימיר, דאָס פּובליקום גע־נעצט...

און דאָך האָט דאָס שטיק גליקלעכע מאָמענטן. אויפמערקזאַם מוז מען מאַכן אויפן ליבע־אַקט, ווען כאַסיע איז זיך מודה פאַר וולאַדימירן, אַז זי האָט געוואַרט אויף איר אומגליק, זי איז נעכט נישט געשלאָפן און געוואָלט, ער זאָל קומען; ה י י ם געוואָלט! שיין, ראָמאַנטיש שיין, איז דער מאָמענט, ווען כאַסיע וויל פול און גאַנץ מאַכן איר גליק, און וויל האָבן דאָס דאָרף ביי די טראַכטנבערגס אין סאַלאָן, ווען זי שטעלט אויס אין צוויי רייען די וואַזאָנען אַלס אַן אַלייע פוןביימער, און לייגט אויס די סטענגעס אויפן אָרט, וווּ עס דאַרף פליסן דער טייך און זעצט זיך מיט אים ביים ברעג פון טייך און הייסט אים שווייגן... „שווייג!", בעט זי זיך. ווייל זי פילט, אַז אין שטילן דאָרפישן אָוונט דאַרף ער נישט ריידן! זי האָט'ן ליב, נאָר ער פּאַסט דאָך נישט דערצו... זי וואָלט'ן דאָך אַ נ־ד ע ר ש געוואָלט, אַנדערע רייד פון אים הערן! גוט געכאַפּט איז כאַסיעס אָנקומען פון דאָרף, ווי זי פאַלט אין טראַכטנבערגישן הויז אַריין מיט מוסר, פּרינציפּן, פּאַראַלעלן און קאָרטן געשפּילט... און נאָך, און נאָך אַנדערע ערטער...

די אַמעריקאַנישע אויסגאַבן לעבן ביז היינט פון אונדזער בעלע־טריסטיק, עס ווערט כמעט אַלץ איבערגעדרוקט; אונדזער יידיש טעאַטער וויל אויסגלייכן דעם חשבון און פּעקלט צו אונדז איבער אַמעריקאַנישע דראַמע: דאָס קאָסט נישט.

„אוי, דלות, דלות!" ווי כאַסיעס פֿאָטער זאָגט. נאָר אָרעמקייט איז קיין שאַנד און גאָרדין האָט טאַלענט.

געשפּילט איז געוואָרן דאָס שטיק קאָרעקט. אויסגעצייכנט האָט זיך, ווי געוויינלעך, מאַדאַם קאַמינסקאַ. מאַדאַם טרילינג, וואָס שפּילט אַזוי גוט מירעלע אפרת, איז אַ גוטע „פריידע" ערשט פון צווייטן אַקט, ווו זי האָט מער צו טון. — גוט איז וולאַדימיר (ה. סעראַצקי), ווען ער ווערט אין לעצטן אַקט אויפגעלעבט צווישן דער מישפּחה און לויפט באַשטעלן פּאַר כאַסיען אַ בויד אויף רעסאָרן און איינקויפן גוטע זאַכן אויפן וועג. אַ גליקלעכן מאָמענט האָט מאַטיע שטרייכל (ה' טיטלמאַן), ווען ער ציילט דאָס געלט, וואָס ער באַקומט פון נארישן דייטש, פון טראַכטנבערגן, וואָרום אייגנטלעך וואָלט ער געדאַרפט צו באַצאָלן, אַזאַ גוי פּטור צו ווערן. נ י ש ט פיין פירט זיך נאָר אויף דאָס פּובליקום, וואָס קומט אַזוי וויניק אין טעאַטער אריין.

1905

די לוריאָס

צי קענט איר די אמתע לוריאס? וואָרום עס זענען פאַראַן פאַלשע אויך. ווי ווייניק יחוס מיר האָבן נישט, געפֿעלשט ווערט ער: מיר האָבן פאַלשע כוהנים, פאַלשע לוויים און פאַלשע לוריאס...

אַן אמתער לוריא איז אַ בייזער, אַ שטאָלצער, אַ נוקם ונוטר — רירט זיי נישט אָן. דאָס איז אַ פייער, וואָס ברענט ביזן שאול־תחתיה, דאָס זענען שלאַנגען, וואָס בייסן ביז אין דער לעבער. אַזוי, ווייניקסטנס, וויל גאָרדין, דער אַמעריקאַנער טעאַטער־שטיק־מאַכער — אַ שפּאָס „לוריא"!

„איך בין אַ לוריא"! שרייט גדליה, אַ ייד אַן עושר און אַ תלמיד־חכם דערצו. „איך בין אַ לוריא!" רופֿט זיין ברודער טוביה, אַ מילנער, אַפילו אַ שטיק עם־האָרץ, נאָר פֿאָרט אַ לוריא! „איך בין אַ לוריא" — וואַרפֿט דעם פֿאָטער אין די אויגן אַריין אַן אויסגעשריי די טעאַטער־כלה, גדליהס טאָכטער. „איך בין אַ לוריא!" זאָגט מיט איינגעהאַלטענער קראַפֿט, ווי עס פֿאַסט פֿאַר אַ בינע־ליבהאָבער — טוביהס זון...

וואָס די מעשה איז, פֿאַרשטייט איר שוין אַליין. די ברידער קריגן זיך איבער אַ ירושה, די קינדער ליבן זיך... און וויל עס איז קיין טראַגעדיע נישט, וועלן סוף־כל־סוף די וואָלקן פֿאַרשווינדן, די זון פֿון דער ליבע — אויפֿשיינען, און מען וועט אַהיימגיין פֿון טעאַטער מיט אַ לייכט האַרץ! —

אָבער נישט אַזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך, גייט עס צו. גדליהס און טוביהס פֿאָטער איז געשטאָרבן פֿאַר זיין פֿאָטער און זייער זיידע — נאָך וואָס דאָס איז געשען, ווייס איין גאָרדין — און דער זיידע האָט אין דער צוואה געקירצט דעם עם־האָרץ טוביה און כמעט אַלץ אַוועקגעגעבן דעם שיינ־ און וויל־לערנער גדליה. דאָס איז נומער איינס.

דערפֿון ווערט אַ פּראָצעס, און אַ פּראָצעס גייט מיט אַדוואָקאַטן, די אַדוואָקאַטן „צאַפּן בלוט", ווי מען פֿלעגט זאָגן; ווערט ביים אָרעמען טוביה דאָס האַרץ נאָך פֿאַרביטערטער, דער האַס צום ברודער — שטאַרקער.

האָט איר שוין נומער צוויי. נומער דריי איז דער אומכבוד, וואָס א תּלמיד־חכם ליגט ביכלל אויף אן עם־הארץ — גדליה, דער מיוחס אין שטאָט, קאָן זיין גראָבן ברודער נישט פאַרטראָגן, זאָלץ און רויך אין די אויגן איז ער אים.

און אז עס קומט נאָך דערצו — שכנות: א הויז קעגן א הויז, טיר קעגן טיר, קאָנט איר פאַרשטיין, וואָס א „פייער" עס צעפלאַקערט זיך צווישן די הייזער... און עס מוז זיך נאָך מער צעפלאַקערן, ווען גדליה ווערט געוואָר, אַז זיין טאָכטער, די בת־יחידה זיינע, זיין אויג אין קאָפּ, האָט ליב זיין גרעסטן שונאס זון — זיין ברודער טוביהס איינציקן זון, דעם אויג אין קאָפּ, די גרעסטע ליבשאַפט...

נישט ווייניקער ברענט עס אין טוביהס הארץ. א געזונטער עם־הארץ, א „בר־נש" און א „בעל־גוף" — דאָס ווייב איז אים פרי געשטאָרבן און ער האָט מער נישט חתונה געהאַט, ער וועט זיין בן־יחיד קיין שטיף־מאַמע נישט געבן, כאָטש די געזונטקייט שפּאַרט אים — זיין גאַנץ בענקעניש און ליבשאַפט גיט ער אים אַוועק, און אַצינד, אין סאַמע־ראָדנעם פייער פון פראַצעס, הערט ער פון זון, אַז ד ע ר וויל שלום, און שלום וויל ער, ווייל ער איז אין זיין גרעסטן שונאס טאָכטער פאַרליבט...

און געדענקט — דאָס זענען לוריאס! זיי וואָלטן זיך שוין לאַנג געממיתט, ריק־און־לענד צעבראָכן, ווען נישט דער רב פון שטאָט — א מזג־טוב, אן אמתער יידישער צדיק, וואָס שטעלט אונטער, ווען עס מאַכט זיך עפּעס, זיינע פּלייצעס — —

מיט איין וואָרט: שלעכטס! מיר וועט דאָ האָר אויסוואַקסן — שרייט טוביה, ווייזנדיק אויף דער פלאַכער האַנט — און דאָס וועט נישט זיין! „איך וועל שטאַרבן", זאָגט דער זון, וואָס איז אויך א לוריא. „שטאַרב!" שרייט טוביה און צעברעכט דעם שטעקן פאַר גרימצאָרן. דאָס זעלבע טוט זיך ביי גדליהן אין הויז... די לאַגע אין „ראָמעאָ און יוליאַ" איז „א הונט קעגן דעם"; די לאַגע אין „דער נקמה פאַר א גרענעץ־מויער" פרעדראַס — א גאַרנישט! דאָס זענען דאָך לוריאס!

און פונדעסטוועגן, אַז גאָרדין וויל, כאַפּט ער זיך אַרויס פון דער נעץ, שפּרינגט ער אַרויס, ווי א פּודעל פון וואַסער, און שאָקלט זיך אָפּ און בלייבט טרוקן... נישט אומזיסט שטייט ער צווישן „שייקעוויטש און שעקספּיר", ווו שעקספּיר וואָלט זיך קיין עצה נישט געגעבן, קומט שייקעוויטש און האָקוס־פּאָקוס — אויס טראַגעדיע!

פאַרשטייט איר מיך, גדליה קלויבט אויס פאַר דער טאָכטער א חתן,

מין־הסתם — אַ חתן אַן אידיאָט (דער עולם מוז דאָך האָבן וואָס צו לאַכן), אַי וואָס, גדליה איז אַ תלמיד־חכם, האָט פיינט אַן עם־האָרץ, ווי אַ שפּין — האָט אָבער דער חתן אַ מעלה: זיין פאָטער (איר מעגט שוין פּלאַצן פאַר לאַכן), זיין פאָטער איז „גלאַסני" אין שטאָט־דומע, און אַז מען מאַכט איין האַנט מיטן גלאַסני — וועט מען אַראָפּנעמען טוביהס מיל — וועט זיין אוים שכנות מיטן עם־האָרץ... אוי, דאָס שכנות! אַ ביטער שכנות! עס איז פון דער הויט אַרויסצושפּרינגען! אַז זיין בת־יחידה שפּילט פאַרן רב מיט דער רביצן פּיאַנע און זינגט אַ ליד וועגן מענטשהייט — גייט טוביהס זון און מאַכט הינטער די פענצטער אַ „תקיע־גדולה" אויף אַ שופר! אָדער מען וואַרפט אומישנע אַ פּאַק מיט מעל פאַרן פענצטער און מען פאַרמעליקט דעם רבס אַטלעסענע קאַפּאָטע, דער רביצנס חתונה־קליידל און ר' גדליהס פּלודערן, מחילה! און ווערט עמעץ אין גדליהס הויז קראַנק, גייט טוביה און דינגט יונגען און מיידן און הייסט זיי זינגען און טאַנצן און רעדלעך מאַכן אונטער די פענצטער און די טעאַטער־מוזיק מוז נאָך צושפּילן אויף טראָמפּייטן און קעסל־פּויקן!

וואָס? איר זייט אַראָפּגעפאַלן פון אַ טראַגעדיע צו אַ פאַרס? קיין וואונדער, שעקספּיר האָט צוגעמאַכט אַן אויג, און שייקעוויטש איז אַרויסגעשפּרונגען און פירט דאָס רעדל...

און אויף זיין באַפעל נעמט גדליה אַ שטעקן און שלאָגט אויף דער סצענע לעיני כל ישראל די בת־יחידה; זי פאַלט און צעברעכט אַ האַנט... איז דאָס אַלץ ווייניק נאָך, פאַלט זי אַריין אין אַ נערוון־קרענק, ווערט זי געפערלעך... און — איבערגעביטן ווערט גדליהס האַרץ, ער, דער שטאָלצער, בייזער תלמיד־חכם, בעט ביי טוביה עם־האָרץ — שלום, ער מוז רעטן זיין קינד...

און אַצינד, אַז שייקעוויטש האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן, פאַרשווינדט ער אויף אַ ווײלע און עס גייט ווייטער אַ שטיק שעקספּיר. טוביה עם־האָרץ דיקטירט ביים רב דעם צעבראָכענעם ברודער די תנאים פון שלום: ער מוז אים אָפּגעבן די ירושה, מודה זיין אין כתב, אַז דער זיידע, דער אַלטער לוריא, דער ראש וראשון פון די לוריאס, די קרוין, דאָס שיינדל פון דער מישפּחה, האָט אַן עוולה געטאָן... ער, גדליה, מוז אים, טוביהן, אָפּצאָלן די ירושה מיט פּראָצענט פאַר גאַנצע צוואַנציק יאָר! ער מוז אים אויך פאַרגיטיקן די קאָסטן פון פּראָצענט מיט אַ סומע פון אַ פּאָר טויזנט רובל מיט קאָפּיקעס! און פון הויז מוז ער אויך אַרויס — דאָס הויז מוז ער איבערגעבן טוביהס זון און זיין קינפּטיק ווייב — גדליהס טאָכטער. און

נאָך איינס: גדליה מוז בפרהסיא, שבת פאַר קריאת־התורה אין בית־המדרש, מחילה בעטן טוביהן, כמעט אַ ווידוי זאָגן פאַרן עולם!

גדליה באַשטייט אויף אַלעם, עס שטיקט אים דער כעס, נאָר זיין ליבשאַפט צו דער קראַנק־געוועזענער טאָכטער איז שטאַרקער, ער שרייבט אונטער, נאָר די טאָכטער כאַפּט אַרויס דעם כתב און צערייסט — פאַר ד ע ם פּרייז וויל זי אים נישט קויפן!

און — טוביה גיט נאָך...

און צו ענדע ווערט שעקספּיר צוריק פאַרשוואונדן און שייקעוויטש קומט אַרויס — עס באַווייזט זיך אַ חזן מיט משוררים, טאַנצן מענער און ווייבער אַ ראָד, דער „הייליקער רב" כאַפּט אויך אַ יד פון אַ נקבה און טאַנצט...

געשפּילט איז דאָס „שטיק" געוואָרן אין יידישן טעאַטער אויף דער קרולעווסקאַ, און געשפּילט איז עס געוואָרן מ י י ס ט ע ר ה א פ ט! נע־ראָפּלאַווסקאַ, מאַירזאָן, אַדלער, האָבן געגעבן קאָנצערט, נאָך מער אויס־געצייכנט האָט זיך זשעלאַזאָ אַלס רב — דער פיינסטער און איידלסטער טיפּ אינעם שטיק — איין בערמאַן האָט אַביסל איבערגעטריבן און מער געשפּילט מיט די שטיוול אַלס מיט האַרץ און קאָפּ...

אין אַלגעמיינעם, ווי געזאָגט — אַ קאָנצערט.

און וואָס? זאָל איך מיך בייזערן אויף אַדלערן, וואָס האָט אינמיטן אַ דראַמע אַ קופּלעט געזונגען? עס איז אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה! וואָס העלפט אָבער, אַז אינעם קופּלעט־זינגען שטעקט מער טאַלאַנט, ווי אין גאַנצן גאָרדין מיטן שטיק?

גיי, בייזער זיך!

1906

צעזייט און צעשפּרייט

פּאַראַן צוויערליי פּאָגראָמען: ה ו י כ ע און ש ט י ל ע.
ה ו י כ ע פּאָגראָמען מאַכן כוליגאַנעס, שיכורע, באָרוועסע, אויף אייגענע פויסט און חשבון, אָדער אונטערגעהעצט. הייזער ווערן צעשטערט, פאַרמעגן צעראַבירט, מענטשן — אַלטע ווייבער און קינדער — פאַרוווּנדעט און געטייט...

אַזאַ פּאָגראָם שרייט, אַז מען הערט אין אייראָפּע! אייראָפּע, ווי ווייט עס שאַדט איר נישט, ווערט צערודערט, פאַרציטערט און — פּראָטעסטירט... און גיט אַ מאַרק אָדער אַ פראַנק.

די ליבעראַלע פּאַרטייען און מענטשן אין לאַנד אַליין בייזערן זיך אוודאי. דער כעס שוואַכט אָפּ די רעגירונג. יעדער פּראָטעסט, יעדער געוואַלד־געשריי — רייסט אַ ציגל פון דער אַלטער מויער...

אַ קאָפּיקע פאַר געראַבירטע און פאַרוווּנדעטע — נישט... געלט דאַרף מען אויף אַנדערע צוועקן, אָבער שרייען, מהיכא־תיתי...

דאָס זענען די הויכע פּאָגראָמען. הייזער ווערן איינגעריסן, מעבל צעהאַקט — עס טוט זיך מיט פייער, מיט העק, מיט אייזנס — — — —

פאַראַן אָבער שטילע פּאָגראָמען: די יידישע פאַמיליע ווערט צעשלאָגן, און קיינער זעט נישט און קיינער הערט נישט.

דאָס הויז איז גאַנץ, נאָר ליער. טאַטע־מאַמע און אַלע קינדערלעך, קיין עין־הרע, לעבן, נאָר צעשלאָגן, צעוואָרפן!

„צעזייט און צעשפּרייט" איז נישט נאָר דאָס פאָלק, די פאַמיליע איז צעזייט און צעשפּרייט! אָן אייזן און העק און „אָן אַ טראָפּן בלוט צו פאַרגיסן" איז אַ מערדעריי געשען — אַ פאַמיליען־נשמה איז געקוילעט געוואָרן אָן אַ מעסער, און עס וועט קיין האָן נישט קרייען! אַ פאַרסמט גלות־בלימל — אַ האָליץ־שוואָם האָט זיך אין הויז אריינגעגנבעט, און דאָס הויז איז צעפוילט און צעפאַלן געוואָרן...

אָט אַ טאַטע — אַ ייד אַ סוחר. אַ פאַרקויפטער מיט לייב און לעבן

און מיט דער גאַנצער נשמה דעם פּריז... אונטערטעניק, פּאַריאַגט, פאַר־האָרעוועט, צעבייזערט — מיט אַ באַהאַלטענער, טיפער ליבשאַפט צו קינ־דער, מיט אַ טיף־באַהאַלטענעם דורשט צו נחת פון קינדער — — —

אָט אַ מאַמע, אַ תחינות־ און סידור־יידענע. אַ גוטע, אַ שטילע... זעט און פאַרשטייט נישט, וואָס אַרום איר טוט זיך; הערט נייע ווערטער, נאָר „מאַלע, וואָס קינדער פּלאַפּלען"... און מע הערט זי דעריבער אין שטוב, ווי דעם רב — —

אַ דינסטמיידל — אַ שונא אין שטוב. באַלעבאַטים — בלוטזייגער... און קינדער...

נאָך צוזאַמען זייענדיק, זענען זיי צעזייט און צעשפּרייט!

אַן עלטערע טאָכטער — אַ גרושה — אַ פּוסטע, לאַכנדיקע, לעבנס־און ליבע־דורשטיקע, אַנטלויפט מיט אַ דענטיסט.

די יינגערע — אַ האַלב־געלערנטע, וויל ווערן אַ גאַנץ־באַלערנטע, עס ציט זי „אויף קורסן" קיין בערן, אַ שטאָט, פון וועלכער טאַטע־מאַמע האָבן קיינמאָל נישט געהערט...

און זין זענען פאַראַן — איז דער עלטסטער אַ לעב־קינד — אַ קאָרטן־שפּילער, אַ „גוטער בחור" ווי מען זאָגט, און ווי עס פּאַסט פאַר אַן אויפגעקומענעם יידם אַ זון... דער צווייטער איז אַ סאָציאַליסט, דער דריטער — אַ ציוניסט און דאָס פאַרצויגענע מוזיניקל — אַ ליבהאָבער פון קעצלעך מיט הינטלעך.

און די עלטערן קוקן און זעען נישט, הערן און פאַרשטייען נישט, און אַז דער אָפּגרונט, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן צווישן זיי און די קינדער, אַנטפּלעקט זיך זיי פּלוצלינג — הייבט זיי אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן. שרייט דער טאַטע צו דער מאַמען: אַ מאַמע ביסטו? ווו זענען דיינע קינדער? און זי פרעגט: און דו, טאַטע? און זי האָט חרטה אויפן גאַנצן עסק!

צי איז נישט בעסער געווען אינעם קליינעם שטעטל, ווו זי האָט פריער געלעבט, ווו זי האָט מיט פיש געהאַנדלט און מען האָט זיי גערופן „טשאָלנט"? דעמאָלט זענען די קינדער געווען קינדער! און היינט? היינט הייסט זי „שאַלענט", פאַראַן שפּיגלען און „שמאַטקעלעך", אָבער די קינ־דער זענען קיין קינדער נישט!

טראַגיש און קאָמיש זענען אַזעלכע עלטערן, וואָס אַרבעטן און האָרעווען אויפן אַלטן שטייגער, און האָבן נאָר איין עולם־הזה — נחת

פון קינדער! טראַגיש־קאָמיש זענען זיי אין דעם מאָמענט, ווען דער נחת צעשפּריצט זיך, ווי אַ דין־גלעזערנע שויב! פּלוצלינג — אויס קינדער, נישטאָ קיין קינדער!

מענטשן, וואָס זענען געוווינט צו זען אין הויז דעם אָנהייב און דעם סוף פונעם גאַנצן לעבן און דעם גאַנצן תכלית פון אָנהייב ביזן סוף, ווערן פּלוצלינג געוואָר, אַז זייערע קינדער שפּייען אויף דעם „תכלית": אַז דאָס זענען ווילדע וואַנדער־פייגל מיט אויסגעשפּרייטע פליגל צום אַוועקפליען. זיי האָבן קיין הויז און קיין היים נישט... אין דער פרעמד זענען זיי עפּעס. וואָס עס ציט זיי — אַ דענטיסט, ארץ־ישראל, בערן — איינעם ציט גאָר קיין סיביר...

אַלטע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט נאָר איין מאָראַל: שלום, שטיל זאָל זיין, אונטערטעניק שטיל; דינען דעם פּריץ און פאַרדינען ביים פּריץ — אַזעלכע אַלטע מענטשן ווערן מיטאַמאָל געוואָר, אַז זייערע קינדער שפּייען אויף דער מאָראַל. האַלטן זי פאַר נידעריק און ווערמיק און מיאוסן זיך פאַר איר — „יידן דאַרפן נישט קושן דעם פּריצס האַנט" שרייט דער ציוניסט. „קיין מענטש טאָר דעם צווייטן נישט דינען" — פאַריכט דער סאָציאַליסט, „קיינער האָט איבער קיינעם נישט צו זאָגן, אַפילו טאַטע־מאַמע איבער קינדער נישט" — זאָגט די טאָכטער, וואָס וויל קיין בערן. און אַלע זענען אָדער ווילן אַוועק.

„צעשיידן זיך — אדרבה" — פאַרשטייט דער אַלטער טאַטע אויף זיין אופן — נאָר ווי אַזוי? אייביק מיט קינדער צוזאַמען לעבט מען נישט. „על־כן יעזוב" איז אַ בפירושער פּסוק „מען מאַכט אַ קינד חתונה, עס גייט דערנאָך אַראָפּ פון קעסט, מען מאַכט זיך אַ באַזונדער געשעפט, מען פאַרדינט אַ קערבל..."

און דאָ איז אַ טאָכטער, פאַר וועלכער מען האָט איינגעקויפט יחוס, דעם פיינסטן שידוך געטאָן, און זי וויל אַוועק מיידלוויז...

מען האָט זיי אַ סקאַנדאַל געמאַכט, אָפּגעשיקט די תנאים, אַ בהלה, אַן אומגליק, און זי — די טאָכטער — לאַכט! זי איז צופרידן דערמיט, זי איז פ ר י י געוואָרן!

און פאַר די קינדער, וואָס דאַרפן זיין שטיל און אונטערטעניק אונטער טאַטע־מאַמעס פליגל און טון „וואָס גאָט הייסט, וואָס טאַטע־מאַמע הייסן און אַלע גוטע פרומע לייט", — איז נאָך ווייניק גלייך צו זיין מיט אַלע. דעם קאָפּ אויפגעהויבן און אויסגלייכן זיך אַליין דיר ביינער — אַ וועלט פאַרזאָרגן ווילן זיי! דער סאָציאַליסט וויל, גאָט ווייס וואָס, אַ וועלט

גליקלעך מאכן! דער ציוניסט וויל קיין ארץ־ישראל, מיט זיין מאָגערער שוואַכער האַנט — ערד ארבעטן,ביימער פלאַנצן — און זי, דאָס מיידל, וויל קיין בערן!

די טראַגי־קאָמעדיע האָט באַארבעט שלום־עליכם אין זיין דרייאַקטיקן שטיק: „צעזייט און צעשפּרייט", וואָס שפּילט זיך אין יידישן טעאַטער אויף קרולעווסקאַ.

דאָר שטיק האָט אַלע גרויסע מעלות און אַלע קליינע חסרונות פון שלום־עליכם, וואָס וועט זיך קיינמאָל פון קיין וויץ נישט אָפּזאָגן, ווו מען דאַרף יאָ און ווו מען דאַרף נישט, און דאָס שטיק גרענעצט דעריבער מיט פּאַרס.

„די יונגע פייגל", וואָס דאַרפן זינגען „נייע לידער", מוזן אַלע זיין קאָמיש און, אַז עס באַווייזט זיך דער נאַדזיראַטעל, — ארויסשפּרינגען פון פענצטער און באַהאַלטן זיך אונטער טישן... קיין איינציקער בלייבט שטיין... און דאָס טראַגישע ווערט צעשפּריצט. און צום סוף, ווען דער אַלטער טאַטע, וואָס לויפט אין ראָק און צילינדער צום פּריץ, בלייבט פּלוצלינג שטיין, דאָס האַרץ הייבט אָן רעדן און ער צעוויינט זיך אויף זיין מזל, — ווילט זיך אים צושרייען:

— וויין נישט, נאַרישער ייד! וויין נישט, נאַרישע יידענע! נאַרישע הינער, פון אייערע אייער זענען ענטן נישט ארויס, וווּט אויפן וואַסער וועלן זיי זיך נישט לאָזן...

זיי וועלן צוריקקומען!

געשפּילט איז די זאַך געוואָרן אין אַלגעמיינעם גוט. אויסגעצייכנט האָט זיך מאַירזאָן (דער פּאָטער). אַדלער האָט שלעכט פאַרשטאַנען די ראָלע פון שליח, וואָס ברענגט אָפּ די תנאים. ער דאַרף זיין אַ דורכגעטריבענער כל־בו, וואָס שינדט פון אויפגעקומענעם גביר די הויט, און ער האָט געשפּילט אַ נאַרישן שדכן, אָבער, לויט זיין פאַרשטענדעניש, גוט די ראָלע אויסגעפירט!

1906

די מוטער

אַ דראַמע אין דריי אַקטן, פון דוויד פינסקי

די מ ו ט ע ר — די אַלמנה, ווייל דאָס צווייטע מאָל נישט חתונה האָבן. איר געשטאָרבענעם מאַנס שותּף און גוטער פריינט שדכנט זיך צו איר: זי זאָגט אים אָפּ. און נישט דערפאַר, וואָס זי ו ו י ל אים נישט. און נישט דאָס געדעכעניש פון פאַרשטאָר־בענעם מאַן לאָזט זי נישט חתונה האָבן — זי זאָגט זיך אָפּ פון שידוך צוליב די קינדער. זי וויל זיך מיט די קינדער נישט צעשיידן. עס איז איר אַזוי גוט מיטן זון און מיט דער טאָכטער צוזאַמען. באַלד אָבער פאַלט דאָס ברויט מיט דער פוטער קאַפּויר! די קינדער קומען אַהיים: די טאָכ־טער פון שפּאַציר, אַ הונגעריקע, און כאַפּט זיך צום עסן, נאָר דאָס איז אַ צופעליקער מאָמענט, וואָס האָט קיין פּאָלגן אין דער דראַמע נישט, דער זון קומט אָן. ער קומט אַריין אַ צעהיצטער, אַ צעפלאַמטער, אַ גליקלע־כער: ער איז פאַרליבט איבער די אויערן! זי האָט'ן אָנגענומען. און ער כאַפּט אַרום די מוטער און קושט זי און האַלדזט זי — אַ פרייד! נאָר עס וועט זיין אַ געפערלעכע פרייד!

— ווער איז דיין כלה?

— ווער? מאַשאַ!

און די מוטער קען אויפן שידוך בשום־אופן נישט באַשטיין: מאַ־שאַס פאָטער האָט געהערט צום טעאַטער, אין טעאַטער האָט ער געשפּילט און צווישן חברים און חברטעס מיט ליכווע געהאַנדלט. די הויט פלעגט ער פון זיי אָפּציען! פאַר דאָס, אַז מען האָט געשפּילט אַ געשלעג, פלעגט מען זיך אָן אים נוקם זיין און ו ו י ר ק ל ע ך שלאָגן, „מכות־רצח" שלאָגן, אַז מען פלעגט'ן אַראָפּפירן פון דער בינע אַ טויטן...

ווייטער אַ פאַרביי־גייענדיקער מאָמענט, וואָרום מאַשאַ, ווי עס ווייזט זיך שפּעטער אַרויס, האָט גאָרנישט געירשנט פון פאָטער. זי איז ווירקלעך

א גוטע, א ליבע און, ווי דעם חתנס שוועסטער זאָגט, טאַנצנדיק איבער דער שטוב: א „פּרעליעסט"!

די „מוטער" אָבער וויל נישט, בשום־אופן נישט. הייסט ווילן צווישן זיך און מאַשאַן, און אַז דער זון וויל נישט נאָכגעבן און די טאָכ־טער האַלט מיטן זון, — צעשפּאַלט זיך די פאַמיליע, פאַרלאָזט די מוטער דאָס הויז און גייט צום צווייטן מאַן.

אזוי פאַרקניפּט זיך די דראַמע אין ערשטן אַקט.

די מוטער האָט חתונה געהאַט, דער זון אויך, די טאָכטער בלייבט מיטן ברודער צוזאַמען.

מיט נייע קינדער האָט זיין ליבער נאָמען די „מוטער" נ י ש ט געבענטשט, און זי בענקט, נאַטירלעך, נאָך אירע קינדער, שרייבט צו זיי בריוו נאָך בריוו; די קינדער אָבער שיקן זיי צוריק, נישט־געעפנט. אין זעקס־זיבן יאָר ארום (עס איז שוין דאָ אַן אייניקל פון די יאָרן) ווערט די מוטער געוואָר, אַז די טאָכטער איז איבערגעשטאַנען א קרענק (ווייטער א צופעליקער מאָמענט), גייט זי צו די קינדער. און די וויזיט ביי די קינדער איז שוין דער אינהאַלט פון צווייטן אַקט.

די מוטער קומט אריין און טרעפט נאָר די דינסט אין שטוב, פון איר ווערט זי געוואָר, אַז זי איז פון די קינדער אינגאַנצן פאַרגעסן גע־וואָרן. איר פּאָרטרעט האָט מען פון דער וואַנט אַראָפּגענומען! עס באַ־ווייזט זיך דאָס אייניקל — ער האָט קיינמאָל פון קיין באָבן נישט געהערט! עס קומט אריין די שנור — און זי ווייס נישט, וואָס מיט זיך צו טון. עס איז א רחמנות אויף דער אַלטער, נאָר זי וויל נישט האַנדלען קעגן מאַנס ווילן, און זי פּילט נאָך, פילייכט, איר באַליידיקונג!

זי שלאָגט זיך מיט דער דיעה. ענדלעך זיגט דאָס גוטע, זי פאַר־האַלט די שווינגער. באַלד קומט אָן די רעקאָנוואַלעסצענטן — די טאָכטער: א בלאַסע, א שוואַכע, כאַפּט זיך מיט די נעגל ביים האַרץ, און דאָך קאָן זי בשום־אופן אויף דער מוטער נישט קוקן, בשום־אופן. נאָך א מינוט, און דער זון קומט אָן, ער עפנט די טיר, דערזעט די מוטער און — ציט זיך צוריק!

אין דריטן און לעצטן אַקט קומט די מוטער פון דער וויזיט צוריק אהיים צום מאַן און זיין שוועסטער, וואָס וווינט ביי זיי. זי וויל באַ־האַלטן איר האַרץ־ווייטיק. פאַרקערט: גאָר גוט געווען! א נחת! מען האָט זי ליב! מען האָט אָן איר קיין רגע נישט פאַרגעסן — זי פאַלט אָבער פון די קרעפטן, דאָס אומגליק רייסט זיך געוואַלדיק ארויס — עס ווערט איר

ערגער. לויפן נאָך אַ דאָקטאָר? ניין, די קינדער וויל זי, די קינדער. זאָל מען זיי אָנזאָגן, אַז זי איז קראַנק, אַז זי שטאַרבט! זיי וועלן קומען, זיי מוזן קומען. — דער צווייטער מאַן לויפט עם טון. די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער אים, איבער דער צייט, וואָס ער זוימט זיך, קלאַמערט זיך די מו־טער מיט די לעצטע קרעפטן אום איר האָפענונג, אַז זיי וועלן קומען. צו דער קראַנקער מוטער וועלן זיי קומען. אָט גייען זיי, אָט קומען זיי, אָט זענען זיי דאָ! אָט קושט זי און האַלדזט זי זיי, אָט דריקט זי זיי צום האַרץ, און אַז דער מאַן קומט צוריק איינער אַליין, פאַלט זי, ווי אַן אונטערגע־האַקטער בוים.

די דראַמע מאַכט אַן איינדרוק, האָט שטאַרקע, זייער שטאַרקע מאָ־מענטן און דאָך — איז אין אַלגעמיין דער איינדרוק נישט אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט געקאָנט זיין.

און שולדיק איז נישט דאָס שפּילן, פרוי קאַמינסקאַ האָט די הויפּט־ראָלע געשפּילט מייסטערהאַפט, די אַנדערע — גוט, אַפילו דאָס קליינע איינינקל האָט גוט געשפּילט, אַן אויף דער סצענער געבוירן וווּנדער־קינד!

אין וואָס דען שטעקט דער פעלער?

אינעם סטיל!

טראַגיש קאָן זיין דאָס לעבן אַליין: אַן אויסטערלישע לאַגע, אַ צו־זאַמענשטויס פון נישט געוויינלעכע פאַקטן, וואָס זענען טראַגיש אָדער דראַמאַטיש פון נאַטור, טראַגיש אָדער דראַמאַטיש קאָן אויך זיין דער מענטש אַליין, דער כאַראַקטער פון מענטש.

פאַראַן מענטשן, וואָס שווימען איבערן לעבן לייכט, ווי אַ שטרוי אויפן וואַסער; אַנדערע שמיצן עם איבער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן; זיי נעמען עם קיינמאָל נישט ערנסט. פאַראַן אָבער אויך מענטשן טיפערע, וואָס פילן דאָס לעבן טיפער און דאָס געוויינלעכסטע ווערט ביי זיי דראַ־מאַטיש. פאַראַן פעסטע מעטאַלענע מענטשן, וואָס לאָזן זיך געשווינדער ברעכן, איידער בייגן; וואָס קאָנען נישט נאָכגעבן, זיך אונטערוואַרפן און אַפילו נישט אויסמיידן, ביפרט אין וואָס עס איז אָפּטרעטן. מענטשן, וואָס זאָגן: גאָר אָדער גאָרנישט! און פאַר אַזעלכע איז יעדער מאָמענט אַ לעבנס־פראַגע, יעדער צופאַל קאָן ווערן דראַמאַטיש און טראַגיש!

פינסקים דראַמע האָט געמוזט געבויט ווערן אויף די פּערזענלעכ־קייטן, וואָרום ביי געוויינלעכע מענטשן אין געוויינלעכן לעבן האָט אַ מוטער נאָכאַמאָל חתונה; קינדער „בלאָזן זיך", „ברוגזן" זיך אַ צייט

און בעטן זיך איבער... געוויינלעך, באַשטייט די מוטער אויף אַ שלעכטן שידוך, ביפרט ווען דאָס קערן איז גוט, און קושט נאָך דאָס קינד, אַבי עס נישט צו פאַרלירן, אינעם געוויינלעכן לעבן איז דער האַס צו דער מוטער, וואָס האָט דעם טאַטן פאַרגעסן, ווייניקסטנס נישט אַזוי שטאַרק, ער זאָל האַלטן זעקס־זיבן יאָר און נישט אָפּגעשוואַכט ווערן אויף דער האָר!

מעגלעך איז עס נאָר ביי אומגעוויינלעכע מענטשן. ביי מענטשן, וואָס זאָגן: מיין ווילן מוז געשען, אָדער ביי הויך און טיף מאָראַלישע מענטשן, וואָס ווען אַ וועלט אומברענגען, אַבי זייער גרונטזאַץ זאָל בלייבן שטיין!

אָבער אומגעוויינלעכע מענטשן פירן אַן אומגעוויינלעכע שפּראַך, אומגעוויינלעכע געפילן טראָגן אומגעוויינלעכע קליידער. דריקן זיך גאָר אַנדערש אויס. און דאָ רעדט די גאַנצע פאַמיליע וואָכעדיק, און וויל מיר זאָלן גלייבן, אַז זיי האָבן תישעה־באָב און יום־כיפּור אין האַרץ. קיין איינציקער מעטאַלענער קלאַנג, קיין טיפערער אויסדרוק. אַז די קינדער צעקריגן זיך מיט דער מוטער אין ערשטן אַקט, רעכנט מען אויף זיכער, אַז אין אַ מינוט אַרום וועט זיין שלום ושלווה, און דער צווייטער אַקט איז אַ סורפּריז, אַ נישט געהאַפּטער צ ו פ אַ ל... ערשט דער דריטער קומט ריכטיק נאָכן צווייטן, אויך נישט מיט זיין גאַנצער שטאַרקייט.

און דאָך וואָלט מען געקאָנט די דראַמע רעטן. דער אַקטיאָר קאָן מיט זיינע ב אַ ו ו ע ג ו נ ג ע ן דעקן די פעלער פון דער שפּראַך! עס דאַרף אויסזען, אַז די מענטשן פילן מער און טיפער, אַלס זיי רעדן, די קינדער דאַרפן דעריבער שפּילן אַזוי גוט, ווי די מוטער; עס זאָל זיין אַ קאָנצערט.

לאָמיר האָפן, אַז צום צווייטן מאָל וועט אַזוי זיין און די אַקטיאָרן וועלן באַצאָלן דעם אויטאָרס חוב.

1905

דוויד אין דער מידבר

אויב איר ווילט זען שמואל־הנביא אין בית־לחם ביי אן עמוד מיט צוויי ליכט פון פארנט און צוויי, געווים כוהנים, אין הויכע שלאף־מיצן פון פארנט און הערן פון זיין אייגן מויל, ווי א מלך טאר קיין „קולאק" נישט זיין און טאר נישט שמייסן מיט דער „נאגייקע". אויב איר ווילט זען, ווי ער שטרעקט אוים די הענט, פארגלייסט א פאר קאלטע אויגן און פארציילט, אז דער לייב איז מלך איבער די חיות, כאטש דער העלפאנט איז גרעסער, דער טיגער — ווילדער און דאס מפגיעלע שטארקער, — נאר דעריבער, ווייל דער לייב פארצוקט און צערייסט נאר פאר זיין ווייב און קינד, פאר זיין מישפחה, פאר זיין פאלק הייסט עס (!) און דעריבער קאן שאול בן קיש נישט בלייבן קיין מלך...

אויב איר ווילט הערן, ווי דוויד בן ישי זינגט א חזנישן „למנצח" מיטן קנאק; שיסט פון א רעוואלווער מיט אמת פולווער און איז א רואה ואינו ניראה — א לייב...

אויב איר ווילט זען איינעם פון די יידישע גיבורים אין שאול און דווידס צייטן מיט א געאלטער בארד... מיכל בת שאול אנגעטון, ווי א קעכן אויף א מאסקאראד הינטער דער שטאט, בשעת זי רעדט וועגן גלייכבארעכטיקונג פאר אלע בירגער און פארזיכערט, אז דוויד המלך דארף נישט קיין הארעם, ווייל זיין הארעם איז דאס בית־המיקדש און דאס תהילימל — זיין ווייב... און רעדט ביכלל קעגן עגאיזם און ליב האבן זיין „איך".

אויב איר ווילט הערן, ווי דוויד, ווען ער איז שוין מלך, וויל טיילן די קרוין מיט מיכל, נישט, חלילה, מחמת תאווה, ווארום דאס תהילימל איז דאך זיין ווייב, נאר לכבוד דעם געשטארבענעם שאול־המלך... אויב איר ווילט הערן, ווי ער וויינט אויף זיין עלנט, ווייל ער איז געבליבן אן א שווער...

אויב איר ווילט זען, ווי אויסגעצייכנט יידישע גיבורים אין שאול־

המלכם סוויטע שלאָפן, אז כאַטש די מוזיק שפּילט, דוויד המלך זינגט, און אביעזר (אויב איך האָב קיין טעות נישט) טרעט זיי אויף די הינער־אויגן...

אויב איר ווילט הערן, ווי א שווארצע מויד, מיכל בת שאולס קעג־נערן, זינגט וועגן ליבע; אָדער ווי פּארצייטיקע יידן טאַנצן מיט נקבות און הייבן זיי און ווארפן זיי אונטער אין דער הייך —

און ביכלל אויב איר ווילט הערן אָפּגענוצטע, אָפּגעדראָשענע שאַר־מאַנקע־מוזיק און זען א פּארס, אין וועלכן גיבורים שטארבן, גלית פאַלט פון דווידס שטיין און מיכל בת שאול זינגט אָן א קול...

אָדער ווי שאול המלך מיט דווידן פון איין זייט און מיכל אויף דער צווייטער, זיצן אויף א טראָן פון דריי אמאַראַנטענע אויסגעבעטע שטולן —

אויב איר ווילט דאָס אַלץ זען, גייט אויף „דוויד אין דער מידבר"...

אויב איר ווילט האָבן שטאַרקע איינדריקן, פּלאַצן פאַר לאַכן, ווען אביעזר קאָן נישט אריינשטעקן די שפּיז אין שלעכטן דואגס ברוסט, און וויינען אויפן יידישן טעאַטער, מיט זיינע אויטאָרן, ליטעראַרישע רעדל־פירער און טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן, פון וועלכע מען מאַכט קוימענקערערס — גייט אויף „דוויד אין דער מידבר"...

און אפשר וועט אייך גאָר שמעקן דאָס ליד פון דער מכשפה, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אַרויסגערופן שמואל־הנביא פון קבר און זינגט שוין אָן ציין א ליד פון שדכנים, יונגע ווייבלעך, וואָס האָבן ליב צו נאַשן און דער עיקר — וועגן דער מטביע?

עס איז געווען א וויכוח אין דער פּרעסע. מען האָט די פראַגע גע־שטעלט, ווער איז שולדיק, וואָס דאָס „יידישע טעאַטער", אויף וועלכן מען האָט אזוי לאַנג געהאָפט, ווי אויף משיחן געוואַרט, שפּילט „וועלוועלע עסט קאָמפּאָט" — „אישה רעה" און דערגלייכן — — —

צי זענען שולדיק די יידישע שרייבער, וואָס „מאַכן" נישט קיין דראַמען...

צי איז שולדיק דער ליטעראַרישער רעדל־פירער, וואָס האָט גוטע זאַכן און גיט „שונד" —

צי קומט אויפצוהענגען דעם אַנטרעפּענער, וואָס פאַרלאַנגט דורכ־אויס שמוץ, צוליב קאַסע...

צי אפשר גאָר די יידישע אַקטיאָרן אַליין, וואָס ווילן בעסער פריי־לעך מאַכן דעם עולם?

גליבט מיר — א נארישער וויכוח געווען...

שולדיק איז דאָס „פובליקום", דאָס וויסטע, פארשאָלטענע פובלי־קום, וואָס האָט אויערן נאָר פאר שאַרמאַנקע־מוזיק, אויגן — נאָר פאר אויפרייסנדע זאכן און א געשמאק פון גראָבע, ווילדע מענטשן, פון אומ־מענטשן.

דאָס פובליקום, וואָס האָט אויף „דוויד אין דער וויסטע" דאָס טע־אטער פארפולט, בראַוואָ געפאטשט און — ארויסגערופן דעם אויטאָר...

1905

פון יידישן טעאַטער

(הער עפּלבערג פּראָטעסטירט. „דאָס ווילנער באַלעבייסל")

הער עפּעלבערג איז בייז אויף דער רעצענזיע איבער „דוויד אין דער מידבר".

עס איז נאָך אין אונדזער ליטעראַטור קיין מאָדע נישט, מחברים זאָלן אַרויסטרעטן קעגן קריטיקער, הער עפּעלבערג פאַרזיכערט אָבער, אַז ער טוט עס נישט צוליב זיך, נאָר צוליב דעם פּובליקום, וואָס איך האָב באַליידיקט. גוט, און איך וועל ברענגען וואָרט ביי וואָרט די שטעלן פון פּראָטעסט, וואָס רירן אָן די זאַך (דאָס פּערזענלעכע לאָז איך פאַר מיר) און וויל אויף זיי ענטפערן, נישט צוליב מיר און געוויס נישט צוליב הער עפּעלבערג, נאָר אויך צוליב אַנדערע: צוליב דעם פּובליקום, וואָס דאַרף און מוז באַקומען אַ בעסערן געשמאַק; צוליב דעם יידישן טעאַטער, וואָס עס איז שוין צייט, עס זאָל האָבן אָפּגעפּאַקט און אָפּגעמאָזלט מיט שונד־שטיק און אָנהייבן וואַקסן, און צוליב דעם יידישן שוישפּילער, — מען זאָל פון אים קיין פּורים־שפּילער נישט מאַכן...

און אויב הער עפּעלבערג פאַרזיכערט צום סוף פון זיין פּראָטעסט, אַז „אַלע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין זיין פּיעסע, זענען שטאָלץ אויף זייערע ראָלן", מוז איך, צוליב דעם אמת, אויסזאָגן אַ סוד פון חדר: אין רעדאַקציע פון „וועג" זענען געקומען צוויי פון די בעסטע שוישפּילער און האָבן, אַלס דעלעגאַטן פון דער טרופּע, פאַר דער רעצענזיע געדאַנקט...

— וו ליגט דער אמת? זאָלן די שוישפּילער דערקלערן. און אַצינד — צום פּראָטעסט:

הער עפּעלבערג שרייבט: אויב איר ווילט זען שמואל־הנביא הינטער בית־לחם — נישט אין בית־לחם און נישט ביי קיין עמוד, נאָר שטיין ביי

אַ מיזבח מקריב זיין אַ קרבן, הינטער אים צוויי כוהנים און דאָס פאָלק, צווישן זיי אויך ישי פון בית־לחם, קניען אַרום מיזבח און מיתפלל זיין צו גאָט. (שמואל א׳, ט״ז).

דאָס, וואָס אויף דער סצענע איז געשטאַנען אַ ה י ל צ ע ר נ ע ר עמוד, נישט קיין ג ע מ ו י ע ר ט ע ר מיזבח; די צוויי ליכט פאַרן עמוד, די שלאָף־מיצן אויף די כוהנימס קעפּ, די שורה מיידן, רעכטס ביים „מיזבח" — דאָס אַלץ פאַרשלינגט הער עפּעלבערג, וואָס האָט אַליין דאָס שטיק רעזשיסירט, און גאָרנישט! ער פאַרופט זיך נאָך אויף שמואל א׳ ט״ז, ווו עס ווערט גערעדט פון קרבנות, אויבוויל דער איינציקער קרבן ביי דער סצענע איז געווען נאָר דער שווישפּילער.

הער עפּעלבערג זשעניִרט זיך אָבער נישט און רופט ווייטער: אויב איר ווילט הערן פון שמואל הנביאס מויל —

ק ל ו ג ע ווערטער, ווי שיין ער ברענגט אַרויס גאָטס רייד: „ואני מאסתיו ממלוך על ישראל" — אַז שאולן האָט גאָט פאַרמיאוסט פון צו זיין אַ מלך איבער ישראל — ווייל ער איז צו האַרט פאַרן פאָלק. און זאָגט דערביי נישט ווי דער קריטיקער שרייבט פון אַ נאַגייקע — אַ וואָרט, וואָס געפינט זיך נישט אין דער גאַנצער פּיעסע — נאָר: „מע ציטערט פאַרן קאַנטשיק, מע פלאַטערט פאַר דער ריט, אָבער פאַר זיי אַכטונג האָבן, דאָס קיינמאָל נישט..." אַלזאָ — קאַנטשיק, נישט נאַגייקע!

שאול האָט פאַרלוירן די מלוכה, ווייל ער האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ אויסצוראָטן די עמלקים פאַר זייער פעטערס זינד, און הערן עפּעלבערג איז ער דער פאַרשטייער פון דער נאַגייקע — פאַרדאָן — פון קאַנטשיק!

די נביאים — ווייסט הער עפּעלבערג — וואָס שטעלט זיך נאָר אויף פּסוקים — „די נביאים האָבן ליב צו רעדן מיט משלים", זאָגט טאַקע שמואל אַ משל —

פון אַ לייב מיט אַ וואָלף, אַז שאול פון שבט בנימין, וואָס יעקב האָט אין זיינע לידער געגליכט צום וואָלף, דאַרף נישט קיין קעניג זיין, נאָר איינער פון שבט יהודה, וואָס יעקב האָט פאַרגליכנט צום לייב. און דערביי דערקלערט ער זיי דעם לייבס אייגנשאַפט: אַז ער וואַרפט זיך ז ע ל ט ן אויף אַ מענטש, און ווען דער מענטש אַנטלויפט נישט פאַר אים, נאָר קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, וואַרפט זיך נישט אויף אים דער לייב, ווי די נאַטורפאָרשער באַשרייבן דעם מלך פון די חיות.

גרויסאַרטיק איז דער „זעלטן" — הער עפּעלבערג איז געניט, זעט איר, אַפילו אין נאַטור־געשיכטע... און פּיליכט באַטייט דער „זעלטן": שטענדיק, נאָר אויסער ווען דער לייב שלאָפט... אָדער, ווען ער איז טויט... און דער משל ווערט דערציילט —

כּדי צו דערקלערן, פאַרוואָס גאָט וויל נישט האָבן שאולן פאַר אַ מלך־ שאול, הייסט עס, האָט פאַרזוקט, כאָטש מען האָט אים נישט געקוקט אין די אויגן אַריין; לוידער האָט ה׳ עפּעלבערג אויף דעם פּסוק נישט...
און אויבוויל אָן אַ פּסוק, רופט ער ווייטער אין קרעמל אַריין:
אויב איר ווילט הערן דוויד בן ישי זינגען אַ קאַפּיטל פון זיין תהילים: „השמים מספרים כבוד אל", מיט אַן אמת זיכן פאַסטעך־ניגון און שיסט נישט פון אַ רעוואָלווער מיט פולווער, דען עס הערט זיך אַ שטומפּיקער קלאַפּ, ווי פון אַ בויגן.

און דאָס, וואָס דאָס געערטע פּובליקום, פאַר וועלכן הער עפּעל־בערג נעמט זיך אַזוי אָן, הערט א חזנישע, נישט קיין שעפערישע זאַך, און ווערט פאַרציטערט פון אַ שאָס פון פּיסטויל נישט עפּעס אַנדערש... און דאָס, וואָס די פייל פון בויגן גיט נישט קיין ש ט ו מ פּ י ק ן ק ל א פּ, נ אָ ר א פ יי ף אין דער לופט — דאָס אַלץ מאַכט נישט אויס... שיין איז, מיינט הער עפּעלבערג, צו זען, ווי דוויד לויפט צו מיט מוט און טויט א לייב, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף זיין הערדע, און הערן די ש יי נ ע פּ ר אָ ז ע:

„האָסט געוויזן דעם שטאָלצן טירישן קעניג, אַז צום זיג איז בלויז גבורה נאָך ווייניק".

און שפּעטער אויף מיכלס זאָגן:

אַך ווי געפערלעך איז דאָס לעבן אין וואַלד!

ענטפערט ער:

„נישט מער ווי אין שטאָט... גאָט איז איבעראַל, די צווייפיסיקע חיות אין מענטשן־געשטאַלט זענען געפערלעכער ביי דעם בעסטן פאַל... מען קאָן זיך נאָר אויסהיטן פאַר די פיינט; אָבער גאָט העלף פון פאַר־שטעלטע פריינט!"

עס איז אפילו מיט גראַמען, אָדער, ווי הער עפּעלבערג זאָגט: שיינע פּראָזע... עס איז אַפילו נישט שיין זיך אַליין און ביפרט אַזוי נאַריש לויבן, נאָר וואָס טוט עס נישט אַ מענטש צוליב דעם כבוד „פון פּובליקום".

אויב איר ווילט זען אַן אמת־אידעאַלישע יידישע טאָכטער, מיכל בת שאול, וועלכע, כאָטש איר פאָטער האָט געהאַלטן מיט שטאָלץ דעם צעפּטער אין דער האַנט און נאָכגעגאַנגען די תאוות פון יענע צייטישע מלכים, האָט געהאַט א האַרעם מיט פרויען א. ד. גל. דאָך איז זי, מיכל, דערקעגן דעם פאָטערס פירונג צום פאָלק. און ווען שאול רופט אָן דאָס פאָלק מורדים, זאָגט זי:

„דאָס גאַנצע פאָלק! הייסן זיי מורדים ביי דיר? האָסטו פאַרגעסן ווער דו ביסט געווען פריער? פאָטער, האָסטו דיר די קרוין אַליין גענומען? האָסטו זי בירושה פון דיין טאַטן באַקומען? גאָט האָט זי דיר געגעבן, האָסט געהאַט די ווערט; אָבער זי פּאַסט נישט פאַר דעם, וואָס לעבט מיט

דעם שווערט! די קרוין איז נישט מיין אייגנטום! פאַרלאַנגסט צופיל! זי געהער דעם פאָלק, ער קאָן זי לייגן אויף וועמענס קאָפּ ער ווילן!"

און ווייטער דאָס זעלבע. ה' עפּעלבערג שטייט אויפן פּסוק און קען נישט דעם פּסוק—איבער דער שיינקייט פון זיין „פּראָזע" נישט צו רעדן—

און זי וואָלט קאָנען קריגן אַ מלך אָדער ווייניקסטנס אַ העלד פאַר אַ מאַן, אָבער זי וויל בעסער אַן ערלעכן פּאַסטעך, איינעם פון די דעמאָל-טיקע צוויי אַרבעטער-קלאַסן: ערד-אַרבעט און פּיצוכט.

אויך דאָן, ווען זי ירשנט צוזאמען מיט דווידן דעם פּאָטערס קרוין, האַלט זי א רעדע ביים טראָן וועגן דער קרוין און זאָגט:

„הערט אויס העלדן א. אַ. וו.

„דער ערשטער מלך איז געווען צופיל פאַרפּירט; ער האָט מיט זיין מלוכה קעגן פאָלק שטאָלצירט, ווי אַלע די, וואָס ווערן — גרויס פון קליין, פאַרגעסן, על פּי רוב, ווער זיי זענען געווען..."

דערנאָך זאָגט זי נאָך:

„מיכל בת שאול איז נישט די מלכה פון די הוידנישע קאַנטן; אַ יידי-שע מלכה דאַרף קיין צירונג, קיין ברילי‍אַנטן; דוויד בן ישי דאַרף קיין הארעמס נישט צו האָבן; זיינע תאוות האָט ער אין די וויסטע באַגראָבן. זיין הארעם וועט דאָס ערשטע בית-המיקדש זיין, און דער תהילים — זיין געזאַנג און זיין וויין..."

ווי געפעלט אייך מיכל בת שאולס ליבעראַליזם, די דאמאָלטיקע צוויי אַרבעטער-קלאַסן? דער אויסוואַל: א מלך אָדער א העלד? דער י ח ו ס און שאולס צייטן? טאָמער ווייסט איר, ווען און מיט וואָס שאול האָט שטאָלצירט קעגן פאָלק, אין תנ"ך אָדער, להבדיל, גאָר אין דער „פּיעסע"? ווי געפעלן אייך די „היידנישע קאַנטן?"... די געניטקייט און דאָס קלאָרע וויסן, אַז דוויד בן ישי דאַרף נישט קיין הארעם? אז זיין הארעם וועט זיין דער בית-המיקדש, וואָס גאָט וועט דעם גוטן, הארציקן דוויד נישט לאָזן בויען, ווייל זיינע הענט זענען באַפלעקט מיט בלוט?

נאָר אמת איז, אַז דאָס תהילים דאַרף זיין דווידס „וויין", נישט „ווייב" ווי איך האָב, זעט אויס, שלעכט געהערט, פאַרפּירט פון „הארעם"... און ווייטער „אויב און אויב" —

אויב איר ווילט זען דוויד המלכס גוטסקייט, ווי דער פּסוק שטעלט אים פאָר, ווען שאול מיט זיינע העלדן זענען געשלאָפן אין דער מידבר זיף און דוויד איז צו צו שאולן און אַוועקגענומען זיין שפּיז און קרוג, און אַרויף אויפן באַרג זיי אויפוועקן פון דאָרט (ויבא דוד לילה והנה שאול שוכב ישן וכו' ואבנר והעם סביבותו וכו' ויקח דוד את החנית וכו' ויעמוד על ראש ההר ויקרא וכו' — שמואל א' כ"ו).

נאָר אין פּסוק זינגט מען נישט און אביעזר טרעט נישט איבער קעפּ און פּיס...

אויב איר ווילט הערן, ווי דוויד רעדט צו אבנרן, ווען דער לעצטער טראָגט אים פאָר די יידישע קרוין, און ער, דוויד, שטעלט אים אַ באַדינ-

גונג, אז ער מוז אים פריער ברענגען מיכל בת שאול (לא תראה את פני כי אם לפני הביאך את מיכל בת שאול, שמואל ב' ג) און זאָגט:
„מיין נישט, אַז די תאווה דיקטירט מיר אַזוי.
ניין! איך וויל עס לכבוד המת משיח אדוני".

וואָרום, ווי קומט ת א ו ו ה צו „דוויד המלך?" אי וואָס: פּלגשים — בת־שבע — גאָרנישט, דאָס איז אין דער פּיעסע נישטאָ...

און עד כאן רעדט הער עפּעלבערג ערנסט, מכאן ואילך, פאַרגעסט ער, אַז פּאַרטיידיקן דאָס פּובליקום דאַרף מען „בכובד ראש" און הויבט זיך אָן צו וויצלען...

הער עפּעלבערג! צי ווייסט באמת נישט דוויד המלך (אין אייער פּיע־סע, נאַטירלעך), אַז ער איז געבליבן אָן אַ שווער, אָדער איר האָט שוין די שטעלע אַרויסגעוואָרפן פון שטיק? הער עפּעלבערג, אַ מכשיפה מעג זיין אָן ציין, נאָר אַ שרייבער מוז האָבן טאַלאַנט... הער עפּעלבערג — אַ האַרעם האָט געהאַט דוויד, נישט שאול, אין האַרעמס ווערט מיט מענער נ י ש ט געטאַנצט...

נאָר גענוג...

הער עפּעלבערג האָט אויך אַ סך פון מיינע טענות פ א ר ש ו ו י ג ן... און זיין פּראָטעסט מיט מיין ענטפער האָבן שוין צופיל פּלאַץ פאַרנומען. מיר וועלן איבערגיין צום ווילנער „באַלעבייסל".

די טעמע איז צום באַאַרבעטן זייער אַ שווערע. דאָס ווילנער באַלע־בייסל איז געוואָרן אויס פאַקט און איז נאָך נישט קיין לעגענדע געוואָרן, און וועט פּיליכט דערצו נישט קומען. און — דער צ ו י ש ן ־ מ אַ ־ מ ע נ ט איז אַמשווערסטן צו באַהאַנדלען. עס איז אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט, אַז דו ווייסט נישט, וווּ זיך צו שטעלן קעגן דער זאַך און ווי אַזוי צו מאָלן.

אויף דער סצענע זעען מיר דאָס ווילנער באַלעבייסל נאָך אינדערהיים. שבת פאַרן אָוועקפאָרן מוזיק שטודירן קיין וואַרשע, אַהין ציט דאָס „שטרעבן" צו העכערע וועלטן. אַהין רופט אים אויך אַ יוגנט־באַקאַנטע, אַ שטיקל גרעפין, דאַכט זיך, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין מאָניושקאָס הויז, הינטער ווילנע. דער פאָטער זיינער (דעם ווילנער באַלע־בייסלס) — אַן אַלטער חזן. וואָס האָט אויך אַמאָל „געשטרעבט", שרעקט זיך פאַר וואַרשע, דאָרט קאָן מען לייכט אַראָפּ פון וועג. דעם ווילנער באַ־לעבייסלס שוועסטער — אַ מין סימבאָליש־דעקאַדענטיש־קראַנקע פּערזאָן און דערצו, צום גרעסטן עפעקט — אַ בלינדע, האָט אַ פאַרגעפיל, אַז זי הערט דעם ברודערס זינגען און שפּילן צום לעצטן מאָל — די שוויגער

ציטערט אויך פאַרן וואַרשעווער יצר־הרע, נאָר דאָס ווייב, דעם ווילנער באַלעבייסלס, אַ פאַרצויגענע, פוילע, עגאָאיסטישע בת יחידה — פרייט זיך — ער וועט צוריקומען און ברענגען מתנות, דער עיקר: אַ מאַנטל, אַזוי ווי דער, מיט וועלכן אַ געוויסע גבירה פאַראַדירט אין דער ווייבערישער שיל...

דאָס בילד טווישט זיך און מיר זעען שוין דאָס ווילנער באַלעבייסל נאָך אַ גליקלעכן קאָנצערט, אין דער גרעפינס סאַלאָן, אין וואַרשע, מיטן קאָנצערט האָט ער אָפּגענומען די וועלט, אַלץ זיך צו די פיס געוואָרפן און שיכור פון כבוד (אין בעסערן זין) און פון דער ליבע צו דער גרעפין, איז ער גליקלעך — ער פאָרט מיט איר ווייטער שטרעבן — קיין איטאַליען.

פאָרן פאָרט ער דאָך נישט. דער פאָטער באַווייזט זיך, דער אַלטער חזן, וואָס איז געקומען נאָך אים, ער וויל׳ן אַהיימנעמען, ער דאַרף נישט זינגען פאַר פרעמדע, זיין געזאַנג געהערט צו זיין פאָלק, נאָר צו „כל ישראל" — און ער געהערט נישט צו דער גרעפין אין וואַרשע, נאָר צום ווייב מיט די קינדער אין ווילנע. אַ מלחמה אין ווילנער באַלעבייסלס האַרץ... גובר איז דאָס יידישקייט — ער פאָרט אַהיים. ער רייסט זיך אויס פון דער פרעמד.

ער רייסט אָבער אויס נאָר מיטן גוף; זיין נ ש מ ה איז געבליבן אין דער פרעמד, אַהיים פאָרט נאָר אַ גולם פון ווילנער באַלעבייסל... מיט דער נשמה צוזאַמען האָט ער דאָס געזאַנג פאַרלוירן (איינמאָל אין לעצטן אַקט וועט ער נאָך שפּילן, און צעברעכן דאָס פידעלע — דאָס וועט זיין פאַרן טויט!). ער האָט אפילו די שפּראַך פאַרלוירן, דעם ווילן צו רעדן... נאָך וואָס?

מיר זעען אים שוין קראַנק אינמיטן וועג פון וואַרשע קיין ווילנע; אין אַ קליין שטעטל, אין אַ חסידישע קלויז, פאַר וועלכער די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט די פאַרשוינען. אין קלויז רעדט מען פון אים, נישט ווי־סנדיק ווער ער איז. פון דערוווייטנס — אַ שטיק וועגס פון וואַרשע — ווערט ער שוין אַ שטיק לעגענדע... דער „רבי ר׳ מיכל" האָט פון אים ניסים ונפלאות דערציילט — צוזאַמענגעקנעטן די מלכּא שבא (די גרעפין) דוויד המלכס פידעלע, אשמדאי, שלומה־המלכס סוף און אַ מעשה נורא געמאַכט! דאָס באַלעבייסל (דער פאָטער איז אַרויסגעגאַנגען זוכן אַן אַפּטייק, צו קויפן אַביסל ווייַן פאַרן קראַנקן זון) שווייגט... נאָר אַז עמעץ זאָגט, אַז ער איז געשטראָפט געוואָרן פאַר אַ שרעקלעכער זינד: ווייל פריער, ווען ער איז נאָך חזן געווען, האָט ער נישט געזונגען פאַר גאָט און נישט פאַר כל־ישראל, נאָר פאַר זיין אייגענעם כבוד ווען, — שטעלט ער זיך אויף און

בעט זיך: ניין, זאָגט נישט אַזוי... „פון וואַנען ווייסטו?" „איך בין עס!"
— לאַכט מען, ווי דער ר' מיכל וויל, „אני שלומה", זאָגט ער...

דאָס באַלעבייסל פאַלט צוריק אין זיין אַפּאַטישן אומעט אַריין, און דערוואַכט ערשט, ווען בלאַזשיצקי (אַ שליח מיוחד פון דער גרעפין אויס וואַרשע, וואָס יאָגט'ן נאָך) קומט אַריין און וויל אים נעמען צוריק... ער שפּרינגט אויף, קריגט אַ נייע נשמה, ער לויפט, ער פאָרט...

נאָר אַזוי ווי ער איז נישט געבליבן אין וואַרשע, אַזוי פאָרט ער נישט צוריק... דער פאָטער האָט ווייטער, אַפּנים, אָפּגעראַטעוועט.

און מיר זעען צולעצט דאָס ווילנער באַלעבייסל צוריק אינדערהיים... ווייטער אַ גולם — אַ גוף אָן אַ נשמה, ער שפּילט צום לעצטן מאָל, צע־ברעכט דאָס פידעלע, די שוועסטער פאַלט און שטאַרבט... ער פאַלט און שטאַרבט...

— ברוך דיין אמת!

נאָר, ווי עס איז, איר זעט אַ פּראָבלעם, אַן עכטע דראַמאַטישע אויפגאַבע.

צי האָט ה' אַרנשטיין זי אויסגעפירט? דאָס איז די פראַגע.

ווילנע זעט מען נישט, גערעדט ווערט אין ווילנע, וואַרשע, אין מיט וועג אין אַ חסידישער קלויז — וואַלינעריש... איבער מוזיק ווערט גערעדט אַזוי באַנאַל, אַזוי פּוסט, אַז מיכל בת שאול וואָלט עס געמעגט נעמען פאַר אַ טראָן־רעדע, מוזיק — געזאַנג — איי, איי, איי... עס פעלט נאָך: פיש, פיש, פיש... אין דער דראַמע שלאָגן זיך רעאַליזם (די קלויז), סימבאָליזם (דאָס פידל צעבראָכן) שטימונג (די בלומען הינטער דער בלינדער שוועס־טערס פענצטער, אַ דערטרונקען הייזעריק שניידערל), און אַלערליי ליטע־ראַרישע פאָרמען. געזונגען ווערט אין אַ יידיש־חזניש הויז, ווי אין דער וואַרשעווער דייטשער שיל, עס פעלט נאָך אַן אָרגל... מאַסנהאַפט ווילד־פרעמדע מאָטיוון. שטרעבן, — נאַציאָנאַל־מאָטיוון (זינגען נישט פאַר פרעמדע — פאַר כל־ישראל — זיי האָבן פיל, מיר — נאָר דיר איינעם) אַן אָנהויפעניש פון גאַנץ איבעריקע זאַכן און מאָמענטן א. ד. ג.

אָבער נאָך דעם אַלעם — אַ דראַמע.

גוט געשפּילט האָבן: קאַמינסקי (דאָס ווילנער באַלעבייסל), קאַ־מינסקאַ (זיין שוועסטער: לאה), נאָר אַביסל איבערטריבן, ווייל עס איז זיך זייער שווער צו האַלטן אין אַ ראָלע, וואָס איז רעאַליסטיש־סימבאָ־ליסטיש - דעקאַדענטיש אין אַ יידיש - ליטוויש הויז פּ אַ ר צ ייט ן! לי־בערט (לאהס פאָטער), פרוי יערמאָלין (מלכה, דעם באַלעבייסלס שוויגער),

נאָר איבערטריבן גרימירט א. א. אמבעסטן האָבן דאָך אויסגעפירט זייערע ראָלן: מאדאם סיעראָצקא (דבורה) און ווייסמאַן (אלס בעל עגלה), ווייל דאָס זענען די איינציקע רעאל באהאנדלטע און גאנצע פערזאָנען. מאדאם טרילינג האָט געהאט א זייער אומפאסנדע ראָלע, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט איר כאראקטער און נאָך מער מיט איר וווקס און יאָרן, אזוינס דארף נישט געשען, עס מוז זיין א פיין פאר דער שוישפּילערין; עס פעלן יונגע קרעפטן אין דער טרופּע...

נאָר ווייטער דאָס זעלבע: דלות, דלות...

און „דוויד אין דער וויסטע" גיט מער קאסע, ווי „דאָס ווילנער באַלעבייסל..."

1906

אוי, דלות, דלות!

(טעאטער - פעליעטאָן)

קענט איר די סוכה, אין וועלכער מיר נעמען אויף אונדזערע טייערסטע און הייליקסטע געסט — די אושפיזין? קענט איר דעם פלאַץ אויפן הויף, אויף וועלכן די סוכה שטייט? דאָס מאַטעריאַל, פון וועלכן זי איז געשטעלט?

אויפן מיסט. צווישן ברעטער, טירן פון איבערגעבויטע הייזער רופן מיר מלאכים און אבות, און צדיקים צו גאַסט, און דאָס איז דער זיכר פון דער אַמאָליקער פרייער סוכה אויף פרייע וויינגערטנער און פעלדער!

קענט איר די הייזער, אין וועלכע מיר גיסן אויס אונדזער האַרץ פאַר גאָט? ווו מיר וויינען פאַר און נאָך פאָגראָמען? ווו מיר קומען, בלייכע און וואַקלדיקע, נאָך אַ תענית, לייענען „ויחל"; און טאַנצנדיק, יום־טוב, זינגען „היום תאמצנו?"

קענט איר די קוויטיקע פאָדלאָגע פון אַ גאַנץ יאָר און דעם בייסיקן שטויב פון אַלטן יום כפור? קענט איר די שוואַרצע ווענט, דאָס שפּינוועבס אין די ווינקעלעך, די צעשניצטע, פאַרפלעקטע מיט חילב באַגאָסענע טיש און בענק? געדענקט איר די אויפשריפטן „משנכנס אדר מרבין בשמחה" אויס חילב און ריס? געדענקט איר דאָס ציטעריק־פאַריתומטע מאיר־בעל־הנס־ליכטל, אין ווינקעלע די פאַראָסטעטע צדקה־פּושקע, דעם פאַרשטויבטן ארון־קודש מיטן פעטן פרוכת?

קענט איר דאָס יידישע בית־עלמין?

איך רעד נישט פון דער הויפּט־אַלייע אויפן וואַרשעווער בית־הקברות ווי איך האָב פריער נישט גערעדט פון דער דייטשער שיל — דאָס י י ד י ־ ש ע בית־הקברות מיין איך — די פאַשע פאַר ציגן און בהימות...

קענט איר די „הייליקע" מצבות? די איינגעגראָבענע, אויסגעבויגענע. מיט גראָז און אַלערליי קרייטעכצער באַוואַקסענע „תנצב"הס", די איינגעפאַלענע, האַלב־איינגעזונקענע „לזכר עולמס", דאָס האַלב־אויסגעפּוילטע, האַלב־אויסגעשטויבטע „אייביקע געדעכעניש?"

די לופט פרעסט, דער רעגן וואַשט, די ערד ציט אַריין אין זיך, און די נישט־איינגעמויערטע יידישע מציבה, מיט די צוויי הענט צום כהנים־דוכנען, מיטן צדקה־פּושקעלע און אַריינפאַלנדיקער מטבע, אָדער מיטן קליינעם ספרים־שענקל — די יידישע מציבה זינקט און זינקט —

און קענט איר דעם יידישן חדר?

דאָס נאָס־פינצטערע געפענגעניש, ווו מיר האָלטן אונדזערע קינדער?

און קענט איר דאָס יידישע טעאַטער?

אויסשפּייען פלעגט אַן אַלטער משכיל פאַרן יידישן „מינין", פאַר דער סוכה, פאַרן חדר, פאַרן בית־עלמין...

— חזיר־שטעלכל, אָבער גלאַט אַ שטעלכל, זאָגט דער מאָדערנער קריטיקער אויפן יידישן טעאַטער...

און דאָך, שולדיק איז דער דלות...

דאָס יידישע טעאַטער קאָן קיין אויסנאַם נישט זיין.

דאָס טעאַטער דאַרף זיין אַן אַנשטאַלט צו דערציען דעם גרויסן, און עס קען נישט בעסער און שענער זיין פאַרן חדר, ווו עס ווערט דערצויגן דאָס קינד...

צוזאַמענגעשטעלט איז עס פון אַלטע ברעטער, ווי אונדזער סוכה; אַזוי ריין, ווי אונדזערע „שטיבלעך", עס שטייט אויך אַזוי זיכער און רעכט, ווי אונדזערע מציבות...

זאָל נאָר אַ פּאָליציי־מאַן געבן אַ בלאָז, פאַלט עס איין.

ווער האַלט אונטער דאָס טעאַטער?

חסידים און באַלעבאַטים נישט — רייכע און אַסימילאַטאָרן נישט — דער פּראָלעטאַריער ק ע ן עס נישט אויפהאַלטן. ער האַלט קוים זיך אַליין אויף! — אין טעאַטער אַריין קומען: בעלי־חובות, קרובים פון אַנטרעפּענער און אַקטיאָרן, נעכטיקע און מאָרגנדיקע סטאַטיסטן — רעצענזענטן, מיטאַרבעטער און זעצער פון צוויי דריי יידישע בלעטער און נאָך איניקע צ ו פ ע ל י ק ע געסט...

אויף וועמען צו שטיצן האָט זיך דאָס יידישע טעאַטער נ י ש ט.
און אויב אַ טעאַטער האָט זיין פּובליקום נישט, מוז עס אַריינגאָרן פון גאַס, ווי אין אַ באַלאַגאַן אַריין, מוז עס זיין נוחס תּיבה מיט אַלע חיות, אַ כּל־בו פון זינג־טאַנץ, שפּרונג, שרייענדיקע, וויינענדיקע סצענען...

די האָט אַ דראַמאַטישן טאַלאַנט און מוז זינגען. יענער קען גוט לאַכן און מוז, — ווען גאָרדין אָדער הורוויץ הייסט — וויינען. יענע איז אַ לעבעדיקער קוואַל פון הומאָר און האָט אַ זילבערנעם גלעקל אין האַלדז, און מוז זינגען אַ האַרצרייסנדיקע ווידוי. פאַראַן אַ הומאָריסט, גיט אים אַ קאָמעדיע, נישטאָ קיין ריינע קאָמעדיע, ווי עס איז נישטאָ קיין ריינער פאָרם — אַלץ מוז זיין אויסגעמישט און צעקנוידערט. אַ „פאַרשידנס", ווי אין פליישׁ־געוועלבל, אַ טאָפּ ביים פייער, און וואָס מען וואַרפט אין טאָפּ אַריין, קאָכט זיך: אייגנס, גענגבעטס, פרישס, אַלטס, אפילו גאָר אָנגעדיבטס...

און אַ סוברעטקע מיט אַ לאַכעדיקן קערפּער פון שפּיץ קאָפּ ביז צו די שפּיץ נעגל פון די פינגער; מיט פיס, וואָס קענען נישט איינשטיין און מוזן אונטערטאַנצן, מיט אויגן, וואָס שפּריצן זינדיק־געפּאַרבטע פונקען, ווי אַ שמידעריי, מוז זיך פלוצלינג אַ שטעל־אַנידער טון און האַלטן אַן ערנסט־פייערדיקע רעדע ווענן מענטשהייט קעגן בלוט־פאַרגיסן, קעגן יאָגן און פּלאָגן די כּנסת ישׂראל. „אַלע מענטשן — זאָגט זי — זענען מענטשן — אוועק מיט דער אינקוויזיציע!"

און כּל־בוס מוזן זיין די שטיק, יעדן אָוונט כּמעט קאָלערן זיך דורך, ווי אין קאַלעידאָסקאָפּ, גרויס־אינקוויזיטאָרן, לייבן אין שאָפּענע פּעלצן, אַלטע קעניגן אונטערן אָרעם מיט יונגע סוברעטן, אויגוסטן און בר־כּוכבאס, און לצים, און קוימענקערערס, און וואָס איר ווילט!

און די קאָסטיומען, און די אויסשטעלונג!

בערלינער סאַלאָנען אָן ווענט, הורקנוס אויף אַ פּאָטשייאָווער פּאָטער־שטול. מר זוטרא וועט אַמאָל אַריינפאָרן אויף אַ וועליסאָפּעד, — עלעק־טרישע באַלייכטונג האָט ער שוין! און מירעלע אפרת, די פּראָווינציעלע מיוחסת, שרה שיינדל, אַ פרומע רביצין, וואָס טאַנצט, דעם ליבן פּובליקום צוליב, אַ ראָד מיט מענער, און אַ דייטשער מיטלאַלטישער הערצאָג, און אַ גרויס־אינקוויזיטאָר פון שפּאַניען, און אחשוורוש, דער מלך פון הודו ביז כּוש, די אַלע זיצן פאַר אַן אַלט סערוועטן־טישטעך... באַ, די זעלבע לייט, וואָס פירן אַלס דינער אין אַן אַקט אַ שפּיל, זעצן זיך אין אַ שבּע־

טערן אקט אין די זעלבע קאסטיומען אין קעניגלעכן פּאלאץ צום טיש אלס סנהדרין...

און דאס איז אויך נישט לייכט צו דערגרייכן... מערסטנטיילס ווערט געשפּילט ערגעץ אין דרויסן — שטייענדיק אויף די פּיס!

— קומט, באלעבאטים, אין טעאטער אריין, ווען מיר עס קאנען אנטוויקלען — זאגט דער יידישער אקטיאר.

— מאכט נישט א טעאטער, וועלן מיר קומען, — זאגט דער יידישער באלעבאס.

און דערוויילֿ גייען טאלאנטן פארלוירן, אונדזער געשמאק ביים אנגעלאפענעם, צופעליקן פּובליקום, פארדארבט זיך פון טאג צו טאג...

אוי, דלות, דלות!

און דלות מאכט קאנקורענץ.

מיר האבן שוין א דריטע טרופּע אויף מוראנאוו, עס וועלן זיין נייע פּאס־פּארטוס...

1905

נאַרקיס „אויפן לעצטן שטאַפּל״

(געשפּילט אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער)

ערשטנס — „אשר קרך בדרך״ — טרעף איך אַ גוטן פריינט אויפן וועג — אַ „קאַפּעליוש-פריינט״ — „אַוונט״ — „אַוונט״, ווי געוויינלעך; אַ צי ביי דער מיץ (עס איז דאָך ווינטער), אַ דריק ביי דער האַנט און אָפּגעשטעלט זיך: ער פאַרטרעט מיר דעם וועג אויפן שמאָלסטן טראָטואר אין עס כמיעלנא פון דער נייער וועלט. מיט איין וואָרט — אַ באַגעגעניש.

— אין טעאַטער אריין, הע?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ״.

— אויפנעמען מאַטעריאַל אויף אַ פעליעטאָן?

איך שאָקל נאָכאַמאָל מיטן קאָפּ אין דער לענג, און שוויג פאַר שרעק, עס זאָל זיך נישט מאַכן קיין „געשפּרעך אויף דערווייל״, ווי ביי ווייבער ביים געזעגענען זיך אין פעדער-הויז.

— הום... — מאַכט מיין שכן, נישט זייער צופרידן. — איך וויל מיך דערמיט באַנוצן, שטרעק אויס די האַנט, שטעל שוין אויס אַ פוס; מיין „קאַפּעליוש-פריינט״ נעמט אָבער ארויס דעם גאָלדענעם זייגער פון וועסטן-טאַש און, זעענדיק, אַז, „עס איז ערשט דריי פערטל אכט״, עפנט ער אויפסניי דאָס מויל:

— נישט גלייך! — זאָגט ער.

מיין פנים פאַרקרימט זיך אויף אַ פראַגע-צייכן —

— דאָס שרייבן פון טעאַטער!

און ער צעהיצט זיך פלוצלינג. פלאַמט אויף, ווי טרוקן שטרוי:

— היינטיקע צייטן... האַמעל... אַנאַרכיסטישע אָנפאַלן... באַלעבאַטים באַקומען קיין דירה-געלט נישט... אָן קרעדיט... מען מאַכט אפילו קיין „היפּאָטעקן״ נישט... דלות.. נישט זיכערקייט מיטן לעבן... רעפּרעסיען... געשיסעריי... פּחד פאַר נייע פּאָגראָמען — — —

איך מאַך אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג: ער לאָזט מיך אָבער נישט קומען צום וואָרט —

— איך ווייס... איך ווייס: יידישע קולטור, יידישע קונסט, — יידישע נשמה... וויכטיק, זייער וויכטיק — אויסריייניקן די שטאַל — מען מוז אַרויסטרייבן די סוחרים פון בית־המיקדש — דעם פּובליקום אַריינפּליסן געשמאַק — אָבער, מענטש! האָמעל און טעאַטער! אַ נאָך־נישט־פאַרלאָשן פייער און די סצענע, נאָך נישט פאַרטריקנט בלוט און די בינע!

— און דו, ווו אַהין גייסט? — האַק איך אים איבער מיט אַ שטימע פון אַ קאַלט־וואַסער־גוס אויף אַ צעהיצטן קאָפּ.

— איך? — פרעגט ער איבער, נאָכאַמאָל אַרויסכאַפּנדיק דעם זייגער — שוין אַכט — איך? איך גיי אין צירק אַריין...

ברוך שפּטרני; איך גיי ווייטער, און טראַכט: ווי אַזוי וועט אַרוים גאַרקים „נאַ דניע" אויף דער יידישער סצענע?

אַזאַ פרעמד לעבן, אַזוי אייגנאַרטיק רוסיש, און פון סאַמע ראָדנע קעסל־גרוב אין רוסישן וואַסער — צי וועט זיך דער יידישער אַקטיאָר קאָנען איינטראַכטן, איינפילן און איבערגעבן די זאַך? און ווי וועט זיך פאַרהאַלטן דאָס פּובליקום צו אַ דראַמע אָן אַ „מעשה נורא", אָן טענץ, (כאָטש גאָרקין איז זייער לייכט געווען אַריינצופירן אַ שאַרמאַנקע, און הייסן דעם עולם כאַפּן אַ טענצל...) אָן גרויסע געשעענישן? צי וועט עס פאַרשטיין דעם גרוי־געמאָלטן גיהנום, אָן דער אויפשריפט: „כל באיה לא ישובון"?

אין אַ ל ג ע מ יי ן זענען זיך די ספקות צערונען באַלד נאָכן אויפגיין פון דער פאָרהאַנג: נאָך די ערשטע עטלעכע באַוועגונגען, נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער. איך זע שוין, אַז דער יידישער נע־ונדניק, מיט זיין גלות־פעיקייט צו לעבן אין אַלע סטרעפן, צו עסן ברויט פון אַלע אויוונס, בעסער געזאָגט: צו הונגערן אויף אַלע „ארבע כנפות הארץ" — וועט ביישטיין!

איך זאָג „אין אַלגעמיינעם", וואָרום די איינצעלהייטן שעדיקן. די „איבערזעצונג", „געמאַכט פון אַן אַקטיאָר במשך פון צוויי וואָכן" (ווי מען האָט מיר מיט שטאָלץ דערציילט „פון אַ זיכערער קוועלע") — אַזאַ געשווינדע אַרבעט און נישט פון אַ פאַכמאַן, האָט געמוזט האָבן ערטער, ווי אַ ריב־אייזן, האָט געמוזט האָבן פעלער צום אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער... וואָרום מאַדאַם טרילינג — אַ קאָרפּולענטע, נישט־דירעוודיקע,

עלטערע פרוי, די גרויסארטיקע מוטער אויף דער סצענע, האט געמוזט אויסזען קאמיש אין א ראלע פון א יונג שיין, ראמאנטיש מיידל, וואס דארף אין די ערשטע אקטן מימיש, מיט באוועגונג און בליק, אויסשפילן איר ליבע און אייפערזוכט, און פייערדיק אויספלאצן ערשט אין לעצטן מאמענט פארן טויט... ווארום די רעזשיסעריע מיט איר צווייטן אקט, די נייע לאטעס אויף די אלטע רעק, קאמינסקיס באָרד פון א פורים־רב, און אנדערע קלייניקייטן, וואס מען וואלט געקאנט ביי א גוטן ווילן זייער לייכט באזייטיקן — דאס אלץ האט געשאדט, זייער געשאדט דער זאך... אבער ווי געזאגט, אין אלגעמיינעם איז געראטן. איך האב פארגעסן, אז דאס שפילן יידן, רעדן יידיש (אויסער איין „אסקאר", וואס רעדט אומעטום און דא אויך „ריין דייטש", איין גאט און ער ווייסט פארוואס) און די נשמה איז אראפ אין רוסישן גיהנום אריין, ווו די קרבנות פון דער „געזעל־שאפטלעכער ארדענונג" מאטערן זיך, צאפלען, ווי די פיש אין א נעץ און מוזן אן רעטונג פארגיין...

— און דאס שטיק — רוימט מיר איין איינער פון הינטער די קוליסן — דאס שטיק ווערט געשפילט אן פראבן... די טרופע האט איבערגעריסן אלע פראבן... מארגן וועט זי א י נ ג א נ צ ן שטרייקן... א סיכסוך וועגן געלט...

איך ענטפער נישט. מיך אינטערעסירט דאס פובליקום. צי פאר־שטייט עס גארקין? צי איז עס מיט אים אראפ אין קעלער אריין, צי פילט עס די האלב־שטומע טראגעדיע אין גיהנום אן פייער, ווו „געוויסן" איז ווייניקער סחורה, אלס אן אלטע טאש קארטן; ווו עס דרייען זיך ארום צו פארניכטונג פארמישפטע שאטנס פון געוועזענע מענטשן, וואס דער־מאנען זיך אמאל „אלטע" ווערטער, און ווייסן שוין נישט, ווו און ווען זיי צו באנוצן; ווו געוועזענע באראנען דערמאנען זיך, אז זיי האבן אמאל אין בעט אינדערפרי קאפע געטרונקען (אסקאר רעדט דייטש) און מיט „שמאנד", און אנדערע לאכן און גלויבן נישט... געוועזענע אקטיארן, וואס האבן אמאל קופלעטן געזאגט, „טייל צום לאבן, טייל צום וויינען" און האבן פארשיכורט זייער זכרון... ווו מען אטעמט פריי אפ, אז א קראנקער שטארבט, און וועט שוין נישט הוסטן ביינאכט — ווו מענטשן כאפן זיך אויף אינדערפרי מיט א פראגע אין דער וועלט אריין: מען האט מיך נעכטן געשלאגן... ווער? פארוואס?

— קום, אהיים, טאלטשע! — דערהער איך פלוצלינג, ווי מיין שכן, וואס האט זיך מיט אן איינגאנגס־בילעט ארויפגעכאפט ביז צו דער ערש־

טער רייע — גענוג, קום! און טאָלטשע, א דיקע פרוי, אַלאַ מאַדאַם טרילינג, הויבט זיך אויף צום גיין.

— א שיין פּאַרוויילונג! — מאַכט מיין שכן, גענוג הויך און שוין אינעם גיין — שיכורים, קאַטאַרזשניקעס... און פאַר דעם צאָל געלט...

צווישן די אַקטן גיי איך אַרום צווישן עולם.

אין א רעדל רעדט מען:

— ווי געפעלט דיר „לוקא" — דער פרומער מגיד מיט די גלייכווערטלעך?

— איך זאָג דיר: מער גנב, ווי אַלע... קיין „פּאַפּירן" האָט ער נישט; ווער ער איז, זאָגט ער נישט; וואָס זיין טון איז, ווייסט מען נישט (דאָס אייגנטלעך, איז שוין קאַמינסקי שולדיק) און אַז עס הויבט זיך אָן צו מאַכן אַן עסק און ער דערפילט, אַז עס שמעקט מיט פּאָליציי — מאַכט ער פּליטה...

אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט מען.

— עפּעס א ווילד־משונה לעבן — — — — —

דער רעדנער ענדיקט נישט, עס באַווייזט זיך זיין טאָלטשע, גיט אים א ציפּ ביי דער קלאַפּע פון שלום־ראָק:

— קום בעסער אין א קאָנדיטאָריי... גענוג די „סחורה"...

טרויעריק גיי איך אַרויס פון טעאַטער...

אמת, עס איז נישט געקומען דאָס רעכטע פּובליקום פאַר גאָרקים „נא דניע" — עס זענען געקומען די נעכטיקע און אייערנעכטיקע געסט, וואָס זוכן „אָפּערעטקעס" מיט כישוף־מאַכערינס אין קורצע קליידלעך מיט פעטע לידעלעך... און יצר־הרע־פּלאַמענדיקע אייגעלעך... געסט, וואָס ווילן איינזאַפּן מיט פאַרהונגערטע אויגן כאָטש עטלעכע היים־לעבעדיק־זינדיקע פונקען, כאָטש פון דער סצענע אַראָפּ, ווייל אין לעבן איז פאַראַן א טאָלטשע! — מענטשן, וואָס קומען אין טעאַטער אַריין מיט דער זעלבער לוסט צו „פאַרברענגען" און כאָטש אַמאָל אויפצולאַכן, מיט וועלכער דער יידישער לעזער פלעגט מיט עטלעכע יאָר צוריק נעמען א יידיש בוך אין האַנט אַריין — מען זוכט דעם מאַרשעליק, דעם ב ד ח ן , דעם לייכטן, אויבערפלעכלעכן, אויסגעלאַסענעם וויץ... מען רייסט אים פון מויל אַראָפּ, פון פידל אַראָפּ, פון טראָמפּייט אַרויס — דאָס לעבן איז אַזוי שווער, אַזוי גרוי... גאָרקים פּובליקום וועט ערשט קומען... עס וועט געוויר ווערן: היינט איז געווען די „פּייער־פּראָבע" פאַרן יידישן אַקטיאָר, ער איז זי

באשטאנען, ער איז ארוים מיט ניצחון, און מארגן, אויב מען וועט נישט שטרייקן, וועלן קומען די בעסערע, די העכערע, די, וואס...

די געדאנקען האקט מיר איבער א ניי באגעגעניש.

איך דערקען אים: א טעאטער־מאן — אן עכטער ליבהאבער פון יידישן טעאטער און מיין „שונא". ער האט ליב דאס יידישע טעאטער, ווי א מאמע איר איינציק קינד, און זעט נישט און וויל נישט, און קאן נישט זען זיינע פעלערן; פיינט האט זי די, וואס ווילן איר די אויגן עפענען... עס איז איר איינציקע ליבשאפט...

ער זאל מיך קאנען דערטרינקען אין א לעפל וואסער פאר מיינע קריטיקן, וואלט ער עס געטון אן א ישוב!

און ער זיצט לעבן מיר גאנץ אפט אין טעאטער מיט אנגעשטעלטע אויגן, ווי די ענגבער אויף מיין פנים. מאך איך א קרומע מינע, באווייזט זיך דער לייכטסטער שמייכל ארום מיינע ליפן, ווערט זיין פנים „אנגע־דוקט," וואלקנדיק און אין די אויגן זיינע פלאמט אויף א שינאה... איינ־מאל, נאך א קריטישן פעליעטאן, האט ער עס נישט אויסגעהאלטן און ארויסגעפלאצט, מיכלומרשט נישט צו מיר, נאר איך זאל הערן:

— קריטיזירן איז זייער לייכט — דאס קאן א שוסטער אויך!

און דאס האט ער עס מיך דעריאגט און אפגעהאלטן אין גאס.

— נו, וואס זאגט איר אצינד? איר האט אויסגעפירט א וויכטיק שטיק? א דראמע איז עס? הא? עס איז אפילו קיין רעכטע ליבע נישטא! א גנב — א שיכור — און ווייטער א גנב און ווייטער א שיכור — —

— האט איר — האק איך אים איבער — נישט חשק עפעס אין מויל אריין צו נעמען?

דאקעגן האט ער גארנישט, און איך נעמ'ן מיט אין „באר" אריין, דער איינציקער נאך געבליבענער פלאץ, וואס מען קאן אביסל לענגער זיצן בשעתן „קריגס־צושטאנד".

און אט זענען מיר אין „באר", איינגעהילט אין רויך צום דערשטיקן, ציען אין זיך אריין ריחות פון „קרויט מיט ווורשט" און אלערליי אנדערע אונטערגעווארעמטע מאכלים טובים — זיצן מיר ביי טאסן שווארצן קאפע, דאס איינציקע „כשר" אינעם „באר". די געשפיגלטע ווענט ארום אונדז ווארפן אונדז פילפאכיק צוריק אונדזערע בלאסע, מידע און פארדראסענע געזיכטער —

— זאגט איר — הויב איך אן מיט דער זיכערקייט, אז איך רעד צום

בעסטן עקזעמפּלאַר פון היינטיקן יידישן טעאַטער־פּובליקום — זאָגט איר, עס איז קיין דראַמע נישט?

— די מענטשן אינטערעסירן מיך נישט — שיכורים, גנבים...

איך פאַרהאַלט די פאַרפלייצונג פון „מיאוסע" ווערטער —

— און קיין רחמנות, צום ביישפּיל, אויף „אננאַ" האָט איר נישט?

— וואָס איז אננאַ?

— אננאַ איז אַן אַרבעטערס אַ ווייב. אָט ליגט זי קראַנק אין קעלער און איבערטראַכטנדיק איר גאַנץ לעבן, קאָן זי זיך נישט דערמאָנען, צי זי איז אַמאָל זאַט געווען... און האַלב־הונגעריק האָט זי שטענדיק געזאָגט: צי האָט זי נישט געכאַפּט אַן איבעריקן ביסן? צי וועט ער עמעצן נישט פעלן? און דער מאַן האָט זי געשלאָגן...

— אַ וווּנדער! „פּאָניע" אַ בעל־מלאכה!

— און זעט איר, זי טראַכט אַנדערש וועגן דעם... בעסער געזאָגט: זי טראַכט ג אָ ר נ י ש ט וועגן דעם... שלאָגן איז דער דרך הטבע. זי וואָלט זיך געוווּנדערט, ווען עס זאָל אַריבערגיין אַ טאָג אָן קלעפּ. אין אַזאַ פאַרביטערט לעבן, שלאָגט מען! מוז מען שלאָגן! און אָן אַ גאַנץ גליד אין לייב, טויט־קראַנק, פאַכענדיק מיט דער נשמה — איז זי דאָך אויפן מאַן נישט בייז, און אַז מען לאָזט איר איבער אין קיך עפּעס וואַרעמס צו עסן, זאָגט זי דעם מאַן:

— גיי דו און עס... איך דאַרף נישט... דו אַרבעטסט, גיי, עס!

— אַ נאַרישע יידענע!

— ניין, — אַ קלוגע, וויניקסטנס אַ גוטע — זי ווייסט, אַז דער מאַן אירער וואָלט זי אַנדערש באַהאַנדלט, ווען דאָס לעבן זאָל אַנדערש זיין... אייגנטלעך ווייסט זי נישט, נאָר זי פילט... אויך ווייסט זי, אַז דורך איר קרענק איז דער מאַן פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם קעלער, פון וועלכן מען קומט זעלטן אַרויס. און אַז זי וועט שטאַרבן, וועט ער אפשר פּאַרט אַרויס... ער איז אַ בעל־מלאכה! זי ווערט דעריבער נישט בייז, אַז דער מאַן עפנט נישט די טיר, ווען זי האָט קיין לופט נישט צו אָטעמען, אַז עס שטיקט זי. ער זיצט אויף דער ערד, נישט ווייט פון טיר, און איז פאַרקילט, פאַרקילט ער זיך מער, וועט שוין איר טויט אויך נישט העלפן — בלייבט ער שוין דאָ... איז ער אַ פאַרפאַלענער...

און די אננאַ וויל שטאַרבן, ווייל זי איז מיד, זי וויל זיך אָפּרוען... זי שרעקט זיך נאָר: טאָמער וועט דאָרט, אויף יענער וועלט, אויך קיין רו נישט זיין...

דער קעלנער הויבט אָן אויסלעשן די לאָמפּן... עס שלאָגט צוויי, מען טרייבט אונדז ארויס.

— די רעשט מאָרגן! — זאָג איך.

— איך וועל אייך באַגלייטן — ענטפערט ער.

מיר קומען אַרויס. עטלעכע שלוק פרישן אָטעם און מיין טעאַטראַ־מאַן זאָגט:

— אויף מיר מאַכט עס אַ וואונדערלעכן איינדרוק.

— וואָס?

— גאָרקים „שטיק", פאַראַן שטעט, ווו מען רייניקט נישט. קליינע שטעטלעך. דער ווינט קומט און קערט אויס; אַ רעגן פאַלט און שווענקט אָפּ; דערנאָך גייט אויף די זון און טריקנט אויס. מענטשן באַמיען זיך נישט דערמיט.

אין גרעסערע שטעט מוז זיין אָרדענונג. מען רייניקט... מען קערט, מען פירט אַרויס דאָס מיסט — —

— נו?

— און הינטער די שטעט וואַקסט אַ באַרג מיסט... און גאָרקי פירט אונדז שפּאַצירן אויף אַזאַ באַרג מיסט.. נאָכוואָס? פאַראַן נאָך גרעסערע שטעט, למשל, ווין, בערלין, פּאַריז, ווו, לויט איך האָב געהערט, לאָזט מען קיין בערגער מיסט אַפילו הינטער דער שטאָט נישט איבער... מיסט ווערט פאַרברענט...

— ריכטיק — זאָג איך אים — אָבער לעבעדיק מיסט לאָזט זיך נישט ברענען! ביפרט, אַז ווער ווייסט, צי איז „מיסט" מיסט און „גאָלד" — גאָלד... גאָרקים לוקאַ זאָגט, אַז עס זענען קיין שלעכטע מענטשן נישט פאַראַן... צי זענען די אַלע, דאָס גאַנצע לעבעדיקע מיסט, ווירקלעך שלעכטע, זינדיקע און דעריבער באַשטראָפטע? אָט דער ערגסטער פון אַלע, קאָסטילאָוו, דער איינציקער ווירקלעך שוואַרצער קאַראַקטער אין שטיק, איז גאָרנישט באַשטראָפט! אמת, דאָס ווייב זיינס „רייסט זיך גאַנץ אָפּט פון אים אָפּ" און גייט אירע וועגן — דערפון ווייסט ער אָבער נישט אויף זיכער. און אַזוי, וואָס פעלט אים? זיין הויז האָט ער, דירה־געלט באַקומט ער — עסט, טרינקט און לויבט גאָט... אין שטיק ווערט ער געטויט און מיר, וואָס זעען זיין טויט אויף דער סצענע, ווייינען נישט און באַשולדיקן זיין „מערדעריי" נישט, אַזוי ווי מיר באַשולדיקן נישט זייער שטאַרק זיין ווייב וואָס גענאַרט אים ביים לעבן... דאָס איז אָבער נאָר אין טעאַטער, ווו

דאָס לעבן ווערט אונדז פּאַרטייטשט פון גאָרקי... אינעם געוויינלעכן לעבן, אָן גאָרקיס פּירוש, ווערט זיין ווייב אַנדערש באַהאַנדלט. זיין מערדער — אויף קאַטאָרגע געשיקט! און דאָקעגן וועט קיינער נישט פּראָטעסטירן, ווארום אינעם געוויינלעכן לעבן, אינעם נישט ריכטיק־באַלויכטענעם לעבן, איז קאָסטילאָוו אַן ערלעכער מאַן. אמת, ער קויפט גניבהשע זאַכן, נאָר קיינער וועט אים נישט אויפווייזן, אַז ער האָט געוווסט דערפון... ער וויל אָפּלייקענען דעם חוב, וואָס ער איז שולדיק פאַרן געקויפטן גניבהשן זייגער, נאָר ווער וועט גלויבן דעם גנב, ווען ער וועט מאַנען? ער שינדט די הויט ביי זיינע אומגליקלעכע געסט, נאָר פאַן איבעריקן האַלבן רובל וועט ער קויפן בוימאייל צום הייליקן בילד אָדער צום „נר־תמיד", ווי עס שטייט אין דער איבערזעצונג... קומט דער טאָג, פאָרט ער מיטן ווייב אויף דעם בית־עלמין ארויס צו די הייליקע קברים... אַ פרומער מענטש און פון מעשים טובים, לויבט דאָס גוטע הארץ פונעם אַקטיאָר, וואָס קריגט רחמנות אויף דער קראַנקער אַננאַ און פירט זי ארויס אָפּאָטעמען אין הויז אריין, און זאָגט־צו עולם־הבא דערפאַר: אויף יענער וועלט — זאָגט ער — וועט מען דאָס דיר פאַריכטן, מען וועט דיר באַצאָלן... אָבער אַז דער אַקטיאָר בעט: „גיב מיר עפּעס דערפאַר דאָ, אויף דער וועלט, שלאָג מיר עפּעס אָפּ דער־פאַר פון חוב", פאַרשטייט קאָסטילאָוו זייער גוט, אַז י ע נ ע וועלט מיט ד ע ר וועלט האָבן קיין שייכות נישט. אַז „געלט" איז געלט, „חוב" — חוב און מען קאָן מיט מיצוות און מעשים טובים קיין חוב נישט דעקן; און אַז אַננאַ וועט קומען צו אים אין קיך אריין, וועט ער זי ארויסוואַרפן... ער איז חושד דאָס ווייב אין אַ „פאַרהעלטעניש" מיטן גנב, ער קוקט זיי נאָך — נאָר רעדן וועט ער נישט — אַביסל האָט ער מורא פאַרן ווייב אַליין, מער — פאַרן יונגן, געזונטן גנב, אָבער דער עיקר — ער פאַרדינט ביי אים, קויפט אָפּ „סחורה" און פאַרלייקנט האַלב געלט!... און ער איז נישט קיין „מיסט". פאַרקערט: סמעטענע! ער זאָגט מוסר, ער זאָגט אפילו לוקאַן מוסר... לוקאַ האָט קיין פּאַספּאָרט נישט, איז ער אַ שלעפּער.

ווער דען איז מיסט?

דער אומגליקלעכער אַקטיאָר, וואָס האָט זיך פאַרגיפט מיט אַלקאָהאָל און דעם זיכרון פאַרלוירן?... נאָר היינט ווייסט מען שוין, אַז שיכרות איז אַ קרענק. און ווען אַפילו אַ זינד, איז זי שוין הונדערט פאַך באַצאָלט מיט די ליידן, וואָס דער אומגליקלעכער שטייט אויס. וואָלט ער ווייניקסטנס אינגאַנצן פאַרגעסן! — עס וואַלגערן זיך אים אָבער נאָך ארום אין קאָפּ

אלטע זיכרונות: שעקספירס אָטעליע... בראוואָ... בים... ער גיט זיך אַ שטעל פאַרן עולם מיט די הענט אויף דער ברוסט... וויל דעקלאַמירן! די זיכרונות לאָזן אים נישט לעבן; און ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען!

און דער געוועזענער לעדער־פאַבריקאַנט?

געטרונקען האָט ער נאָך פריער, נאָר געשטויסן אין אָפּגרונט אריין האָט אים דאָך נישט דאָס...

— דאָס ווייב, וואָס איז אומגעטריי געווען?

— דער עיקר דאָך ג אַ ר עפּעס אַנדערש... גאָר עפּעס הויך מענטש־לעכעס... צווישן אים און דעם ווייבס געליבטן פלעגן ארויסקומען גע־שלעגן, געשלעג ביי שיכרות איז אַ געפערלעכע זאַך, עס קאָן קומען צו אַ מערדעריי און — ער אַנטלויפט פאַר דער זינד, ער וויל זיין נשמה מיט בלוט נישט באַפלעקן....

און אפשר וועלן מיר וואַרפן דעם שטיין אויפן טאַטער האַסאַנס קאָפּ?

אַן ארבעטער געווען, די מאַשין האָט אים די האַנט צעדריקט און ער איז אַראָפּגעפאַלן, און קיינער וועט אים נישט אויפהויבן... ער וועט שוין בלייבן דאָ, וווּ ער פלעגט אַמאָל קומען אַ קערטל כאַפּן, ווייל דאָ איז דער איינציקער אָרט, וווּ אַלע זענען גלייך, היימישע און פרעמדע...

און אַזוי אַנדערע — ווער ווירקלעך איז מיסט? דער „גנב", וואָס מען האָט אַזוי גערופן, נאָך איידער ער האָט עפּעס פרעמדס גענומען און דערמיט געשטויסן אים צו דער גנבה? דער געוועזענער טעלעגראַפיסט, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין געליבטער שוועסטער און איז אריין אין תפיסה און פון דאָרט שוין אַהערגעקומען?... די „געפאַלענע", וואָס גאָט ווייסט ווער עס האָט זי פאַרפירט?... און אַזוי אַלע, אַלע...

פון הינטער די וואָלקן איז ארויס אַ בלאַסע לבנה. ביי איר שיין זע איך, ווי מיין טעאַטראַמאַן איז גערירט פון מיינע רייד. דאָס בעסטע עק־זעמפּלאַר פון יידישן טעאַטער־פובליקום הערט מיך אויפמערקזאַם אויס און פילט. איך ווער שטאָלץ דערויף און רעדעוודיקער:

— די אַלטע ווילדע האָרדע, — זאָג איך, — וואָס איז באַשטאַנען פון נאַקעטע, פאַרהונגערטע מענטשן, האָט אויף אירע וואַנדער־וועגן גע־מוזט טויטן אַלטע און אָפּגעשוואַכטע, נישט געזונטע און גאַנץ געבוירענע קינדער, מיידלעך איבער דער צאָל און באַגראָבן אויפן אָרט — נישט גע־

ווען מיט וואָס צו פירן און מיט וואָס צו שפּייזן די, וואָס האָבן אַליין די קראַפט זיך צו דערנערן נישט געהאַט...

און מיר אינעם וועג פון אונדזער קולטור, מיר, די פאָרשטייער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, טוען אויך דאָס זעלבע. אונדזער פאַמיליען-געפיל איז שטאַרקער, אויף היימישע האָט מען רחמנות, פרעמדע, שוואַכע, קראַנקע לאָזט מען אויפן וועג...

מען טויט זיי נישט, די טובה טוט מען זיי נישט — מען פאַרשטופּט נאָר מיט זיי די תפיסות אָדער די ק ע ל ע ר ס — זאָלן זיי פוילן לעבעדיקערהייט: „ידינו לא שפכו את הדם!״ אייגנהענטיק האָבן מיר דאָס בלוט נישט פאַרגאָסן; עס טריפט אַליין, זאָל עס טריפן... זיי פוילן, זאָל ווערן פון זיי לעבעדיקע מיסט...

נאָר לעבעדיקע מיסט קאָן מען נישט פאַרברענען, ביפרט אַז דאָס איז דאָס זעלבע מענטשלעכע מאַטעריאַל, וואָס אומעטום, נאָר נשמות אָפּגעשטופּטע, פאַרוואָרלעסיקטע, געטראָטענע... די לאַסט פון אַלע זאַטע, פון אַלע „ערלעכע״, פון אַלע „גוטע און פרומע״ דריקט אויף זיי און וועט זיי דערשטיקן... דאָס לעבן שטריקט זיך אַרום זייער האַלדז, ווי אַ שטריק און ווערגט, און קיין רעטונג איז נישטאָ!

אָט וויל זיך „ראַטעווען״ דער גנב... נאַסטיאַ מיט איר ריינקייט, מיט איר גוטהאַרציקייט, מיט איר באַרמהאַרציקייט עפּנט אים די אויגן אויף. זי קאָן זיין רעטונג זיין. ער וויל מיט איר אַוועק. אָנהויבן אַ ניי לעבן. איר צוליב איז ער גרייט אפילו צום טויט: „נעם אָט אַ מעסער און שטעך מיר אַריין, אַבי פון דיינע הענט״. נאָר ווען זיינע אויגן האָבן זיך צום ערשטן מאָל רעכט דערזען, האָט ער זיך שוין געבאָדן אין זומפּ... האָט ער שוין געלעבט מיט איר שוועסטער, מיט דער באַלעבאָסטע פון „אורחים-הויז״... ער האָט נישט געקאָנט ליבן, ער איז אַ פריי-געביקער, מיטן אָפענעם האַרץ, מיט דער אָפענער האַנט, דער ערשטער צו הילף, און זי — אַ שלאַנג... אַ שלעכטע, אַ גייציקע, וואָס ציט אים אַריין טיפער אין זומפּ, ווייניקער אוים ליבע, אַלס מיטן פאַלשן מיין, ער זאָל זי פון מאַן באַפרייען... אַזוי ווייט האָט ער אָבער נישט געוואָסט. איר גאַנץ נידערטרעכטיקייט שווימט אים בולט פאַר די אויגן אַרוים ערשט, ווען ער באַמערקט נאַסטיאַן — עס איז אָבער צו שפּעט. נאַסטיאַ ווייסט פון אַלץ און קוקט אויף אים נישט, גלויבט אים נישט, איז אים אין אַל-דאָס-בייז חושד, און אַז זי קומט שוין האַלב צום גלויבן, אַז זי דעצידירט זיך שוין, געריהרט פון לוקאַס רייד, זי זאָל אים גלויבן און מיט אים צוזאַמען אויסוואַנדערן, נעמט די

שוועסטער און וואַרפט זי אַרויס פון פענצטער! דערפון מאַכט זיך אַ געשלעג, באַקומט דער אַלטער קאַסטילאַוו אַ טויט־קלאַפּ און נאַסטיאַ איז זיכער, אַז אין דעם אַלעם איז ער שולדיק, אַז ער מיט איר שוועסטער האָבן זיך אָפּגערעדט, פטור צו ווערן פוןביידע מיטאַמאָל. און אַ רגע פאַרן טויט פאַרקלאָגט זי זיי ביידע פאַר דער פּאָליציי, און שטאַרבט אָן אַ טרייסט, מיטן שרעקלעכסטן חשד אין קאָפּ און ביטערסטן געפיל אין האַרץ...

קיין אויסגאַנג, קיין רעטונג פאַר די אַראָפּגעשטויסענע —

און נישט אין דעם אַליין שטעקט די טראַגעדיע. די טראַגעדיע שטעקט דערינען, וואָס דאָס מענטשלעכע אין זיי קאָן נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן ווערן, פון אונטערן אַש וועקן זיך פונקען... האָפענונגען... דער אַקטיאָר זוכט דאָס שפּיטאָל, ווו מען היילט פאַרגיפטעטע פון אַלקאָהאָל, נאָר איידער ער געפינט עס, כאַפּט ער זיך צוריק צום ביטערן טראָפּן און הענגט זיך... די געפאַלענע הערט נישט אויף צו חלומען פון ריינער, גליקלעכער ליבע, און דאָס געפיל, דער דורשט צו ריינער ליבע איז ביי איר אַזוי שטאַרק, אַז זי קומט צו וויזיאָנען: זי לעזט ראָמאַנען און עס דאַכט זיך איר, אַז זי איז די העלדין פון ראָמאַנען און דעקלאַמירט וועגן ליבע, און דערציילט פון אירע ליבעס־ליידן, פון איר אָפּפערן זיך... אַ סטודענט האָט זיך אין איר פאַרליבט — אַלע טאָג האָט ער אַן אַנדער נאָמען, לויטן ראָמאַן וואָס זי לעזט — נאָר זיינע עלטערן זענען דערויף נישט באַשטאַנען... זי ליבטן, נאָר זי וויל נישט אים מיט די עלטערן צעקריגן... ער וויל זיך טויטן — זי לאָזט נישט: „דו ביסט יונג, שטאַרק, האָסט אַ צוקונפט פאַר זיך”... און אַז מען גלויבט איר נישט, הויבט זי אָן ביטערלעך צו וויינען; שווערט זי, עס איז אמת! און לוקאַ זאָגט, אַז עס איז ווירקלעך אַזוי, ווייל אמת איז נאָר דאָס, אין וואָס אַ מענטש גלויבט...

און אַפילו אננא, וואָס וויל אַזוי רוען, קאָן זיך דאָך פון לעבן נישט אָפּרייסן נאָר אינגאַנצן. אַמאָל רייסט זיך איר פון די האַלב־טויטע ליפּן אַראָפּ: און אפשר וועל איך דאָך געזונט ווערן?...

און אַזוי אַלע! — פונקען פון אונטערן אַש, און אויסגעלאָשן ווערן קאָן עס נישט, און אויפלאַמען — אויך נישט...

אָט אננאַס מאַן...

דעם ווייבס קרענק האָטן אָהערגעבראַכט, ער איז, לויט זיין מיינונג, אַן איינציקער ערלעכער צווישן גנבים... זאָל נאָר דאָס ווייב געזונט ווערן... און שפּעטער: זאָל נאָר דאָס ווייב שטאַרבן, וועט ער זיך שוין אַרויסרייסן

פון דאַנען... די הויט וועט ער פון זיך אָפּרייסן און איבערלאָזן, נאָר אַליין מוז ער אַרויס. ער, דער ערלעכער אַרבעטער — פון דער הייל פון גנבים, קאָרטן־שפּילער, פּוילנצער...

ער וועט אָבער נ י ש ט אַרויס!

דעם ווייבס קרענק האָט שוין צו לאַנג געדויערט, אין אָנהויב האָט ער זיך ווייט פון אַלע, דערהאַבן איבער אַלע — שפּעטער קוקט ער זיך צו, ווי דער עולם שפּילט, און צום סוף בלייבט ער — א פּאַרסמטער, א שילטנדיקער...

און אַזוי אַלע, אַלע...

אין וואָס איז אייער הילף

(א נוצלעך קעשענע - ביכל פאַר יעדן בעל-מלאכה און אַרבעטער)

פון ח. י. דאָקטאָר

דאָס ווערקל איז פריער (1886) געגאַנגען אַלס אַרטיקלען אינעם „יידישן פאָלקס-בלאַט" און שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן מיט אַ „צור וואַרינג (?): נאָכדרוק, אָדער איבערזעצן וכו' איז שטרענג פאַרבאָטן לויט געזעצע".

די ברָאשורע האָט פינף און פערציק זייטן; אַ פאָרעדע, פינף פּרקים און אַ שלום. אין דער פאָרעדע דערציילט הער דאָקטאָר זיינע „טייערע ברידער, בעלי־מלאכות און אַרבעטער, אַלע, וואָס לעבן פון דער אַרבעט פון זייערע הענט", אַז „נישט לאַנג איז ער צוריקגעקומען פון אויסלאַנד (!), ער איז געוועזן אין דייטשלאַנד (!!) פראַנקרייך (!?!) און ענגלאַנד (!!!) און געזען דאָרט אַזוינע שיינע (?) זאַכן, וועלכע ער וועט נישט פאַרגעסן ביזן, טויט אַריין", נאָר „מער פון אַלעמען האָבן אים איבעראַשט די מיטלען, מיט וועלכע די דאָרטיקע בעלי־מלאכות און אַרבעטער האָבן אַליין זיך אונטערגענומען (פאַרגענומען?) צום פאַרבעסערן זייער שלעכטע לאַגע און אַרויסצורייסן זיך פון דעם „אָרעמקייט"! די מיטלען זענען אַזוי וויכטיק און גרויסאַרטיק (!), אַז ער האַלט עס פאַר נויטיק זיי מיט זיי צו באַקענען, כדי זיי זאָלן וויסן? וואָס זיי האָבן צו טון, דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך באַצייטנס (?) נעמען צום שכל (!) און אָנהויבן עפּעס צו טון (!). נישט זיצן פאַרלייגט די הענט און לאָזן דאָס אָרעמקייט זאָל זיי גאָר איינגאַנצן איינשלינגען".

אונדז איז, למשל, אַלץ איינס צי האָט ה' דאָקטאָר אויסלאַנד געזען אָדער אין בוך געלעזן; צי האָט אים עפּעס אין דייטשלאַנד אָדער אין מי־

באַילאָוו (למשל) איבעראַשט; מיר דאַרפן נאָר זען אויב די עצות, וואָס ה׳ דאָקטאָר גיט, זענען פּראַקטיש.

דאָס ווערקל האָט פינף פּרקים; אין זיי גיט דער הער דאָקטאָר פינף עצות.

פריער גיט ער צו פאַרשטיין, אַז דאָס גרעסטע אומגליק איז פאַר דער מלאָכה די קאָנקורענץ, וואָס וואַרפט דעם פּרייז. די פּרייזן, זאָגט הער דאָקטאָר, הענגען נאָר אָפּ פון דער צאָל פון אַרבעטער. „און נישט נאָר ביי אַרבעטער, עס איז אַזוי אין יעדן פאַך". דאָס שטיקל איז זיכער אָרי־גינעל, נישט איבערזעצט. עס איז שווער צו גלויבן, אַז מיכאַילאָוו אָדער אַנדערע מחברים זאָלן נישט ווייסן, אַז די קאָנקורענץ וואַרפט נאָר דעם פּרייז פון מינימום (לכל הפּחות) ביז מאַקסימום (לכל היותר). אָבער דער עיקר הענגט אָפּ דער אַרבעט־פּרייז פון דעם נוצן, וואָס די אַרבעט ברענגט.

אויך ווייסט מיכאַילאָוו און אַנדערע מחברים, אַז עס איז פאַראַנען צווייערליי קאָנקורענצן: איינער קאָנקורירט מיט ב ע ס ע ר ע, איינער מיט ביליקערע אַרבעט, אַן אַנדערער ווייטער — מיט מער געשמאַק, אַר־טיזם. הער דאָקטאָר נאָר וויל נישט ווייסן, אַז אָן קאָנקורענץ וואָלט די מלאָכה שטענדיק געשטאַנען אויף איין אָרט, קיינמאָל זיך נישט פאַרבע־סערט, נישט פאַרפיינערט. ער האָט געהערט נאָר קלינגען אין אַ וואַלד און ווייסט נישט ווו. די קאָנקורענץ איז שעדלעך נישט ביי אַ ל ע פאַכן, און איבערהויפּט נישט ביי בעלי־מלאָכות; פאַרקערט, דאָרט איז זי ניצלעך און נויטיק. שעדלעך איז די קאָנקורענץ נאָר דאָרט, ווו עס איז דאָ איבע־ראַל מאַשינען, ווו עס אַרבעטן ביי זיי פּראָסטע אַרבעטער, וועלכע דאַרפן גאָרנישט קענען, נאָר דרייען אַ רעדל, אָדער טון עפּעס אַן אַנדער קליי־ניקייט; דאָרט, ווו עס איז פאַראַנען קיין אַרטיזם, געשמאַק, קענען און בע־סער מאַכן; אין איין טאָג, אין איין שעה לערנט מען זיך אויס די קונץ. — ביי דער אַרבעט איז נישט מער פאַראַנען נאָר קאָנקורענץ אויפן פּרייז, ד. ה. וואָס מער הענט עס ווילן אַרבעטן, וויניקער צאָלט מען פאַר דער אַרבעט. אויך גייט עס נאָר צו ביז צום מינימום, ווייל דער אַרבעטער מ ו ז נעמען וויפל אַ מענטש מ ו ז האָבן, ער זאָל ווי עס איז אויסלעבן דעם טאָג. נאָר דאָ איז די קאָנקורענץ שעדלעך, ביי בעלי־מלאָכות אָבער איז גאָר אַנדערש.

דער הער דאָקטאָר מוז נישט ווייסן, אַז עס זענען אַמאָל צעכן (צונפטן) געווען, ד. ה. אַזוינע חברות פון בעלי־מלאָכות. דעמאָלט איז געווען גאָר אָן קאָנקורענץ. און מען האָט זיי מבטל געווען אין דער גאַנצער וועלט

טאקע נאָר דעריבער, ווייל אַן קאָנקורענץ האָט זיך די מלאָכה נישט אַנט־וויקלט, זי איז שטענדיק אויף איין אָרט געשטאַנען.

נאָר וואָס פאַר אַן עיצה גיט הער דאָקטאָר קעגן דער קאָנקורענץ?

דער ערשטער פּרק הייסט: מאַכן שותפות צווישן בעלי־מלאָכות. עס בלייבט דאָך די שאלה: וואָס זאָלן טון אַרבעטער, וועלכע די קאָנקורענץ עסט באמת אויף? זאָלן זיי אויך מאַכן שותפות? און וואָס זאָלן זיי אַריינלייגן אין שותפות אַריין? די שוואַרצע הענט, דעם ליידיקן מאָגן אָדער דאָס ביסל שכל, וואָס הער דאָקטאָר וועט זיי אויסלערנען?

אויך ווייסן מיר נישט וואָס פאַר אַ מין רפואה דאָס שותפות איז קעגן קאָנקורענץ. הער דאָקטאָר מיינט נישט, אַז אַלע שניידער פון דער גאַנצער וועלט זאָלן מאַכן שותפות, צו דער גרויסער פאַנטאַזיע איז ער נאָך נישט געקומען.

זיין עיצה איז, אַז עטלעכע שניידער (ער וויל 15 שניידער) זאָלן מאַכן שותפות. ער באַרעכנט, אַז זיי וואָלטן דערינען פאַרדינט ממון קורח. לויט זיין רעכענונג, ווען פופצן שניידער זאָלן מאַכן שותפות, וואָלטן זיי פאַרדינט אַ סך געלט. אַזוי דאַרפן זיי: פופצן דירות מיט טירן אין גאַס אַריין (ד. ה. אין אָדעס, וווּ הער דאָקטאָר וווינט), טעגלעך אַ פוד קוילן, דרייסיק שערן, דרייסיק פּרעסן, פופצן מאָסן, פופצן ניי־מאַשינען, פופצן שטיבער אויפצונעמען קליענטן (!!!), דאָס שותפות אָבער דאַרף: נאָר איין טיר אויף דער גאַס אַרויס, קליינע איינציקע דירות מיט איין שותפות־וואַרשטאַט און די העלפט כלים. ער באַרעכנט אַ חילוק אויף דריי טויזנט זיבן הונדערט און פיר רובל אַ יאָר. די סומע וואָלטן זיי נאַטירלעך נויטיק געדאַרפט.

די רעכענונג אַליין איז פאַלש. הער דאָקטאָר האָט, למשל, פאַרגעסן, אַז צייט איז געלט: אַז די פופצן שניידער וועלן מוזן האָבן דעם זעכצנטן, ער זאָל זיין זייער קאַסירער, אַ זיבעצענטן אַלס בוכהאַלטער; אַן אַכצענטן, אַלס געשעפטס־פירער; — אָדער יעדערער פון די פופצן שניידער וועט מוזן דאַרויף אָפּטיילן אַביסל פון זיין צייט, אויב ער איז נאָר פעיק דערויף; אַז אַ בוכהאַלטער, אַ קאַסירער, און אַ געשעפטס־פירער קאָסטן באַלד מער ווי דער פאַרדינסט; אַז די רעכענונג איז נאָר נוהג ביי גאַנץ גרויסע שניידער אין גאַנץ גרויסע שטעט. נאָר אויסער דעם, איז די רפואה אַזוי פיל ווערט, וויפל אָפּשפּרעכן אַ מכה. עס זאָלן זיך מאַכן פופצן שניידער אַ שותפות און שוין, ביי דעם שותפות זאָל עס בלייבן, מער קיין שותפותן זאָלן זיך נישט מאַכן, וואָלטן די פופצן, (ווען די רעכענונג זאָל ריכטיק זיין) ווירקלעך גוט גע־

שטאַנען, דאָס הייסט, אַז זיי וואָלטן בעסער קאָנקורירט מיטן רעשט שניידער, וואָס אַרבעטן יעדערער באַזונדער! נאָר אויב דאָס איז דער צוועק, איז נאָך נישט כּדאַי געווען צו שרייבן און דרוקן אַפילו די קלענסטע בראָ־שורע. מען רופט צוזאַמען פּופּצן שניידער און מען מאַכט אַ שותּפות! נאָר הער דאָקטאָר מיינט, אַז אַלע שניידער זאָלן זיך בינדן צו פּופּצן, עס זאָלן ווערן אַרטעלן, און פאַרגעסט, אַז דעמאָלט וועלן די אַרטעלן צווישן זיך פּונקט אַזוי קאָנקורירן, ווי היינט איינציקע שניידער. עס וואָלט דערפון אפשר געווען אַ טובה, נאָר נישט דעם בעל־מלאָכה; דער קונה וואָלט אַ טובה געהאַט, ווייל נישט די קאָנקורענץ וואָלט קלענער, גרעסער וואָלט זי געוואָרן און די אַרבעט — ביליקער!

דער הער דאָקטאָר ברענגט אַ משל פון אַ שותּפות פון פּופּצן בלעכער אין פּאַריז. עס איז אַ וווּנדער, וואָס הער דאָקטאָר, וואָס איז אַליין אַ שניי־דער, וואָס האָט געמאַכט אַ חשבון פאַר אָדעסער שניידער, ברענגט אַ משל פּונקט פון פּאַריזער בלעכער! אין פּאַריז זענען דאָ פאַרשידענע שותּפותן פון שניידער אויך, און הער דאָקטאָר, אויב ער איז אין פּאַריז געווען און פראַנצויזיש פאַרשטאַנען, וואָלט ער בעסער געטון, ער זאָל דאָס שניידער־שותּפות שטודירן. און אויב עס זענען אים שוין די בלעכער אויף די פּאַרי־זער דעכער געפאַלן אין די אויגן, האָט ער ווייטער געבראַוכט, צוריקקומענ־דיק אין אָדעס, צו מאַכן דעם חשבון אויך פאַר די בלעכער. למשל, פּופּצן בלעכער דאַרפן דאָס און דאָס, אַלע צוזאַמען — ווייניקער כּלים, ווייניקער דירות... יאָ?

נאָר אַפילו אויב מיר האָבן אַ טעות, אין פּאַריז איז שניידער־חברות נישטאָ, זענען דאָ מאַנכע אין בערלין, אין לאָנדאָן, די צוויי שטעט האָט דער הער דאָקטאָר געמוזט אַפּנים באַהאַלטן אויף שפּעטער!... ער מוז פון יעדער שטאָט אַן אַנדער משל ברענגען, כּדי מען זאָל וויסן, ווו ער איז אַלץ געווען. דער פּירק ענדיקט זיך מיט דעם, אַז אין רוסלאַנד זענען אויך דאָ אַזעלכע שותּפותן. אַזוי אויך ענדיקט זיך יעדער פּירק. נאָר פאַרוואָס אייגנטלעך שרייבט אונדז ה׳ דאָקטאָר פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין אויסלאַנד, נישט אין רוסלאַנד? ער איז טאַקע געווען, למשל, אין פּאַריז, לאָנדאָן און בערלין, ער וווינט דאָך אין רוסלאַנד, פאַרוואָס האָט ער זיינס נישט שטודירט? ממה־נפשך, זענען די שותּפותן אין רוסלאַנד אַזוי גוט, ווי די אויסלענדישע, וואָס דאַרפן מיר יענע? זענען זיי ערגער, איז פיל אינטערעסאַנטער צו וויסן מיט וואָס! מיט וואָס זענען ערגער די רוסישע אַרטעלן פון דער בלעכער־געזעלשאַפט אין פּאַריז, אונדזערע באַנקן

— פון די דייטשע (פּרק ב), די „פּאַטרעביטעלנאַיע אָבשטשעסטוואָ", וועלכע ער דערמאָנט נאָר — פון די געוועלבער אין אויסלאַנד וכדומה?

מיר זאָלן וועלן נאָכגיין טריט ביי טריט דעם הער דאָקטאָר און כאַפּן אים ביי אַלע זיינע גרייזן, וואָלטן מיר געברויכט אַ גרעסערע בראָשורע שרייבן, אַלס זיינע; מיר וועלן זיך מיט אים אָפּפאַרטיקן בקיצור. ער וויל איינפירן אַרטעלן און שרייבט פון פּאַריז, לאָנדאָן און בערלין; ער וויל מאַכן „פּאַטרעביטעלניאַ אָבשטשעסטוואָ" און באַשרייבט אויסלאַנד, קיין איינציקע געזעלשאַפט אין רוסלאַנד; און דער עיקר וויל ער איינפירן שולן צום לערנען מלאָכות און באַשרייבט, אַז די שול, וואָס די בעלי־מלאָכות האָבן זיך געמאַכט אין בערלין, איז „דאָס שענסטע הויז אין שטאָט, דאָס (הויז) ווערט (!) באַלייכט מיט גאַז. אין דעם (הויז) געפינט זיך אַ גרויסער זאַל, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גאַלעריע און באַלקאָנעס מיט שיינע געשניצטע פון האָלץ שטראָכעטן (רעשאָטקעס). דער זאַל איז פול (!) מיט שיינע בענק און טישן (!!!) אויף דעם עק פון אים (פון טיש?) געפינט זיך אַ בימה, אויף וועלכער יעדערער, וואָס וויל נאָר (!!), האָט דאָס רעכט (אוודאי!) צו האַלטן אַ רעדע, אָדער עפּעס פאָרטראָגן פאַר דעם עולם, אחוץ דעם איז נאָך דאָ אַ קעסטל, אין וועלכן יעדער האָט דאָס רעכט (!) אַריינצווואַרפן אַ פּאַפּירל, אויף וועלכן ער מעג אָנשרייבן דאָס, פון וועלכן ער וויל מען זאָל שמועסן, נעבן דער בימה שטייט אַ פאָרטעפּיאַן צוליב דעם (!!!) ווייל די בעלי־מלאָכות און אַרבעטער קומען זיך דאָ צונויף, שפּילן זיי און זינגען. נעבן דעם זאַל איז דאָ אַ ביבליאָטעק, אַ זאַל אויף (!) צו לייענען און עטלעכע גרויסע צימערן אויף (!) צו לערנען. דורך עטלעכע גלעזערנע טירן גייט מען אַריין אין אַ גרויסאַרטיקן גאָרטן, אין וועלכן די בעלי־מלאָכות אַרבעטער קומען זיך צונויף!" אי שיין באַשריבן, אי באַשריבן, וואָס מען דאַרף, דעם נאָנצן תוך, און אַקוראַט פאַר וועמען מען דאַרף, וואָרום, באמת, וואָס פעלט אונדז שניידער מער אַלס אַ פאָרטעפּיאַן מיט שטראָכעטן, אַ בימה מיט קווייטלעך, מיט שיינע בענק און טישן? און אַ גרויסע זאַך אַזוינס איינצופירן, למשל, אין קאַמאַראָוו אָדער בראָטקעוו! וואָס מען לערנט אין שולן, נאָך וואָס מען דאַרף לערנען און פון נאָך אַזוינע קליינינקייטן איז נישט כדאי צו רעדן; דער עיקר די שטראָכעטן!

מיר מיינען, אַז עס איז געווען — מיר מיינען, אַז עס וואָלט גלייכער געווען אונדזערע מחברים זאָלן וויניקער רעדן פון אויסלאַנד (געווען אָדער

געלעזן), בעסער באַטראַכטן, וואָס אין דער היים טוט זיך. אויב זיי ווילן שרייבן איבער דער אַרבעטער־פּראַגע, זאָלן זיי פריער די פראַגע שטודירן. די ליטעראַטור, און דער עיקר דאָס לעבן! נישט צו פאַשרייבן וויין, פליש און פיש דעם קראַנקן פאַר דחקות, נישט צו רעדן פון „שטראָכעטן", ווען מען האָט נאָך אַפילו קיין באַגריף, וואָס מען מיינט בילדן זיך.

דער הער דאָקטאָר האָט דאָך צוויי גרויסע מעלות: 1) ער איז (דאַכט זיך) דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן (אָדער איבער־זעצן שטיקלעך) פאַר בעלי־מלאָכות און 2) ער האָט נאָר אַ קורץ ווערקל געשריבן.

1890

די פרויען־פראגע

לויט דעם תלמוד און דערצו אויך א רעכטן באגריף פונעם תלמוד בכלל

אין צוויי טייל

פון י. י. ווייסבערג

די מענטשהייט שפאלט זיך אויף צוויי טייל, אויף זכרים און נקיבות. די נאטור אליין האט זיי געטיילט דערמיט, וואס זי האט דער פרוי געגעבן דריי מיצוות: טראגן, האבן און זייגן. אמת, עס זענען דא פלאנצן און בעלי־חיים, וואס זענען „די־פרצופים": זכרים און נקיבות צוזאמען. זיי מערן זיך דורך א חלוקה אדער קנאספן, דאס הייסט, אדער דאס קעמערל שפאלט זיך, עס ווערט דערפון צוויי, פון צוויי — פיר, און אזוי ווייטער, אדער אויף דעם ארט פון דעם צמח אדער בעל־חי מאכט זיך א מין קנעפל, א בראדאווקע, וואס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, ביז עס וואקסט אויף און הייבט אן צו לעבן אויף אייגענער רע־כענונג, אויף דעם זעלבן ארט, אדער גייט גאר אוועק און לעבט זיך ערגעץ באזונדער. פראוודע, ביי מאנספערזאנען איז עפעס נאך דא א מין זיכר פון נקיבות — בראדאווקעס אויף די בריסטן... מען דערציילט אפילו, אז עס האט זיך געטראפן שוין, אז א קינד האט ביי א מאנספארשוין אזוי לאנג געצויגן ביי דער ברוסט, ביז עס האט אנגעהויבן מילך צו גיין... נאר בכלל איז היינט ביי די העכערע חיות און מענטשן די דריי דינים נאר נוהג ביי נקיבות.

עד־היום איז א תקיף א גרויסע זאך... מיר זענען שוין מיכלומרשט געבילדעט, האבן פראוועס, רעדן פון יושר, פון אמת... און דאך איז בים־מארק און פרייסן... די בעסטע עידות, וואס היינט נאך פאר א ווערט עס

האָט כוח... עס איז נאָך געווען אַמאָל אַ צייט ביי מענטשן, ווען עס איז נישט מער נאָר כוח געווען, נאָר: „כל דאלים גבר!" (ווער עס איז שטאַרקער, דער האָט רעכט!)

פאַרשטייט זיך אַליין, אַז אין יענער צייט, ווען נאָר די פויסט האָט רעגירט, האָט דער זכר געמוזט אונטערדריקן די נקיבה, ווייל (עכ"פ אין אַ געוויסער צייט) ער איז שטאַרקער געווען פאַר איר.

פון דאַמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די פרויען־קנעכטשאַפט, וואָס געדויערט נאָך עד־היום. נאַטירלעך נישט אומעטום, און נישט ביי יעדן פאָלק גלייך. דער אונטערשיד צווישן מענער און פרויען הייבט זיך אָן דאַמאָלט, ווען די פויסט אַליין רעגירט און ענדיקן וועט זי זיך דאַמאָלט, ווען נאָר יושר, נאָר אמת וועלן רעגירן. דעריבער איז דער פרויען־שטאַנד פאַרשידן ביי יעדן פאָלק אין פאַרשידענע צייטן, און אויך אין איין צייט ביי פאַרשידענע פעלקער, ווייל די מענטשהייט גייט נישט איר אַנטוויקלונגס־וועג גלייך, ווי אַ ראָטע, נאָר צעוואָרפן, טייל פריער און טייל שפּעטער, וואָס אויף אַ נידעריקן שטאַפּל פון דער בילדונג אַ פאָלק שטייט, נידעריקער שטייען ביי אים די פרויען.

מיר האָבן נאָך היינט ווילדע שטאַמען, וווּ פרויען ווערן ביי די עלטערן אָפּגעקויפט, אַלס אַ זאַך; ייִנגערע דינען, אַלס ווייבער און דינסטן; עלטערע — ווערן געטייט, געבראָטן און געפרעסן; פעלקער, ביי וועלכע קדושין הייסט: צופירן צו אַ בוים און אויסהאַקן מיט אַ קלין צוויי פעדערשטע ציין.

עס זענען דאָ שטאַמען, וווּ עס פעלן ווייבער. ווערן זיי געגנבעט, געכאַפּט, גערויבט ביי שכנים. מען לויערט (טשאַטעוועט) אויף אַ נקיבה, ווי אַ ווילדע חיה אויף רויב. קוים ווייזט זי זיך, פאַלט מען זי אָן, מען גיט איר אייניקע קלעפּ מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ, זי זאָל דעם שׂיכל פאַרלירן, און מען שלעפּט זי צו זיך אַהיים אויף אַ שטריק.

עס זענען דאָ שטאַמען, וווּ די מענער רייטן, און די פרויען גייען נאָך צו פוס, טראָגן אויף די פּלייצעס אַ צוויי־דריי קינדער און אין די הענט אַלע כלים, אחוץ דעם מאַנס כלי־זיין. דערביי ווערט זי אונטערגעשמיסן, זי זאָל געשווינד לויפן.

עס זענען דאָ ווילדע, וווּ אַז אַ מאַן שלאָגט נישט זיין ווייב, איז עס אַ סימן, אַז ער קאָן שוין אויף איר פּרצוף נישט קוקן, און זי לויפט אַהיים וויינען פאַר די עלטערן אויף איר פינצטער מזל.

עס זענען אויך דאָ פעלקער, וווּ אַז איינער שטאַרבט, גיט מען אים

מיט אין גרוב אַלדאָס גוטס, עס זאָל אים אויף יענער וועלט נישט פעלן. מען פאַרברענט דעריבער זיינע כלים, זיינע רייט־פערד, זיינע שקלאַפן (דינער) און — פאַרשטייט זיך — זיינע ווייבער אויך! נאָך אַ גרויסן מאַן, ביפרט נאָך אַ פירשט, ווערן פאַרברענט מיטאַמאָל אַ פופציק־זעכציק פרויען...

נאָר דאָס זענען אַלץ ווילדע מענטשן; לאָזן מיר באַטראַכטן אַביסל די געבילדעטערע. אַ מאַן האָט צו שאַפן איבערן ווייב מיט די קינדער, זי מוז נאָכגיין, וווהין ער וויל. שלאָגט ער זי, האָט זי נישט קיין רעכט אים צו פאַרקלאָגן, אויסער ווען ער מאַכט זי פאַר אַ קאַליקע.

זי פאַרלירט איר נאָמען. אפילו, אַז זי גט זיך מיטן מאַן, הייסט זי נאָך אים כל־זמן זי האָט מיט קיין אַנדערן נישט חתונה. אַ מאַנספאַרשוין קאָן ווערן וואָס ער וויל — אַ פרויענצימער קאָן נאָר ווערן — אָדער זיין דינסט, אָדער זיין ליבהאָבערן! דער אייגענער חטא, וואָס ביי אַ מאַנספאַרשוין איז קיי־און־שפּיי, איז ביי אַ פרויען־צימער סכנות־נפשות. אין טייל לענדער נעמען פרויען גאָרנישט, אין טייל — נאָר אַ קליינעם חילק ירושה.

אויסער אייניקע שטאַטן אין אַמעריקע, זענען איבעראַל די פרויען באַגרענעצט, פאַלן אַלע ארונטער דעם מאַנס ווילן, און מערסטנס ווערן זיי גאָרנישט ערצויגן אַלס מענטשן, נאָר אַלס שפּילצייג פון מענטשן וועגן. אַ ליאַלקע, וואָס קאָן רעדן שיין, פּלאַפּלען אַביסל פראַנצויזיש, שפּילן פּיאַנע, כדי, אַז דער מאַן וועט קומען אהיים נאָך דער ארבעט, זאָל זי אים אָנגענעם מאַכן דאָס לעבן, אָדער אַלס ווירטן, זאָל זי קאָנען אים גוט קאָכן, באַקן און שיינשפּאָרן.

דעמאָלט, ווען דער מאַנספאַרשוין ווערט וואָס עלטער — קליגער, אַנטוויקלטער. באַלעזענער, שטאַרקער, און באַקומט מער כבוד און דרך־ארץ, איז ביי פרויען פאַרקערט. וואָס עלטער זי ווערט, ווערט זי נאַרישער, זאַבאַבאָנישער, שוואַכער און אומדערטרעגלעכער... עס טרעפן זיך מענטשן, וואָס האָבן ליב די ווייבער, נאָר איינער צווישן טויזנט קאָן לידן זיין שווינערס דוך.

ביי אונדז יידן שטייען אויך די פרויען נידעריקער, אַלס מענער. צי קאָן זיך, למשל, אַ ייד פאָרשטעלן אַ יידענע אַלס ראש־הקהל, שמש ביים רב וכדומה? געוויס נישט! צי קאָן זיך עמעץ ביי אונדז פאָרשטעלן אַ שטר „חצי נקיבה"? אַ נקיבה זאָל דאַווענען פאַרן עמוד? צי וויל אַ פרומע יידענע מער, ווי זיין אין גן־עדן איר מאַנס פיסנבענקעלע?

מענטשן זענען בטבע קאָנסערוואַטיוו! נישט נאָר די, וואָס האָבן צו

שאַפן, ווילן באַהאַלטן שטענדיק זייער ממשלה, נאָר אַפּילו די אונטער־דריקטע, וואָס זענען שוין אין קייטן געבוירן, ווילן אין זיי שטאַרבן; זיי קאָנען זיך קיין אַנדער לעבן נישט פאָרשטעלן. איידער מען האָט אין אַמע־ריקע אָפּגעשאַפט די שקלאַפעריי, זענען די שקלאַפן אַליין געווען דאַקעגן, און אַז עס האָט אויסגעבראָכן דעריבער אַ קריג, האָבן די שקלאַפן געטריי זייער בלוט פאַרגאָסן פאַר זייערע צוואַנג־הערן.

אַזוי איז אויך ביי דער פרויען־פראַגע. נישט נאָר דער מאַנספּערשוין אַליין סטאַרעט זיך, אַז די פרוי זאָל בלייבן אונטערדריקט, זי זאָל ווייני־קער קאָנען אַרבעטן, אַלס ער, זי זאָל זיין נאָר זיין שפּילצייג, נאָר אַפּילו די פרויען אַליין האַלטן זיך דערינען שטאָל און אייזן. זייער גאַנץ לעבן איז — זיך אָנצוהענגען עמעצן אויף די פּלייצעס; זי איז גליקלעך, אַז מען האַלט זי פאַר אַ „מלאך" און נישט פאַר אַ מענטש, אַז מען שטייט פאַר איר אויף, מען לויפט איר אויפהייבן דאָס אַראָפּגעלאָזטע נאָזטיכל...

דער קאָנסערוואַטיזם קלערט נאָך אויס פאַרשידענע תירוצים און טעאָריעס; דאָס ווייב איז באַשאַפן געוואָרן פון מאַנס ריפּ, איז פון דאַנען געדרונגען, אַז זי דאַרף קיין גאַנצער מענטש נישט זיין! אַז די פרוי האָט בטבע מער געפיל, אַלס שכל, מער געשמאַק, אַלס כוח, וכדומה. מען מאַכט זיך פאַרגעסן, אַז דאָס קומט אַרויס פון דער טויזנט־יאָריקער ערציונג, פון דער דומער דאַמען־טראַכט, און נאָך און נאָך אַנדערע זאַכן.

די פרויען־פראַגע, זעט איר, קאָן פאַר אונדז יידן אויך זיין זייער אינטערעסאַנט. די פרויען־לאַגע שטייט נישט אויף איין אָרט, זי ענדערט זיך מיט דער צייט. אין אַנדערע ליטעראַטורן קאָן מען פון דער פראַגע זאַמלען גאַנצע ביבליאָטעקן — ביי אונדז האָבן מיר יעצט דאָס ערשטע ווערקל פון ה' י. י. ווייסבערג. כל התחלות קשות.

דאָס ווערקל רעדט נישט פון דער פרויען־לאַגע יעצט, עס שטודירט נישט די פרויען־פראַגע איבער דער גאַנצער צייט. ער שטעלט זיך אָפּנים פאָר, אַז די גמרא איז „איינס", און לויט דער גמרא איז פאַראַנען איין „פרויען־פראַגע": ער האָט אַריינגעשלעפּט מיט געוואַלט אַ „ריכטיקן (!) באַגריף איבערן תלמוד", ער פאַרגעסט די צייטן און די ערטער פון דער גמרא; ער באַמערקט נישט ווען און ווו עפּעס איז געזאָגט געוואָרן; די מאמרים גייען אָן אַ סדר; זיינע אויסלייגונגען זענען מערסטנטיילס „ויש ליישב בדוחק", פּשטלמעסיק — נאָר דאָך איז דאָס ווערקל נוציק, און מיר עמפּעלן עס דעם פּובליקום.

און מיר עמפּעלן עס, נישט דעריבער, דאָס ווערקל זאָל האָבן עפּעס

געווירקט, עפּעס דערקלערט — דאָס נישט. דער מחבר באמת זיך אפילו טיילמאָל צו פאַרענטפערן אפילו א בעל־התלמוד, וואָס האָט זיך האַרט אויסגעדריקט איבער פרויען... נאָר פון דעם האָבן מיר קיין נוצן נישט. נישט תנאים ואמוראים. דאָס לעבן דריקט זיך הארט אוים און אונטער־דריקט...

נאָר ווי עס איז, פון דעם ווערקל ווערט מען געוואָר, על כל פנים, אז עס איז דאָ א פרויען־פראגע, אז עס זענען דאָ מענטשן, וואָס קלערן, אז אלע מענטשן דארפן זיין אין אלעם גלייך...

1890

האָרץ

ספר לכל נפש, ולכל בית ישראל

(דאָס לאַנד, אַ בוך פאַר אַלע יידן, וועלכע פאַרשטייען לשון־קודש, און פאַר יעדן הויז, וו עס ליגט נאָך אַמאָל אַ תנ״כל)

גייט אַרויס אין ירושלים דורך ח. זאב (וואָלף) יעבץ

(עס זענען אַרויס פיר בענדלעך)

עס זעט אויס, אַז די וועלט וועט נאָך אַמאָל די זכיה האָבן צו זען אַן אילוסטראַציע צו גאָרדינס געדיכט: „בנערינו ובזקנינו נלך“; דער אייביקער ייד „וועט נאָך אַמאָל נעמען דעם שטעקן אין דער האַנט אַריין, די (ליידיקע) טאָרבע אויף די פּלייצעס און עס וועט זיך אָנהייבן דאָס קאַפּיטל „ויסעו — ויחנו“.

נאָר, וו וועט זיין דער לעצטער ו י ח נ ו פון דעם לאַנגן וועג? אָט דאָס איז די פראַגע! אונדזערע שונאים האָבן אויף איין נוסח, כאָטש אין פאַרשידענע לשונות, פאַר אונדזער רוחניות אַ מציבה געקריצט און קדיש געזאָגט, נאָר לעת־עתה שטייט נאָך דער גרוב ליידיק... און דעריבער, בשעת ווען „אַרגענטינע“ ציט מיט קערפּערלעכע, זיידענע שנירן און גאָלדענע קייטן... ציט אונדז ארץ־ישראל מיט אַזעלכע פעדעם, וואָס די גראָבע האַנט קאָן נישט אָנטאַפּן, דאָס ש ו ו א כ ע אויג — זען, נאָר וועלכע עס האָבן טויזנטער יאָרן נישט אָפּגעשוואַכט, פייער — נישט איבערגעברענט, וואַסער — נישט צעפלאָכטן, קיין שטן — פאַרפּלאָנטערט און די צרות־דערנער פון אַלערליי פרעמדע פּלויטן נישט איבערגעריסן און מיט וועלכע אונדזער יידישע האַרץ איז אַרומגעוועבט...

נאָר אין פראַגן, פון וועלכע עס הענגט אָפּ די גאַנצע צוקונפט (עתיד) פון אַ פאָלק, טאָר מען דעם האַרץ אַליין קיין דיעה נישט געבן, און מען

מוז דעם קאַלטן קלוגן שופט, דעם מוח, אויך פרעגן אַן עצה. ער איז אַן אַ נטויה, אַן רחמנות, נאָר — ער האָט שכל.

מיר קאָנען פונעם שכל נישט פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל איבערוועגן די מעלות און חסרונות פון ביידע צדדים (אַרגענטינע, פּאַלעסטינע), ווייל „מרת יפת" (אַזוי רופט יעבץ די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע) האָט נאָך נישט ערפינדן קיין וואָג, מען זאָל וועגן „עולם־הזה־סחורה" מיט רוחניות צוזאַמען, און ווען אפילו ר' לייב שרהס (אַזוי וויל איך רופן די קווינט־עסענץ פון אונדזער גלות־נאַציאָנאַל־ציוויליזאַציע) זאָל אַראָפּברענגען פון הימל די וואָג־שאָל (מזל מאזנים), וואָלט זי אונדז אויך נישט געהאָלפן (ביפרט, אַז זי שטייט שוין אַזוי לאַנג ליידיק, האָט זיך שוין אוודאי מזל־בתולה פון זיי צי־קנעפּ צום סטאַניק געמאַכט).

מיר פאַרלאַנגען נאָר פון שכל, עס זאָל איבערעכענען די עולם־הזה־סחורה; פון הארץ — עס זאָל נאָכטראַכטן וועגן דער וויג, ווו אונדזער פרייהייט איז געבוירן, וועגן דעם קבר — ווו זי איז באַגראָבן געוואָרן, און פון — תחית־המתים, נאָר — בבחינת: יעקב־אָבינו לא מת! דאָס הארץ און דער מוח וועלן ביידע טון זייערס, נאָר ווייל ביידע ווירקן און באַוועגן איין אָרגאַניזם (בעל־אברים), וועט ער אוודאי גיין זיין רעכטן וועג, לויט דעם „פּאַראַלעליזם", וועלכן „מרת יפת" האָט דערפינדן.

נאָר כדי די ביידע מאָטאָרן זאָלן קאָנען אַרבעטן בישלימות, מוזן זיי האָבן קראַפט. ליידער אָבער האָט דער מוח ווייניק ידיעות פון פּאַלעס־טינע, בשעת ווען דאָס הארץ טשעפּאַטשעט זיך אויף אַלע קברים, אויף כותל־מערבי, אויף יעדן שטיינדל, אויף יעדן שטויב ערד, וועלכע זענען דורכגענעצט מיט אונדזער העלדן־בלוט, ווייסט נאָר דער שכל, אַז אַמאָל האָט דאָרט גערונען מילך און האָניק, און היינט איז אַ ווייסטער מידבר, ער קאָן זיך משער זיין, אַז דעם מידבר האָבן מיר דעם טערקישן פאַטאַ־ליזם 1) צו פאַרדאַנקען, נאָר אויף קיין השערות קאָן מען קיין הויז נישט שטעלן!

אַלס ריכטיקע פּראָבן קאָנען נאָר דינען די נייע קאָלאָניעס. נאָר ווער קען זיי? ביז אַהער האָבן פון זיי גערעדט אָדער „מרגלים", אָדער היים־

1) מחמד, דער טערקישער נביא, הייסט גלייבן, אַז אַלץ אין דער וועלט איז באַשערט פון דער השגחה, אַז דער מענטש מיט ז י י ן חכמה און רצון קאָן זיך גאָרנישט העלפן און קיין עצה געבן, דעריבער זענען זיי פויל צו דער אַרבעט.

פאַרברענטע בטלנים, וואָס וואָלטן געוואָלט מיטן גאַנצן פאָלק דעם ירדן פאַרשיטן, אַבי איינער, אַ שריד ופליט, זאָל דערנאָך טרוקן איבערגיין און אָנצינדן אַ ליכטל אויף מאיר־בעל־נס... אָדער נאָך אַזוינע, וואָס זענען שרייבנדיק נישט געשטאַנען איבערגעדרייט מיטן פנים אַ ה י ן, נאָר אַ ה ע ר, געקוקט די לעזער אין די אויגן אַריין, און געזאָגט, וואָס די אויגן האָבן געוואָלט, צו וואָס זיי האָבן געגלוסט!...

און דעריבער איז אונדז אָנגענעם עדות צו זאָגן, אַז ה' יעבץ מיט ז י י ן גאַנצן פ אַ נ אַ ט י ז ם (לעז זיין לייטנדן אַרטיקל) גיט אונדז דאָך אַ ריכטיקן באַגריף איבער דעם שטאַנד פון די קאָלאָניעס; אויף זיי־נע ידיעות ליגט דער חותם פון ערלעכקייט און אמת. און דעריבער איז ווירקלעך זיין ספר „האָרץ" „אַ בוך פאַר אַלע (וואָס לעזן העברעיש) און פאַר יעדן יידישן הויז."

איבערהויפּט קומט אים צו דאַנקען פאַר יחיאל מיכל פּינעסעס בריוו איבער דעם עקאָנאָמישן שטאַנד פון דעם געגנט; פאַרן צעשפּרייטן די ריכטיקע מיינונג, אַז אויף „נ ד ב ו ת" קאָן מען קיין קאָלאָניעס נישט שטעלן, און פאַר נאָך אַנדערע וויכטיקע אידעען — און כאָטש מיר סאָ־לידאַריזירן זיך נישט מיט הער יעבץ וועגן דער שינאה צו „מרת יפת" און בנוגע צו בענקען למיצוות התלויות באָרץ, (ביפרט אויב צווישן זיי וועט זיין קרבנות), גיבן מיר די פון אונדזערע לעזער, וועלכע פאַרשטייען העב־רעיש, די הערצלעכסטע עצה־טובה, זיי זאָלן דעם „האָרץ" באַשטעלן.

1891

דער וואַרשעווער יידישער קאַלענדאַר

דריטעס יאָר — תרנ"ד

אויסער די חלקים, וואָס געהערן צו אַ לוח בטבע, האָט דער „וואַרשעווער יידישער קאַלענדאַר" אין זיך אַ שפּאַר חלק ליטעראַטור. ערשטנס, (ווייל די יידישע כראָנאָלאָגיע איז גאַנץ קאַלענדאַר־מעסיק און דער טיטל „די וועלט־געשיכטע" פּאַסט איר אַזויפיל, ווי דער „המאור הגדול" דעם שטאַרקן רוב פון אונדזערע רבנים —) ערשטנס, שמירט אונדז אוים ה' פרישמאַן דאָס מויל מיט „מילך און האָניק". ער האָט אַ גרויסע פּרעטענסיע צום ריבונו־של־עולם, וואָס האָט צוגעזאָגט צו געבן האָניק און מילך, עס זאָל רינען איבערן מויל —

ריבונו־של־עולם, צו וואָס זיך דען נאַרן;
נישטאָ מער די גאָלדענע יאָרן!
נישטאָ מער קיין מילך שוין, נישטאָ מער קיין האָניג
אין לאַנד פון דעם כרמל, פון שרון!

פון די אַלע הבטחות —

איז אונדז נאָר געבליבן אויף אונדזערע צרות
בהימות און בינען אַלס סימן —
דאָך (?) האָבן מיר שוין לאַנג גאָר אין מילך און אין האָניק
אויפגעהערט טרעטן (?) און שווימען —

און דעריבער איז ער מיתפּלל:

אוי, גאָטעניו! זעסטו, איך בין דיר שוין מוחל
דיין מילך און דיין האָניק; איך רעכן
צו בעטן דיך: נעם שוין אויך צו די בהמות
און בינען, וואָס שטעכן, וואָס שטעכן!

דער צווייטער מאָל „וואָס שטעכן", איז מחזק צו זיין „דעם עינין פון שטעכן" — נאָר ווער זענען די בינען? אויף בהימות קאָנען אַלע אָנווייזן מיט די פינגער, נאָר ווער זענען די שטעכער? ציר האָט ה' פרישמאַנען דער „האָבער געשטאָכן"? —

נאָר נישט דער האָבער און נישט בינען שטעכן אונדז אינעם ג ע ־ ל ע ר ט ן אַרטיקל „די ווונדערבאַרע נאַטור־קראַפט עלעקטריציטעט"; דאָ איז יעדעס וואָרט אַ פּראָסטער דאָרן, וואָס לעכערט אויערן און האַרץ. שוין דער טיטל אַליין איז דער בעסטער סימן ווי נישט פעיק דער מחבר (זאָס־ניץ) איז צו פּאָפּולאַריזירן (פאַרן פּראָסטן עולם פאַרשטענדיק צו מאַכן) אַ וויסנשאַפט (חכמה). נאָר דער טיטל איז נאָך גאָלד! דאָס אַרטיקל צו פאַרשטיין איז ווייניק צו קענען לעזן און האָבן אַ שכל הישר, מען מוז פריער קענען די עלעקטריציטעט, ווי עס דאַרף צו זיין, און דערצו נאָך געוווינט מיט זאָסניצעס ספּעציאַלנע לשון, כדי מען זאָל קאָנען דורכלעזן — אַ פּאָר זייטלעך.

זאָסניץ קאָן זיין פאַר זיך אַ געלערנטער מענטש, נאָר דער „מכל מלמדי השכלתי" גייט אויף זיינע תלמידים נישט; ער איז אפשר דער איינציקער פּרט, וואָס דאַרף מחזק זיין דעם כלל. איך שטעל אייך אַנידער עטלעכע פלוימען־קערן, ווער עס האָט גוטע ציין, זאָל זיך פּרוּוון און אויפקנאַקן:

„מינעראָלאָג (פאַרשטייט גוט אויף איידלשטיינער)".

איין ג ע וו י ס ן שטיין ליקריאָן (אָבער היינט ווייסט מען נ י ש ט וועלכן שטיין...)".

„אַז די זאַכן ציען בעסער אָן (?) ביי (!) אַ טרוקענעם (!) לופט".

„און ביי אים איז די ערשטע באַמערקונג וועגן דער קראַפט געוועזן, ווי אויבן".

„אַז מען רייבט שטאַרק אין אַ גרויס שטיק ברושטין".

„אַז מען האַלט די האַנט נעבן אַ ג ו ט ג ע ר י ב ע נ ע ם ג ל אָ ז, פילט מען, ווי די האַנט זאָל זיין ע פּ ע ס א י ן אַ שפּינוועבס".

דערביי איז צו באַמערקן, אַז בורשטין הייסט ברושטין אינעם גאַנצן אַרטיקל, און זאָסניץ שרייבט שלעכט דייטש בימקום גוט יידיש, נישט דווקאָ איבער עלעקטריציטעט, נאָר אַפילו ווען ער מאַכט זיך אַ הלצהלע דעם געמוטשעטן לעזער אביסל פרייער צו מאַכן. די הלצה אייגנטלעך

כאַראַקטעריזירט פעסער זאַסניצעס ש כ ל ־ ה י ש ר, אַלס די בלומען, וואָס מיר האָבן אָפּגעריסן באַלד אויפן ערשטן און צווייטן זייטל פונעם געלערנטן אַרטיקל. — נאָט אייך און „טרעט אין האַניק, שווימט אין מילך".

„איך בין אַלע מאָל אַ בעלן צו זיין ביי אַ וועטע, וואָרום איך לייג דערביי קיינמאָל נישט צו (!!!)1). נאָך אַ זאַך בין איך געוווינט צו זאָגן (הוא היה אומר!): אַז איך פאַרלאַנג נישט פון אַ חכם ער זאָל זיין אַ גרויסער בעלי־מידות־טובות (גוטן כאַראַקטער), און פון אַ בעלי־מידות־טובות פאַרלאַנג איך נישט קיין חכמה; ווייל איך ל ע ר נ ע ן אַ ר י כ ־ ט י ק ן ג ל ו י ב ן צו האָבן (!) גיי איך צו אַ יידישן ח כ ם, ווייל איך לערנען גוטע מידות, גיי איך צו אַן אַלט־וועלטיקן (!) מענטשן; ווייל איך לערנען דרך־ארץ, (איך מיין, ווען איך וויל אַ פיינעם ליגנט זאָגן, אָדער אַ גוטן און אַ טיפן שטעכוואָרט און (!) יענער זאָל זיך דאָך נישט געפינען באַליידיקט), גיי איך צו אַ דיפּלאָמאַטן, ווייל איך לערנען חכמה אַליין (!) גיי איך צו אַ שטודירטן (!!) און נאָך בעסער איז צו לערנען פון ז יי ע ר ע ביכער, איבער צוויי טעמים: ערשטנס, לערן איך ווען מיר גלוסט, צווייטנס, וועל איך אַלס שילער קיין פּאַטש נישט באַקומען (אַזוי ווי אַ פּאַרפּאַסער גיט פּעטש דעם עולם אונטער די אויגן (!!!) נאַטירלעך עס גיבט אויך אויסנאַמען, אַז (!) מען קען לערנען חכמה אפילו (!) ביי אַ קלויזניק, און כאַראַקטער אפילו (!) ביי אַ חכם"...

און דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט, כדי אויסצופירן, אַז דער גע־לערנטער דיא־פּאַס פון פּאַריז האָט זיך מ ק נ א געווען אין גרייס ער־פינדונגען און —

„ער האָט ווירקלעך אַנטדעקט אַ ג ר ו י ס ע ו ו י כ ט י ק ע נ י י ע ס (!)" אָדער אפשר צו באַווייזן, אַז עס איז ד אָ ך בעסער צו לערנען חכמה, אפילו עלעקטריציטעט ביי אַ שטודירטן...

אין זאַסניצעס „שלעכט דייטש, איידער גוט יידיש", דערמאָנט אונדז אַ „ג ע וו י ס ע ר" כוהן־צדק. אים רינט אויך נישט האַניק און מילך פון מויל, כאָטש ער האָט נאָר אַ קליין שטיקל געטע איבערגעזעצט. אַ קליין שטיקל, נאָר עס איז דאָך גוט פאַר אַ סטראַשידלע אין „אונדזער וויינגאָרטן" אַריינצושטעלן, אפשר וועט עס אָפּשרעקן די יונגע נ אַ ר י ־ ש ע פייגל, זיי זאָלן על־כל־פּנים אַביסל שטילער זינגען. הערט —

---

1) אַ „סוחר" האָט אַמאָל אַזאַ אָרט צוואה זיין זון געלאָזט: אַז דו זעסט עמעצן געלט ציילן, שטעל זיך אָפּ, צולייגן וועסטו זיכער נישט.

רענעלן אים לעבן:

ווילסטו דיר אַ היפּש לעבן צימערן,
מוזטו אומס פאַרגאַנגענע דיך נישט בעקימערן;
דאָס ווייניקסטע מוז דיך פאַרדריסן,
מוזט שטעטס די געגנוואַרט געניסן;
בעזונדערס קיינע מענטשן האַסן,
און די צוקונפט גאָט איבערלאָסן...

איך שענק יעדן א י י נ צ י ק ן אומזיסט אַלע „כוהן־צדקס שי־רים״ (ווען זיי וועלן אַרויסגיין), וועד עס וועט טרעפן:

1) וויפל דייטשע זעמל מען דאַרף אויפעסן, מען זאָל שרייבן אַזאַ לשון, און ווי ז ו י ע ר זיי דאַרפן זיין.

2) וויפל עס ווערט נעצאָלט פאַר אַזוינע זאַכן, זיי זאָלן געדרוקט ווערן נישט פּראָסט צווישן די מודעות מיט אַן איינפאַך לשון: „רבותים, זוכט מיר אוים אַ כלה...״ און —

3) וועלכע פּאָר עס איז זיך ענלעכער: געטע מיט זיין איבערזעצער, אָדער הימל צו ערד? איך גיב צייט; אַ יובל! וכל הקודם זכה!

דער רעדאַקטאָר אַליין רעדט שוין פאַר דאָס פּראָסטע יידיש, און זיין „ארץ־ישראל־ייד״ איז נישט שלעכט. די מעשה דערפון איז אַ פּראָסטע —

„דער בלינדער ארץ־ישראל־ייד״ הייסט אַזוי דעריבער, ווייל ער איז אויף דער עלטער בלינד געוואָרן! און האַלט שטאָל און אייזן פון ארץ־ישראל. די סצענע קומט פאָר אויף אַ הויף אין אַ וואַרשעווער הויז, און זי קומט פאָר דעריבער אויפן הויף — ווייל עס איז שוין נאָכן אַכטן. ער האָט קיין דירה־געלט נישט באַצאָלט, האָט אים דער באַלעבאָס אַרויס־געוואָרפן. איר וועט פרעגן: אַזוי געשווינד? וועל איך אייך ענטפערן פאַרן מחבר (אַן אַנדערס מאָל זאָל ער אַליין געדענקען), אַז דער ארץ־ישראל־ייד האָט שוין דאָס מעסער — אַ וויראָק — אויפן האַלדז נאָך פון יע־נעם קוואַרטל. זיין ווייב מיטן אייניקל זענען געלאָפן אין הייזער אַריין „זוכן געלט״, (מען ווייסט נישט אויף קלאָר, וואָס מען מיינט: אָפּנעמען, באָרגן, — בעטלען?), עס פאַלט צו די נאַכט און ער ליגט אויפן ברודיקן הויף צווישן בעטגעוואַנט און אָרעמע כלים, מאַנכער לאָקאַטאָר בעט אים אויף אַ ווײַלע אַריין צו זיך, נאָר ער וויל נישט, ער וועט וואַרטן אויף דער אַלטער, זי מוז דערווייל קומען!

א פּראָווינץ־ייד וועט אפשר פרעגן: און דער באַלעבאָס? איז ער קיין מענטש נישט? ווי האָט מען קיין רחמנות נישט? עס פאַלט צו די נאַכט, עס ווערט פינצטער און פינצטערער, ווי לאָזט מען נישט אַן אַלטן בלינדן ייד צוריק אין דירה אריין איבערנעכטיקן? נאָר מיט פּראָווינץ־יידן לאָז איך מיך אין קיין שמועס נישט אריין, עס איז דאָ אַ סך זאַכן, וואָס זיי פאַרשטייען נישט...

דערווייל נעמט זיך דער אַלטער אַפּצוריכטן חצות... דער הויף איז שוין ליידיק, לאַנג געשלאָסן דער טויער, ביי יעדן קלינג קלאַפּט אים ראָש הארץ: די אַלטע, דאָס אייניקל גייט, נאָר עס נאַרט אים אָפּ... ער רוקט זיך ארויס פון די איבערבעטן אויף דער בלויזער נאַסלעכער ערד, גראַבלט צוזאַמען אַביסל בלאָטע אויפן אָרט פון אַש, באַשיט דעם קאָפּ און ריכט אָפּ חצות...

„שלוחי מיצווה אינן נזוקין,1) דאָך האָט זיך דער אַלטער איבער־געפּירט און די אַלטע מיטן אייניקל האָבן אים געפונען אַ גוטס...

מיר דערלויבן זיך נאָר דעם הערן עפּעלבערג צו געבן צוויי עיצות:

1) ערשטנס זאָל ער נישט מיינען, אַז אַ פאַקט פון לעבן איז אַ לונג־און־לעבער, און מען דאַרף זי צעבלאָזן עד סוף כל הדורות. די גאַנצע געשיכ־טע, אַז דער בלינדער האָט אַמאָל געזען, און דער אָרעמאַן איז אַן עושר געווען, דער גאַנצער וויכוח וועגן ארץ־ישראל וכדומה אַנדערע זאַכן, ביפרט דער „סרח העודף", דער סוף פון דער מעשה, די טהרה, לוויה און באַמערקונגען, מאַכן נאָר שוואַך די פּעולה, וואָס די נאָוועלע וואָלט גע־קאָנט מאַכן, און

2) אויב ער מוז שוין שרייבן, זאָל ער כאָטש שרייבן פּראָזע. וואָס דאַרף ער ריימען?

ער וואָלט גאַנץ שיין יוצא געווען מיט דער נאָוועלע און נעמענט נישט מזכה זיין את הרבים מיט „דעם גוף און די נשמה", מיטן נאַריש־בטלנישן־אַלט־פילאָזאָפישן איבערזעצטן שיר „דער שרעקלעכער חלום" (ביפרט מיט דער קלוגער הערה!), איך וואָלט אים אפילו מוחל געווען די „טויבן מיט די האָביכטן"; אפילו זאַסניץ וועט נישט שרייבן:

נאָר ווי זאָל דעם האָביכט אָט דאָס נישט פאַרדריסן
ווי זאָל אים נישט ברענען זיין הארץ פון קינאה
ער איז דאָך אַ מערדער (!!) און בלוט צו פאַרגיסן

1) דאָ פּאַסט דער וויץ, אין דער נאָוועלע איז עס אַ סקריפּ פון אַ טיר.

דאָס איז דאָך זיין טבע און דאָס איז די שינאה!
און אָנגעזאָגט האָט זי (די טויב) יעדן (קינד) באַזונדער
זיי זאָלן נישט שטיפן (!) נישט פליען צו הויך
זי — נאַרונג — פליט זוכן (!!!) ברענגען די קינדער (!!!)
זיי זענען נאָך יונגע, זיי זענען אָן כוח.
און אַרויס זענען זיי, ווען זי איז נאָר וועק
און האָבן — אין שטיפן און קולות פאַרבראַכט (?)
און באַלד האָט אַ האַביכט עררייכט דאָרט (!) זיין צוועק
און האָט אויף דער שטעלע (!) צורעכט זיי געמאַכט!

ווי נאַריש די דריי סטראָפן זענען אינעם משל, זענען זיי נאָך נאַרישער אינעם נימשל. די טויב איז (פאַרשטייט זיך!) די כנסת־ישראל, דער האַביכט — שונאי־ציון. עס גייט אין דעם, אַז די קינדער פרעגן די טויב, פאַרוואָס דער האַביכט (דער יאַסטשאָגב) פרעסט זיי אויף. וואָלט ער כאָטש געגעסן אונדזער פלייש! ניין, ער צאַפּט נאָר אַרויס דאָס ביסל בלוט, און וואַרפט די נ ב י ל ה אַוועק. די טויב ענטפערט — אַז די טויבן האָבן דריי מעלות; ערשטנס עסן זיי כשר (!), צווייטנס, אַז ווען זיי האָבן נישט קיין אַרבעט, שלינגען זיי און זענען יוצא מיט שטיינדלעך (!) און דריטנס — אַ טייל, קוים קריכט עס אַרויס פון איי, פליט עס הויך — על־כן שטעקט די שינאה דערינען! און דער היוצא לנו מדברינו — איז אַ מוסר: נישט שטיפן, נישט פליען, נישט מאַכן קולות...

אחוץ די צוויי עיצות וואָלט אַ יושר געווען, אַז ה' עפּעלבערג זאָל מגלה זיין דעם סוד, וואָס פאַר אַ רעכט ער האָט געהאַט איבערצודרוקן שטיקלעך פון אַלטע יידישע צייטונגען? צי האָט ער מודיע געווען זיינע קונים, אַז ער וועט עס טון? צי האָט ער עמעצן באַצאָלט דערפאַר? דאָס וואָלט שוין אַפילו די „קאַרגע דינהלע" אין דער נאָוועלע פון שלמה גראָסגליק נישט געטון! זי מאַכט נאָר פון „שניי נאָמולקעס", „קליידער בחצי חינם"; פאַר אַ ליאַדע פאַר הונדערט רובל האָט זי אַ קליידל אויף אַ חתונה צו גיין, און איר מאַן מרדכי (פאַרוואָס רבי?) אויב ער וועט נישט קלינער ווערן, וועט ער אויפן יאָר אַפילו קיין וואַרשעווער קאַלענדאַר נישט בכוח זיין צו קויפן... אָבער — אַלטע סחורה?

1891

וועגן ישוב ארץ־ישראל

ארויסגעגעבן פון בערטאַ פלעקסער און ישראל נאָראָדניצקי

עס איז לייכט צו פאַרשטיין דעם צוועק פון אַזאַ ווערק, עס דאַרף אויסווייזן:

1) אַז עס איז אונדז שלעכט אין אייראָפּע, און אַז אויף בע־סער איז נישט צו האָפן;

2) אַז די איינציקע הילף איז עמיגראַציע, געשווינד, אויף אייביק אוועק, און דער עיקר —

3) אַז די עמיגראַציע דאַרף זיין קיין ארץ־ישראל, נישט ערגעץ אַנדערש.

צי איז דער ציל דערגרייכט? דאָס ווילן מיר זען.

---

1) צי איז יידן שלעכט אין אייראָפּע?

אויף דער פראַגע גיט ה. זאַמאָשטשין מיט זיין געדיכט „דער שטיין און די כוואַליעס" (פאַליעס) אַ תשובה, וועלכע פּאַסט גאָרנישט צו דער טענדענץ פונעם „הייליקן לאַנד". אונטער אַ מאָטאָ: „למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק", בעט זיך זאַמאָשטשין:

„קוקט נאָר צו, אויב איר ווילט עפּעס זען (און אַז נישט?)
סאַמע (!) ביים ים, ווי אַ ריז א ו י פ ג ע ש ט ע ל ט (!)
פעסט(,) פון גראַניט שטייט דאָרט אַ ש ט י י ן (!)
ער איז שוין אַ זקן (!) גאַנץ לאַנג אויף דער וועלט...

עס איז לייכט צום פאַרשטיין, אַז דער „שטיין" איז אַ פ ע ל ד ז ן, און — אַז דער פעלדזן איז ישראליק.

„עס רוישן, עס קאָכן, עס לויפן, עס יאָגן
די כוואַליעס ביים ברעג אין כ ע ס ס כ נ ו ת (?)

עס שפּריצט זיי (?) די פּינע (פּיענע), זיי קלאַפּן, זיי שלאָגן
דעם אַלטן שטורמאַק גאָר אָן רחמנות —

נאָר וואָס פרעגט ער נאָך זיי? וואָס הערט ער זיי? אַז גאָלדפאַדן האָט אין „טריאַטער" געזונקען „ישראליק שטעקט זיי פייגן ארויס", און — דווקא פון אויטאָדאַפע?!

„צום הימל דעם קאָפּ, ש ט ו ם אָן א וואָרט
פאַרשפּריצט, פאַרנעצט די פּיס און דאָס פּנים (!)
גיט זיך דער העלד קיין ריר פון זיין אָרט
מאַכט חוזק און לאַכט פון די נ א ר אָ נ י ם (!)"

און פאַרוואָס זאָל ער נישט לאַכן? זאָלן זיי צולייגן די נאָל! עס איז א פאַרגעניגן צו זען, ווי: —

„עס בראָט זיי, עס שטעכט זיי, די שונאים אין ים"

און די איינציקע סיבה פון זייער שינאה איז:

„ד אָ ס שטאָלץ פון דעם ריז, וואָס שטייט אויסגעצויגן (!)"

און אפשר מיינט איר, ער שאַדט זיי עפּעס? זיי האָבן צום אויסגע־צויגענעם ריז טאַקע נאָר א שינאת־חינם.

„ער מאַכט זיי נישט ענג, געגנוג איז זיי גראָם —"

נאָר דער גרויסער אויסגעצויגענער ריז, די גרויסע סקאַלע, דער פעלדזן, דער אומגעהייער —

„שטעכט ווי א ד אָ ר ן ז י י א י ן ד י א ו י ג ן!"

נאַטירלעך ווערן די אויגן ביי די רוצחישע פאַליעס נאָך מער רויט, זיי ווערן נאָך מער אין כעס און —

„פיל מער שווין מיט כוח, שווין מלא רציחה,
שמייסן די כוואַליעס, פּאַטשן דעם שטיין,
זיינעצן אים אונטער דעם מ ק ו ם ־ מ נ ו ח ה,
ווילן אויספירן, נאָר ער זאָל גיין!"

מין־הסתם פירן זיי אוים פּונקט ווי דער בעלעמער משוגענער, וואָס פּאַטשט דעם בית־המדרש־אויוון, ער זאָל פּאַר אים דרך־ארץ האָבן, און אָפּרוקן זיך פאַר אים! — „דער שטאָט־זייגער — זאָגט ער — איז העכער

פאר דיר און גייט, און דו, בולוואן, („שטורמאק" איז נאך אין כעלעם נישט נהג) שטייסט אויף איין אָרט"; נאָר אים ווערט די האנט געשוואָלן, און דער אויוון שטייט ווי ער איז געשטאנען, אזוי אויך ש ט י י ט אויף א יי ן אָרט ישראליק (נע־ונד איז אן אנדערער, נישט ער) און די כוואליעס —

א בלאָטיקע ליים, זייער שמוציק און מיאוס,
א זאמדל, א שטיינדל, וואס ליגן ביים עק,
א ווילד (!) שטיקל גראז, וואס וואקסט ביי די פיס —
דאס שלעפן די כוואליעס מיט ניצחון אוועק!

ריבונו־של־עולם, און נאך וואס האט זיך בערטא פלעקסער און ישראל גאראדניצקי מטריח געווען? מה־רעש? ווארט אביסל! ביפרט אז —

„דער גיבור, דער ריז מאכט זיך גאָרנישט דערפון,
ער נעמט אין זיך אריין די נעץ און די קעלט
ער ווארעמט זיך אוים ב א ל ד קענן דער זון.
שטייט ווייטער קאלטבלוטיק, קוקט אויף דער וועלט!"

וואס־זשע זענען מיר אזוי אומגעדולדיק? נאר אפנים, אז די רע־דאקטאָרן פסקענען: „מיטב השיר כזבו", און דאס „בלאזן" זיך איז נאָר פאר שיינקייט וועגן: זיי, אפנים, ווייסן, אז דאס גאנצע זאמד, וואס איז צעשפרייט און צעזייט אויף אונדזער ערד, אויף וועלכער עס וואקסן אלערליי בלומען, תבואות און וועלדער, אז דאס גאנצע געקריזלטע זאמד, מיט וועלכן עס זענען אויסגעבעט אלע טייכן, אלע וואסערן, זענען נישט מער און נישט ווייניקער נאר צעריבענע גלידער פון דעם ריז, פון דער גרויסער סקאלע, פון וועלכער די פאליעס רייסן פון אייביק אן, אן אן אויפהערונג; נאר א „משורר" זעט עס נישט: פרעגט איינעם, וואס לערנט קליינע אותיות, וועט ער אייך זאָגן...

און דעריבער, אויב מיר ווילן האבן א תשובה אויף דער שאלה: צי איז יידן שלעכט, אָ ד ע ר צ ו ד ע ר ל יי ד ן אין איירא פע, מוזן מיר זיך אבווענדן פון פ א ע ט, וואס זעט אויגן ביי די פאליעס, און זעט נישט די באקעס, וואס פאלן אונטערגעוואשן אין ים אריין, און ווערן אויף קאשע צעריבן, און בעטן דעם ה' ראוויניצקי, וועלכער זאגט אונדז צו א „רפואה־שלימה", ער זאל אונדז פריער שטעלן א ריכטיקן דיאגנאז.—

קענן אזוינע נחמות, וואס ה' פלטיאל זאמאשטשין גיט אונדז, קענן

דעם נחת, אַז „מיר לעבן פֿאַרט, שונאים אויף צעפּענקעניש און אַלע אַנ־טיסעמיטישע שלאַנגען אויף צעזעצעניש” זאָגט ער, אַז:

„אַוודאַי איז עס נישט קיין קליינע טרייסט, אַז מען דער־מאָנט זיך וויפֿל דער אומגליקלעכער ישראל האָט שוין איבערגע־טראָגן צרות אויף זיינע אויסגעמוטשעטע פּלייצעס; אָבער... וואָס ווערט דערפֿון?

לעבן אליין — זאָגט ער — איז ווייניק. עס זענען דאָ אַ סך מענטשן, וואָס לעבן און פֿאַרשעלטן זיך די יאָר; מיט אַ פֿאָלק קען אויך זיין דאָס אייגענע —

„פֿון דעם „הוילן פּאַקט, אַז ער לעבט, איז נאָך גאַנץ קאַרג צו רעכענען אים פֿאַר אַ גליקלעכן... אַז מען דאַרף אים שטאַרק מקנא זיין... נאָך דער גרויסער נחמה בלייבט די צרה פֿאַרט אַ גרויסע צרה און דאָס לעבן איז פֿאַרט פינצטער און ביטער”.

„דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַלץ איבערגעלעבט! אמת גאַנץ פֿ י י ן . . . עס לעבט הייגט איך... נאָר נישטיינס געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ לעבן! עס לעבט און האָט אין זיך נישט איין גאַנצן, איין געזונטן איבר; עס לעבט און קריכט קוים אויף אַלע פֿיר, קוים, וואָס מען הערט עס זיפֿצן; עס לעבט און מוטשעט זיך ערגער ווי אויפֿן טויט; באַטראַכט נאָר דעם זעלטענעם, היסטאָרישן גיבור, דעם גרויסן ריז, ווי ער ליגט צונויפֿגעקייקלט אין צענען אויף ערד, באַדעקט מיט וווּנדן און מכות, קליינע און גרויסע פֿון אויבן ביז אַראָפּ, פֿאַרזונקען אין בלאָטע און אַלערליי אומריינ־קייטן ביז איבערן קאָפּ! זעט נאָר, ווי די ליכטיקע אויגן זיינע זענען אויסגעלאָשן און שרעקלעך טיף אַריינגעזעצט אין קאָפּ. דאָס פּנים אויסגעדאַרט, טויט ווי ביי אַ מת. און דער גאַנצער קערפּער איז הוילע הויט און ביינער ווי אַ סקעלעט; קוקט אייך נאָר צו, ווי פֿאַרשמאַכט ער איז, ווי די כוחות לאָזן זיך אים אויס, און ער, אַך און וויי! נעמט צונויף דאָס לעצטע ביסל קרעפֿטן, כדי (זיך צו צעריטשען) און קושן און לעקן די פּיס פֿון די מלאכי-חבלה, וואָס טאַנצן אויף אים דעם גיהנום-טאַנץ!”

אפילו א י י ב י ק ל ע ב ן, נאָר שטענדיק אַ ר י י נ צ י ע נ־ ד י ק אין זיך די נעץ און די קעלט, אייביק עקזיסטירן אויף להכעיס, אויף צעזעצעניש און צעפּענקעניש, אייביק שרייען: למה רגשו גוים, אייביק זינגען:

„וואָס רוישן די כוואַליעס, טאַנצן און יאָגן
זייער ניצחון א נ א (!)לאָמיר אויך זען...”

געפֿעלט אויך נישט ראַוויניצקין, און געווים קיין שום מענטש מיט געפֿיל. אַזאַ אייביק לעבן הייסט —

„לאַנג נאָך לאַנג אַ ז ו י מוטשען זיך, און ליידן לעבעדי־קערהייט חיבוט-הקבר! וואָס פֿאַר אַ נחמה איז דאָס, אַז דער

> „אייוויקער יודע" וועט אייביק גוססן, אָן אַ סוף און אָן אַן עק?
> — און די גסיסה איז נישט קיין אָנגעבלאָזענע פראַזע, קיין פוס-
> טע אויסגעפוצטע מליצה, נאָר דער טרוקענער רייִנער ביטערער
> אמת..."

אזא לעבן ווי מיר פירן, איז —

> „מער נישט ווי געגוסעט, געצאַנקט ווי אַ ליכט";

ער הייסט אונדז באַטראַכטן אונדזער לעבן אין אייראָפּע: —

> „אויף יעדן (פּרנסה)-צווייגעלע, גרויס ווי אַ שפּילקע-קעפּל,
> הענגען טויזנטער יידישע נפשות, אויף יעדער פּרי, וואָס האָט
> אַזויפיל זאַפט אין זיך ווי אין גרוגרת דרבי צדוק, איז דאָ (הונ-
> דערטער) בעלנים — קאָנקורענטן, וואָס ווילן כאַפּן, בייסן,
> צופּן..."

עס קומט דערצו, אַז איינער שלינגט איין דעם צווייטן. ער הייסט אונדז זען פון —

> „וואָס פאַר אַ שמוציקע בלאָטיקע קוואַלן מיר מוזן שטילן
> אונדזער דורשט... וואָס פאַר אַ מיאוסע מיטלען און שענדלעכע
> קונצן מיר מוזן באַנוצן צו פאַרשטופּן די מיילער פון אומשולדיקע
> הונגעריקע פּיצלעך קינדער... אַזוי ווערן אונדזערע נשמות אַלע
> מאָל מער באַפלעקט, מאָראַליש פאַרדאָרבן, און דער צלם-אלהים —
> פאַרניכטעט".
>
> „און מיר ווערן מאָראַליש און פיזיש פאַרדאָרבן..."

ווו איר קוקט אייך אום, זעט איר נאָר —

> „פאַרגליווערטע שטיקער אייז אָן מענטשן-געפיל".

נאָך אַ גליק, וואָס מיר פילן פיזיש אונדזערע ווונדן; מאָראַליש פילן מיר שוין לאַנג נישט. די נשמה איז דאָך נישט אינגאַנצן אַוועק כל־זמן דער גוף פילט נאָך, אַז עס טוט וויי, נאָר —

> „אונדזערע ברידער אַרט נישט, וואָס דער סם-המוות צעגייט
> זיך אַלע מאָל מער אין בלוט, אין אַלע רמ"ח איברים; זיי אַרט
> נישט, זיי פילן נישט דעם גייסטיקן שמערץ..."

טיפער אַביסל שטעקט די זאַנדע אין דער ראַנע אַריין ה' מאיר דיי־זענהאָף (יידישע בריוו). ער באַמערקט גאַנץ ריכטיק דעם דואַליזם (דאָס טאָפּלקייט) אינעם יידישן לעבן.

מיר זענען געוווינט צו זאָגן „ישראל ואוריתא חד" (יידן און די תורה איז איינס); לײדער איז נישט אַזוי, דאָס לעבן שטענדיק אין דער פרעמד, דאָס קיינמאָל קיין דעה נישט האָבן אינעם לעבן, דאָס אויפקלויבן נאָר די פוילע פּירות, וואָס פאַלן שוין אַראָפּ פונעם בוים, האָט שטאַרק

פארענדערט דעם ייד אין גאס, בשעת, ווען אין ביהמ"ד איז ער נאר אן אנדערע מענטש. אלס קינדער — שרייבט „בן־ציון" (אין דורך דיזענהאפס אויפגעגעבענע בריוו) —

„האבן מיר געלערנט (לישמה), נישט דאקטוירים, נישט אד־וואקאטן, נישט רבנים צו ווערן, נישט מיט דער תורה געלט צו פארדינען".

כל־זמן דאס ייִנגל, אדער דער יונגערמאן זיצן אין בית־המדרש, איז נאך „געלט" קיין אפגאט נישט, „פרנסה" נאגט נישט ווי א ווארעם! עס איז דא א בית־המדרש מיט ספרים, לערנען איז א פארגעניגן. שוין ארויס פון חדר, אוים רבי, אוים קאנטשיק, אצינד לערנט זיך אליין. די תורה קאן מען נישט דערגרונטעוועז, נאר שווימען אין דעם ים איז דאס גרעסטע, אפשר דאס איינציקע נחת פאר דער נשמה; קיינער שטעלט נישט קיין באלן, קיינער קנייפט נישט, קיינער זעצט נישט אין קארצער אריין, קיינער זאגט נישט צו קיין מתנות, נאר דאס הארץ טרייבט צום וויסן, מען וויל דערגיין, מען פילט, אז עס דארף ליכטיק זיין אין מוח; און—ווי שטאלץ פילט מען זיך דאמאלט! דער „אמת" ווערט ארויסגעשריגן און ארויס־געזונגען צווישן פיר ווענט, אלס פ ר א װ ו ע פאר אלע בעסערע איידע־לערע מענטשן, אלס פראווע, וואס סוף־כל־סוף וועט מוזן גובר זיין אלע שקרים! פאר דעם אמת איז מען גרייט אוועקצוגעבן לעבן און געזונט, כאטש שטעל שוין אויף אן אויטאדאפע! —

נאר קוים גייט מען ארויס אין גאס אריין — ווערט פון די גיבורים קריכנדיקע ווערעם; עס

„יאוועז זיך סוחרים, קרעמער, מעקלער, פראצענטניקעס. זיי זענען גאר נישט ענלעך צו דעם, וואס זיצט אין בית־המדרש (אנ־דערע מענטשן); איינער דעם אנדערן ראבעוועט; דער נארט, דער מסרט; דעמאראליזירטע (פארדארבענע) מענטשן; אן ערע, אן שטאלץ! ווי פראסט, ווי קליין די מענטשן זענען!"

עס פרעגט זיך, צי זענען דאס טאקע די מאקאבעערס איינילעך! צי זענען זייערע עלטערן באמת פרייע מענטשן געווען?

„יעדער באשטייט פון צוויי מענטשן: א האלבער צו גאט, א האלבער (איך מיין, מער ווי א העלפט) צו געלט!"

איינער איז א שטאלצער אתה בחרתנו, א פראדוקט פון א זעלטע־נער העלדנגעשיכטע, און: —

„דער אנדערער איז געפאלן, נידעריק, שוואך, אן ערע, אן ווירדיקייט..."

עס איז אפשר אביסל איבערטריבן, און אפשר נישט? מיר יידן זענען אנדערש אין יעדער גובערניע, אין יעדער שטאָט; אפשר איז דאָ נאָך ערגערס דאָרט, ווו עס איז נאָך ענגער. און אפשר שטעקט דערינען אביסל פון דעם, וואָס דער ציל איז: אַן א י ד ע ע צ ו ב א ו ו י י ז ן! וואָרום די אַרטיקלען אין „הייליקן לאַנד" זענען נישט ו ו ע ג ן, אויף וועלכע מען קאָן בלאָנדזשען, נ אָ ר א י י ן ו ו ע ג, ו ו אָ ס מ ו ז פירן צום — הייליקן לאַנד.

און אויך, ווען מיר באַטראַכטן דאָס לעבן פון אַנדערע, פון שטאַר־קערע פעלקער און פאַרגלייכן זייער טון און האַנדלען מיט זייערע א י ־ד ע אָ ל ן, וואָלטן מיר געפונען נאָך אַ גרעסערן ת ה ו ם צווישן ה אַ ר ץ און ה ע נ ט, און אַ מידבר פון זאָגן ביז — טראָגן!...

און אפשר איז דאָס נאָר אַן אייביק לעבנס־געזעץ, אַז דער גייסט, דאָס געפיל און דער הונגער, אָדער: מוח, האַרץ און מאָגן, קענען קיינ־מאָל נישט שטיין אויף איין מדרגה? אפשר וואָלט גאָרנישט גוט געווען, עס זאָל דער מענטש אייניק זיין מיט זיין לעבן, אַז דאָס לעבן זאָל אים אינגאַנצן צופרידן שטעלן; ווייל דעמאָלט וואָלט שוין אַלץ אויפגעהערט, מען וואָלט זיך שוין אַ שריט ווייטער נישט גערוקט... דער מוח גייט פאָר־אויס, דאָס האַרץ שלעפּט זיך נאָך, עס פילט זיך נאָך לויטן נעכטיקן טאָג, דער מאָגן גייט נאָך גאָר פון הינטן, און אויסגלייכן זיך וואָלט געהייסן: דער מוח זאָל בלייבן שטיין, און דאָס האַרץ זאָל מיט אים גלייך אָפּוואַרטן דעם מאָגן...

אַז די אידעאַלן פון מיטלאַלטער ו ו י ר קן היינט, און די היינ־טיקע אידעאַלן וועלן ווירקן ערשט אין הונדערטער יאָרן אַרום, איז טרויִ־עריק, נאָך טרויעריקער וואָלט געווען, ווען די אידעאַלן זאָלן אויפהערן אינגאַנצן! די אידעאַלן הייבן זיך שטענדיק ה ע כ ע ר איבערן לעבן, און ציען דאָס לעבן צו זיך! קוים דערגרייכט דאָס לעבן צו דער מדרגה, ווערן די אידעאַלן לעבנס־מינהגים, און אַנדערע, העכערע הייבן אַן נאָך העכער צו ציען! אַזוי ו ו ע ט זיין, און אפשר דאַרף זיין — אייביק, און דעריבער וועלן טייל זאָגן, אַז „ישראל ואוריתא חד" איז אומעגלעך, אַז נאָר ווייניקע אין אַ דור זענען אינגאַנצן ביבחינת מוח און האַרץ, ווי אויך ווייניקע זענען ביבחינת מאָגן אַליין. און דעריבער מוז פון פּרנסה ביז תורה, פון לעבן ביז אידעאַלן זיין אַזוי ווייט, ווי פון הימל ביז צו דער ערד! נאָר — מיר מעגן דאָך מאַכן אַ שהחיינו איבער אונדזער ליט־עראַטור; זי האָט שוין געענדיקט דאָס פאַרן דאַווענען, שוין נ אָ ך

„קרבנות", נאָך „קטורת", שוין אָפּגעזאָגט אפילו „פסוקי דזמרא". עס גייט שוין דאָס געדיכטע, מען הייבט אָן זען און זאָגן דעם אמת!

הכלל: עס איז אונדז שלעכט, שלעכט דעם גוף, שלעכט דער נשמה... נאָר צי איז די מכה אַן אייביקע? צי וועלן אייביק פאַרפינצטערן אונדז די יאָרן דער „אונדזער און פרעמד"?

— „אום גאָטעס ווילן — ענטפערט דערויף די רעדאַקציע פון „הייליקן לאַנד" — ביז ווי לאַנג נאָך וועלן אייך די אייראָפּעישע מאַניערן און צערעמאָניען פאַרבלענדן די אויגן? ביז ווי לאַנג וועט זיך אייך חלומען די פאַלשע חלומות פון בירגער-רעכט און... קאָסמאָפּאָליטיזם? דאַכט זיך אייראָפּע האָט אייך פיל גענוג געגעבן אָנצוהערן, ווי אַזוי זי רעכנט אייך פאַר בירגער, און ווי שטאַרק זי האַלט פון קאָסמאָפּאָליטיזם".

עס וועלן זיך אַפילו געווים געפינען חולקים, און וועלן זאָגן, אַז אייראָפּע איז נישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט, אַז דער ריקצוג, וואָס די אַלטיטשקע מאַכט היינט, איז נישט אויף אייביק, אַז דעם פרומען קאָנסערוואַטיזמס ניצחון וועט נישט לאַנג דויערן, אַז עס וועלן נאָך אַמאָל צוריק קומען די אַלטע טעג, מען וועט אין מענטשן ווידער שאַצן דעם מענטשן, און נישט פרעגן אויף זיין אמונה און זיין מישפּחה — נאָר: ערשטנס ווער גייט אונדז אַזוי לאַנג צו וואַרטן? און צווייטנס ווען אַפילו מען זאָל אונדז מאָרגן צוריקגעבן אַלע פּראַוועס, זענען מיר פאַרלוירן; אונדזער עקאָנאָמישער שטאַנד איז געפערלעך, ראַווניצקי זאָגט:

„אַז מען באַטראַכט די יידישע לאַגע אַרום און אַרום מיט אָפענע אויגן, איז נישט שווער צו זען, אַז זי איז איבעראויס פינצטער און ביטער דערפאַר, וואָס דאָס גאַנצע יידישע לעבן (אַלס פאָלק) איז נישט נאָרמאַל שלא בדרך הטבע. אין דער גאַנצער נאַטור זעען מיר, אַז נאָר די פלאַנצן (דער צומח) קאָן האָבן אַ קיום, קאָן וואַקסן און בליען, וואָס איז איינגעוואָרצלט טיף אין דער ערד. האָט איר שוין באַגעגנט אין דער אמת, נישט אין חלום, אַ ביימל צי אַ בלום, וואָס זאָל אַרומשוועבן אין דער לופט, אָדער אַזוי ליגן ווו אין ווינקעלע פאַרשטופּט אויף דער ערד, און דערביי נאָך אַ שיין פּנים האָבן און בליען? אַנטקעגן דער נאַטור איז נישטאָ קיין מיוחסים, קיין אויסנאַמען! און אונדזער פאָלק (אויסער שלעפּער-ציגיינער) איז דאָך אַן אויסנאַם; עס הענגט אין דער לופט, עס בלאָנקעט זיך אַרום ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שפּעלע; קוים וואָס עס נעמט זיך איין ערגעץ דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, נאָר א יי ג וו אָ ר צ ל ע ן לאָזט מען עס בשום אופן אין דער פרעמד! אָט דאָס א ז דער עיקר קוואַל פון אונדזער אומגליק, פון דעם נעמען זיך אַלע צרות און שלעג, ווייל מיר שטייען שטענדיק ווי די „מ" און די „ס" אין די לוחות, און די

ערד שאָקלט זיך תמיד און עס רויכערן זיך וואָלקנס אונטער אונדזערע פיס"...

דאָס אייגנטלעך איז נישט באַוויזן, עס האָט נאָך קיינער נישט ערנסט געקאָנט באַהויפּטן, אַז אויב אַ פאָלק איז אַן אָרגאַניזם, מוז עס דווקא זיין אַ געוויקס, נישט אַ בעל־חי; אויך זענען דאָ געוויקסן, וואָס וואַקסן נישט אַרויס פון דער ערד. נאָר פּאַר דאָס באַמערקט ער ריכטיק, אַז אָן ע ר ד , קענען מיר קיינמאָל נישט עקאָנאָמיש און מאָראַליש גוט שטיין, אויב נישט דאָס יי ד נ ט ו ם , די פּרנסה דאַרף וואָרצלען אין דער ערד.

אויסער ערד־קויפן איז קיין אַנדער מיטל נישטאָ אונדזער עקאָנאָמיש־מאָראַלישע לאַגע צו פאַרבעסערן; אַ חוץ דעם, וואָס עס וועלן זיך שטענדיק געפינען אויף אונדז מקטריגים, וועלן זיך אונדזערע פּרנסות קיינמאָל נישט אויסרייניקן פון שענקעריי, פאַקטאָריי, ליכווע און אַנדערע גוטע זאַכן — כּל־זמן דער רוב עולם וועט לעבן פון לופט און ווינט. מען קאָן זיין גאַנץ מאָראַליש און דאָך נישט וועלן שטאַרבן מיט ווייב און קינדער פאַר הונגער! אויסצוהאַלטן אַזאַ נסיון דאַרף מען זיין מלאכים, נישט געוויינלעכע מענטשן; אפשר האָבן מיר געהאַט אַזוינע און זיי זענען אויסגעשטאָרבן; אפשר האָבן מיר נאָך היינט אַזוינע און זיי שטאַרבן, בשעת ווען אונדזער פעדער סקריפּעט אויפן פּאַפּיר... און אַזוי ווי דער רוב פון אַ פאָלק איז קיין מלאָכים און ווילן דווקא עסן, מוזן מיר האָבן ערד, דאַרף מען מאַכן קאָלאָניעס; נאָר — ווו?

2) ישראל דוב ריזבערג פרעגט אַן עצה, די שטערן, די לבנה שפּאַצירט אין הימל, אַרום איר מיליאָנען שטערן, דעמאָלט בלאָזט אַ ווינטל אויף זיין לירע.

אוּן די זיסע טענער אירע
קלאָגן יאָמערלעך און ווייט...

און זיי וועקן אויף געדאַנקען
אין מיין האַרץ גאָר אָן אַ צאָל;
נייע ווינטן, ליידן, שמערצן,
צרות אַלטע... פון אַמאָל!

און ער בעט זיך:

שטערן גרויסע! וועלטן שיינע!
ענטפערט ווער פון אייך אַ וואָרט?

פֿאַר אַן ערלעך פֿאָלק אַ קליינע
האָט איר נישט פּילייכט אַן אָרט?

אָרט פֿאַר זיינע קראַנקע ביינער
(אַך, ער וואַנדערט נעכט און טעג!)

נאָר אומעטום יאָגט מען אים מיט פֿאַרשידענע טענות:

גיי שוין גיי, דו ביסט פֿאַרווילדעט!
גיי — ביסט אָרעם! גיי — ביסט רייך!
גיי — דו ביסט צו שטאַרק געבילדעט!
גיי — דו ווילסט מיט אונדז זיין גלייך?!

— — — — — — — — — — — — — — —

שטערן גרויסע, וועלטן שיינע,
ענטפֿערט ווער פֿון אייך אַ וואָרט?
פֿאַר אַן ערלעך פֿאָלק אַ קליינע
האָט איר נישט פּילייכט קיין אָרט?

נאָר די שטערן ווילן נישט ענטפֿערן! כאָטש זיי זענען אוודאי גלייך מיט מיר מוחל ריזבערגן די „קליינע פֿאָלק", ווייל אַזוינע גרייזן זענען לייכט צו פֿאַריכטן און אַזאַ ליריק איז שווער (על כל פנים ביי אונדז נאָך) צו געפֿינען: זיי ענטפֿערן נישט, ווייל פֿון אייביק אויף איז ביי זיי דער מינהג אַזוי:

פרוג זינגט:

ווי וואָלקן אין שטורעמווינט, לויפֿן און פֿליען
אָן אָנפֿאַנג אָן אויפֿהער די שטונדן און טעג;
די אַלטע אלמנה, די טאָכטער פֿון ציון,
זיצט טרויעריק איינזאַם ביים וועג...

פֿיל רייזנדער פֿאָרן פֿאַרביי איר און גייען,
זי ווענדט זיך צו זיי מיט אַ ביטער געוויין:
— אַ, זאָגט מיר, צי האָט איר מיין קינד נישט געזען,
מיין עלנטן יתום? „ניין, אַלטיטשקע, ניין!"

זיי גייען און רייטן
פון אַלע זייטן
צום אַלטן מיזבח אין הייליקן לאַנד...
די טאָכטער פון ציון
טוט ווייגען און קניען
אין שטויב צו פאַרבאָרגן איר ווייטיק, איר שאַנד...

עס גייען און גייען אַ טאָג נאָך אַ טאָג;
עס פליען די וואָלקן, עס יאָמערט דער ווינט;
און טרויעריק גיסט זיך אַ ביטערע קלאָג:
ווו ביסטו, ווו ביסטו מיין קינד?!...

נאָר אויבּ פּרוג שטייט פון איין זייט האָבן מיר פון צווייטן צד — אליקום צונזער! ער זיצט אויך — אין אמעריקע און שלעפּט צו זיך — קיין ארץ ישראל מיט ווערטלעך, וועלכע ווירקן אויף די שמעקעדיקע בלו־מען, וואָס פרוגס טוי־טרערן וועקן אויף אין אונדזער הארץ, ווי — די פּעסט. צונזערן פּאַסט נישט אַנדערש נאָר אַ ציאנאַדע (אפילו נישט ציו־נאַדע).

שטיי אויף פון שלאָף,
פון צרות אַ סוף,
נעם דיין פּעקל אין האַנט!

אהער צו מיר!
אויף מ יי ן קוואַרטיר!
אויף ד יי ן פּאָטערלאַנד!

די ערד פון ארץ ישראל
איז נישט ערגער ווי אַמאָל;
גוטע הענט און פליייסיק טון
וועט אייביק זיין אַ זול!

זעקס הונדערט קוואַדראַטנע מיילן
האָט זי ליידיק פּלאַץ;
אַספאַלט, זאַלץ, מאַגנעזע, אייזן,
מינעראַלן אָן אַ שאַץ.

אויף קאָמערציע איז דאָרט אַ פּאָרט,
דער בעסטער האַנדלס־אָרט,
איר געפינט גאָרנישט איר גלייכן אין דער וועלט
דער מיטלמער איז פריי,
דער סועץ איז דערביי,
איר קאָנט דאָרט פאַרדינען אוצרות געלט!

פּערסיען, סיריען האָט איר ביים האַנט,
עגיפּטן, אינדיע, גריכנלאַנד
ירדן און פּרת אַרום דיר פליסט...
און דו ביסט אַנטוויקלט, אַ וועלט־קאָמערציסט?...

מאַדמאַזעל פלעקסער! הער נאַראָדניצקי! אַז דער טאַמע וויל צוריק די מאַמע, דאַרף מען קיין קלעזמער און קיין בדחנים נישט;...

מיט אַזוינע ריימען איז מען משמח חתן־כלה אויף ברודיקע חתונות, מיט אַזוינע ריימען לויבט מען סחורות אין גאַס, גאָרקיכן אין די „לייכטע בלעטער", אַ הויך פון אַזאַ פּאָעזיע מאַכט ברודיק דעם פיינסטן שפּיגל, שמוציק די ריינסטע אידייע!

אויב צווישן פּרוג און — — אליקום בדחן רינט אַ ס מ ב ט י ו ן , ליגט אַ תהום, אַ מידבר, איז אונדזער „וועלט־באַרימטער" גאָלדפאַדן אַזאַ מין קונצנמאַכער, וואָס שטייט מיט איין פוס אויף דער זייט און מיטן אַנדערן אויף דער צווייטער זייט, און כאָטש דער „שווער פּונקט" פאַלט מער צו אליקומען, האָט ער דאָך צווישן פּופּצן סטראָפן פון „אוי בענק איך אהיים" אַזוינע אויך:

איך וואָלט געוואָלט זען ווי פאַרטשאַדעט פון רויך,
פאַרטאָג, ווען דער נעפּל איז נאָך בלאָוו (בלוי)
דרימלט דער אַלטער לבנון אין דער הויך,
און רעדט עפּעס צו זיך פון שלאָף!

וואָס חלומט דעם זיידן, וואָס טראַכט ער און קלערט?
צי דאַוונט ער דענסטמאָל, צי ניין?
צי ווידערהאָלט ער דעם תהילים, וואָס ער האָט געהערט?
פון דווידן זינגען אליין?

צי קלאַגט ער, וואָס זיינע נעסטן זענען לער.
און די פייגעלעך זענען פאַרטריבן,
דערפאַר קרעכצט ער פון שלאָף אַזוי שווער,
וואָס ער איז אַזוי עלנט געבליבן?

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר דאָס איז פּאָעזיע... און מכוח פּראַקסע?

צי האָבן מיר כוח צו קאָלאָניזירן אַ לאַנד? צי איז ארץ־ישראל פעיק קאָלאָניזירט צו ווערן? און — וואָס וועט זאָגן דער טערק?

די רעדאַקציע פירט באַלד פון אָנהויב אַ וויכוח מיט „שונאי ציון", ברידער, זאָגט זי, קול המון כקול שדי, אַ שטימע פון אַ פאָלק איז גאָטס שטימע! אַ אידייע, וואָס אַ גאַנץ פאָלק כאַפּט זיך אין איר אָן, איז הייליק, געטלעך, אצבע אלהים הוא, דאָס איז אַ ווונק פון גאָט!"

נאָר דאָס איז פּובליציסטיק, און דאָ, וווּ עס גייט וועגן לעבנס־פראַגן פון אַ גאַנצער אומה, מוז מען ברענגען מערער און בעסערע ראיות... וויפל פעלקער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן פּאַלשע אידייען, און האָבן זיי אַזוי־ערנאָך באַוויזן! קאַניבאַליזם (מענטשן־פליישפרעסן) איז אויך אַ געוויסע צייט אויף דעם אייגענעם אופן הייליק געוואָרן, „וויצלי־פּוצלי" איז אויף דער זאַסאַדע אין אַמעריקע (איידער עס איז געפונען געוואָרן) הונדערטער יאָרן גאָט געווען, און דער אַנטיסעמיטיזם קען אַזויערנאָך אויך הייליק ווערן, אויך זיין אַ ווונק פון דער השגחה פּרטית. נאָר די רעדאַקציע גיט דאָס נאָר אַלס „פּאָר־שמאָס". דאָס געדיכטע גייט שפּעטער: די רעדאַקציע לאָזט זיך אַריין אין וויכוח מיט אַלע, וואָס האָבן עפּעס דאַקעגן.

זי וויל אויסווייזן די פרומע, אַז קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע הייסט נישט „דוחק זיין את הקץ", אַז מען מיינט גאָרנישט דערמיט מיט געוואַלט אַראָפּ־צוברענגען משיחן... עס איז אָבער אַן עבירה די רייד. אונדזערע פרומע ווילן נישט די קאָלאָניזאַציע, ווייל — זי דאַרף „קאָסטן", אונדזערע פרומע זענען שטענדיק יוצא מיט פרומקייט. מעג עס זיך האַנדלען וועגן ארץ־ישראל, אָדער וועגן קלענערע צדקות, ווי אַ שפּיטאָל, אַ גמילות־חסדים־קאַסע, אפילו וועגן חדרים... „רחמנה לבא בעי", זאָגט ער. פון גאָטס וועגן האָט ער נאָר אַ בריטע האַרץ, טרערן אין די אויגן, באַדאַקים תשעה־באָב, קרוויט מיט ראַזשינקעס שימחת־תורה. יין־קידוש־והבדלה שבת און שבת־צו־נאַכטס; אַ סוכה, אַן אתרוג, אַ לולב — קליינע הוצאות — מהיכי־תיתי... אָבער די אמתע קעשענע — לאָוו! גאָט זאָל וועלן, קאָן ער זיך אַליין אויפבויען ציון, און דווקא מיט אַ פייעריקער מויער!

די אריסטאָקראַטן (!) הערן אויך אביסל מוסר, מיט די אַסימילאַ־טאָרן (!) וויל מען שוין אַפּילו נישט רעדן — נאָר

„איצט קומט אַהער אַלע קעגנער פון ארץ־ישראל... דערבאַ־רעמט אייך אויף אייער גלויבן, אַז איר ווילט, ער זאָל נישט אונטערגיין" —

נאָר נישט דאָס האָבן מיר געמיינט... מיר האָבן פאַרן אַלטן גלויבן גאָר קיין מורא נישט. מיר ווייסן גאַנץ באַשטימט, אַז אין אַ געוויסער הינזיכט ווערן אונדזערע לייט אַלע מאָל פרומער, וואָס מער שפלות, וואָס מער צרות, — גרעסער ווערט און הייליקער אַלץ, נישט נאָר וואָס גאָט האָט אַליין געבאָטן אָדער דורך משהן געזאָגט, נאָר אַפּילו כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש. דער רמ"א איז שוין אַ קדמון געוואָרן, איר האָט קיין איינציקן רב אָדער שוחט, וואָס האָט נישט עפּעס אַ חומרהלע אויף זיין געוויסן. אַפּילו דער קרן פון יידנטום, די איינהייט גאָטס (אחדות־הבורא) איז אויך פאַרפעסטיקט און געשטאַרקט געוואָרן אין גלות —

„פרום איז דאָס שעפּעלע, עס לויבט דיין נאָמען
שטענדיק, סיי ווינטער, סיי זומער;
וואָס מער מען ציפּט עס, וואָס מער מען רייסט עס,
ווערט עס אַלץ הייליקער, פרומער —

און העכער דערהויבט זיך איר הייליקער „מע"!
וואָס טיפער און לענגער די נויט;
ריבונו־של־עולם — מע! מע! מע!
נאָך נישט דערקוילעט אויף טויט"! —

און ביכלל איז אַ יושר, אַז שטיוול זאָלן מאַכן שוסטער און ברויט זאָלן בעקער באַקן. לאָזט איבער פרומקייט און אמונה־זאַכן די רבנים, און „פּראָוועס" וועלן זיי זיך אויך זייער שטעטל באַשטיין; איר שריפטשטעלער פאַרזאָרגט אייערס, גיט אַהער עצות, ווייזט דעם רעכטן וועג אויף ד ע ר וועלט, נישט אויף יענער, פאַרזאָרגט אונדז דאָ — האַלט מען פון ארץ־ישראל, רעדט צו דער זאַך!

וועגן אונדזערע כוחות צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל רעדט קישיניעוו־סקי אין זיין אַרטיקל „אונדזער קראַפט", ער זאָגט, אַז —

„דער ביטערער גלות האָט אונדז נישט אַזויפיל געשאַדט בגשמיות, ווי ער האָט אונדז ברוחניות אַראָפּגעוואָרפן אין אונ־דזערע אייגענע אויגן, „וואָס איז ווערט אַ ייד? — זאָגן געוויינ־

לעך אונדזערע ברידער, גאַרנישט, אַ שטרוי! „דאָס יידל איז
נעבעך קליין און שוואַך".

ער קאָן נאָר מילחמה האַלטן מיטן מויל, שרייען, וויינען און בעטן זיך. אז עס קומט אויף אונדז אַ צרה שלא תבוא — איז דאָס ערשטע און לעצטע: תהילים זאָגן, פאַסטן... און די איינציקע האָפענונג, אַז גאָט ב"ה זאָל שיקן זיינע שלוחים —

„אַ פּאָר גבירים, וואָס וועלן געבן געלט"...
„קיין פאַרזיכערונג אויף אייגענער קראַפט,
קיין האָפענונג אויף זיך אַליין".

נאָר צי איז דאָס אמת?

„לאָמיר זען, צי זענען מיר טאַקע אַזוי שוואַך און אַזוי דע-מאָראַליזירט, אַז אַליין קאָנען מיר גאָר פאַר זיך נישט טון, און נאָר גבירים קאָנען אונדז רעטן? עס זענען דאָ קלענערע פעלקער, וועלכע האָבן נישט די העלפט (מענטשן) פון אונדז און שפּילן דאָך אַ ראָל אויף דער וועלט און זיי האָבן זייער פאָטערלאַנד"...

„נאָר פון „האָבן" ביז „קריגן", קלערט איר איז וויט? מיר זענען דאָך צוועלף(?) מיליאָן מענטשן... מיר זענען קיין נערנים(!!!) עס האָט קיין שונא ישראל נישט די העזה געהאַט צו זאָגן, אַז יידן זענען נערנים; מען באַשולדיקט נאָר אונדז, אַז מיר זענען צו קלוג, און מיר זענען טאַקע אַן עם-חכם ונבון..."

„מיר זענען נישט פויל, מיר זענען פול מיט ענערגיע, טע-טיקייט און קראַפט, מיר זענען פראַקטיש און אין דער זעלבער ציוט (!) אידעאַליש, מיר קאָנען האָפן, ליידן און אַרבעטן; מיר זענען עלטער פאַר דער גאַנצער וועלט און פול מיט יוגנט...

„מיר זענען קיין שיכורים, קיין רוצחים וכו'.

„מען האָט אַפילו נישט לאַנג געשריבן אין אַ פראַנצויזישע ציימונג" —

נאָר גענוג! נישט דאָס דאַרפן מיר! נישט קיין עדות פון פראַנצויזישע צייטונגען, נישט די הודאה פון שונאי ציון, און נישט אונדזער אייגענער אַטעסטאַט אַ-לאַ-קישינעוו האָבן דאָ עפּעס אַ ווערט. אַ חשבון דאַרף מען, אַ חשבון! מען דאַרף צייט, געלט און אַרבעט, און פון דער אַנדערער זייט — צי האָבן מיר דאָס אַלץ אין דער מאָס, ווי מען דאַרף.

אפשר וועלן זיך טרעפן טייל, וואָס וועלן יוצא זיין מיטן אַרטיקל „דער מיסחר, דער אַקערבוי, די אינדוסטריע פאַלעסטינעס" פון י. בוכבינדער? איך האָב עס נישט געלעזן... בוכבינדער וווינט אין אָדעס, שרייבט איבער פאַלעסטינע און וויזט נישט אויף די קוועלן, פון וואַנען ער האָט זיינע ידיעות געשעפּט... עס קאָן זיין נאָך בעסער געשריבן, ווי צונזערס ציאָנאַדע, נאָר אויף דער וואָגשאָל וועלן זיי וועגן גלייך.

עס בלייבט אונדז נאָר צו ווינטשן אונדזערע חובבי ציון זיי זאָלן

ערנסטער באַטראַכטן זייער פּליכט, מעג זיין אַביסל וויניקער פּ יי ע ר נאָר מער ח ש ב ו ן.

נאָר אויב די פּובליציסטיק פון דעם „הייליקן לאַנד" שטעלט זיך דאָך גאַנץ ערנסט פאַר, שטייט כּאַר דאָס די בעלעטריסטיק נאָך אויף אַ נידעריקע מדרגה. די בעלעטריסטיק באַשטייט פון צוויי קורצע נאָוועלן: „דער פרו־מער קאָלאָניסט" און „ישראליק דער פּראַצענטניק, אָדער יענקעניו". דער פרומער קאָלאָניסט וואָלט געמעגט זיין אַביסל בעסער דערציילט און די כלה האָט נישט געדאַרפט, מיר נישט דיר נישט, חלשן אין וואַלד, בשעת ווען זי האָט דערזען דעם חתן. נאָר די צווייטע נאָוועלע איז נישט צו ראַטעווען. די שרייבערן האָט זיך נישט געקאָנט „די דיעה געניגן", עס האָט זי געריירט געוויס אַ פאַקט פון לעבן, אַז „אַן אָרנטלעך שטיל קינד, וואָס האָט געלערנט זיך גוט, ליב געהאַט די עלטערן און דערנאָך ערשט די ביכער, מער ווי די גאַנצע וועלט", און געענדיקט דאָס גימנאַזיום גוט, איז נישט אָנגענומען געוואָרן אין אוניווערזיטעט אַריין; איז איר איינגעפאַלן, אַז אַזאַ יונגער־מאַן, ווען ער שיסט זיך, אָדער ווערט משוגע, וואָלט ער געקאָנט זיין אַ העלד אין אַ נאָוועלע, נאָר וואָס קלייבט מען אויס: משוגע ווערן אָדער שיסן?ביידע זענען גוט, ביידע שטאַרק! האָט זי געהאַט אַ גליקלעכן ישוב און יוצא געווען לכל הדעות, דעם סטודענט הייסט זי זיך שיסן, און דעם פאָטער — משוגע ווערן! און האָט עס אַזוי גליקלעך פאַרטיילט, אַז די נאָוועלע הויבט זיך אָן מיטן שיגעון, דערנאָך קריכט מען צוריק און מען שלעפט זיך ביז צום שיסן און מען קריכט באמת און מען שלעפט זיך, ווי אין אַ זאַמד; קיין וואָרט כ אַ ר אַ ק ט ע ר י ס ט י ק, קיין איינציק וואָרט וואָס זאָל קאָנען אַן איינדרוק מאַכן; עס דאַכט זיך, עס זיצט פאַר אונדז אַן אַלטע יידענע, קראַצט זיך מיטן שפּיזל הינטערן אויער און דערציילט אַ מעשה, אָן לעבן, אָן לשון, און משׁשת ימי בראשית; עס הויבט זיך אָן פון יענקעלעס זיידע. ביי דער גאַנצער צייט טריקנט איר נישט אויס די טרער פון אויג, און דער ריבונו־של־עולם גייט איר נישט אַראָפּ פון דער צונג. די איינציקע מאָס איז: „ווייט" אָדער „ווייט־ווייט", דאָס איינציקע וואָרט צום שילדערן איז „שיין", אַלץ איז צאַצאַ: אַ שיינער ברית, אַ שיינע חתונה, שיין דרשה־געשאַנק, שיין לערנען און אַזוי ווייטער; קיין זיכר פון פּסיכאָ־לאָגיע, קיין ריח פון באַמערקן. דער גאַנצער ישראל, וואָס דאַרף אונדז נעמען, איז אַ גאָרנישט, זיין אידעאַל איז צו זיין גרויס. נאָך אין חידר האָט ער געוווסט נאָר מיט יענעם צו שאַפן, נאָר יענעם, ביים שפּילן אין פערד־לעך, איינצושפּאַנען. נישט אומזיסט האָט אים דער שניידער, דער פאָטער

זיינער, „געזען (צו פינף יאָר) פליען אין אַן עקיפּאַזש צווישן וואָלקן מיט א שיינער שוואַרצער באָרד"...

און אַז די נאָוועלע איז שוין געענדיקט, הויבט זיך ערשט אָן אַ פּראָ־נע, וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען איר? מילא „יענקעניו" האָט זי אַ נאָמען געגעבן נישט נאָכן זיידן, נאָר גלייך ער וואָלט אַ גר געווען, נאָך יעקב אבינו, אבי נאָך איינעם פון די אבות. נאָר די נאָוועלע נאָך ווענמען זאָל הייסן? איז טאַקע געבליבןביידע נעמען, אי „ישראליק דער פּראָצענט־ניק", אי „יענקעניו". נאָר וואָס טוט מען: אונטערשרייבן אָדער ניין? אויף דעם איז אויך דאָ אַן עצה, מען שרייבט אונטער „בת מלכה", נאָר מען לייגט דעם ס י פ ו ר אַלס „אַ קליין קרענצל אויפן טייערן קבר פון איר געליבטער מוטער מלכה זלאַטע קאַטעק", און אַזויערנאָך אי אַ מאַסקע, אי לייכט צו דערגיין... ער דערמאָנט אינעם אַפּירשמייכלען פון אונטער ברעמען אָדער אַ פּעכער און דערגלייכן ווייבערישע סודות! נאָר פאַרוואָס קומט מלכה זלאַטע קאַטעק אַן אויפשריפט נישט אויף פּראָסט יידיש? — אויף דער שאלה קאָן איך נאָך ענטפערן די אייגענע תשובה, ווי אויף אַן אנדער שאלה: נאָך וואָס האָט מען דאָס געדרוקט?

— איך ווייס נישט. —

.1891

ערינערונגען אויס מיינער יוגענד

פון א. פ. ראדין

ווען איך עפן אויף דאס ספר גראד אויפן פינפטן זייטל און לעז:

> עס איז צוואר שווער די ערינערונגען דעס יוגענדס טריי אנצוגעבן און צוואר אויס דיזע גרינדע מאן פערגעססע אים לויפע דער צייט... איבערהויפט אבער פערגליידך דער יעצט-צייט, יעצט נאטירליך וואלטע איינער זיינע ביאגראפיע אויפנאטירן, קאנטע עס זא שווער ניכט פאללען אים פערגלייך דער פערגאנגענע דרייסיג יאהרען צוריק, דאמאלס וואר קוים איינער אונטער הונדערט אים שרייבע-קונסט איינגעאיבט, אונ מוסטע איינער... זיינע גאנצע ערינערונגס-קראפט צוזאמענעמען...

אדער אויפן זיבעטן, ווו די אויטאביאגראפיע הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

> איך בין געבארן אם טאגע דעם אידישען פאסטאגס אם דער גאנצליכע שטורץ דער דאווידישע דינאסטיע ביים צערשטערונג דעם ערשטען טעמפעלס...

אדער אויף וועלכן איר ווילט פון די הונדערט און פערציק זייטן פון ראדינס דערינערונגען, וואלט עס מיך באלד נאר דערמאנט אין כהן-צדקס דייטשע זעמל, מר חיים שלום סליווקינס לאגיק און — דאס ווערק וואלט תוך כדי דיבור זיין ארט געפונען ביי דער דינסט אין פלייש-קויבער; צום אומגליק אבער איז צום ערשטן געפאלן מיר אין די אויגן אריין די הסכמה וואס א יידישער מחבר האט א. פ. ראדינען געגעבן: „מיט פארגעניגן — שרייבט ער נאך ראדינס דייטש: —

> מיט פערגעניגען האבע איך איהרע ערינערונגען געלעזען, דאס (!) איזט איין גוטער (!) שפיגעל צו זעהען ווי אונזערע ברידער האבען אמאל געלעבט.
>
> אויף איהרער פראגע: אויב איהר זאלט עס דרוקען לאססען, מוס (!) איך אייך נאך מיינער מיינונג זאגען: דאס איהר ווערק קען נוצען ברענגען ניכט וועניגער, ווי די היינטיגע אלע זארגאנישע ביכער, דאס הויפט (!) איהר דרוקט עס דאנקען גאטט מטוב לבי, איז דאס (?) געוויס זעהר

שען, מי יתן, ווער וואָלט געגעבען, דאָס אַללע יידען זאָללען שרייבען, דרוקקען, און נישט ברויכען דערפֿון צו לעבען.

איך ווינש אייך גליק אין אייער אונטער נעהמען, איהר זאָלט פיעל נוצען ברינגען מיט אייער שרייבען, און פיעלע לעזער זאָלען דערפון הנאה האָבען, אייערע ספרים זאָללען חן געפונגען אין אַלעמענס אויגען אונ די לעזער זאָללען אייך ווינשען אַללע גוטעס...

ווי שרעקלעך ק ל י נ ג ט די געוויס ק אָ ס ט ב א ר ע ה ס כ מ ה!

ווי ווערמיק — די פשרה צווישן לעצטן ביסל ערלעכקייט פון איין צד און — לכל הפחות דער תאווה צו זיין בבחינת „היה רוכב על גבי..." מחבר, יענעם אָן הסכמה צו געבן — פון צווייטן צד, נישט האָבן קיין יעדות ראַדינס ווערק צו גלויבן, נאָר גענוג געוויסן די גאַנצע פאָלקס־ליטעראַטור אין מיסט־קאַסטן צו וואַרפן, אבי ראַדין! מיט זיין „ספר" זאָל בלייבן אין דער חברה! ווי עקלהאַפט איז די ב ר כ ה, אַז אַ ספר זאָל ברענגען נוצן און פאַרגעניגן, גלייך איין און דאָס זעלבע ספר קאָן ברענגען נוצן און שעדלעך זיין; פאַרגעניגן שאַפן און ווירקן אַלס ברעך־מיטל, ווי די הסכמה אַליין! און עס ווענדט זיך נאָר אין מזל, אויף וועלכן אַ ברכה פון אַ יידישן מחבר קאָן האָבן אַ פעולה! —

נאָר אויב דעם, וואָס גיט אַ הסכמה, מוז עפּעס פעלן אין דער געגנט פון ערלעכקייט, מוז דער, וואָס נעמט און דרוקט אַזאַ הסכמה, אַ דעפעקט האָבן אין מוח, אַ שטאַרקן ריס אין די געהירן. דער פּ ס י כ י א ט ר י ־ ש ע ר קעגנשטאַנד אינטערעסירט מיך. און כדי אָפּצוזוכן דעם ריס, דעם דעפעקט, האָב איך שוין דורכגעלעזן דאָס גאַנצע ווערקל, (און גלייבט מיר אַז איך האָב שטאַרק געליטן דערביי), נאָר ליידער האָב איך די קרענק נאָך נישט דערטאַפּט; ווייל — כאָטש אויפן שער ווערט זי פאַרשוויגן — איז דאָך דאָס ס פ ר נישט געענדיקט, דער סוף וועט זיין ש פּ ע ט ע ר, און איך מוז מיט מיין דיאַגנאָז וואַרטן.

דערווייל טייל איך מיך מיט אייך מיט דעם, וואָס איך בין געוואָר געוואָרן: ראַדין איז געבוירן תישעה־באָב; ער איז זייער שטאָלץ דערויף, וואָס זיין פאָטער, אַ סוחר, האָט נישט געמאַכט קיין פאַלשע חשבונות; צו פינף יאָר האָט ער אָנגעהויבן א"ב; זיין מלמד האָט געהאַט אַ הייזעריקע בערנשטימע און אַ בעלפער; איבערן זומער האָט ער זיך אויסגעלערנט אַלף־בית; אָנגעהויבן טראָפּ און דערנאָך — חומש, און ד אַ מ אָ ל ט (זאָגט ער) האָט ער געהאַט אַ שטאַרקע תפיסה און אַ גוטן זיכרון; צו אַכט יאָר האָט ער געקענט דיקדוק, צום צענטן — אָנגעהויבן גמרא און געלערנט מסכת ביצה, וועלכע האַנדלט נאָר וועגן אַ „מיסגעבורט", אַן איי, וואָס

איז געבוירן אוב יום־טוב! ערב־פּסח האָט מען אים אמאָל געשיקט צום רב פאַרקויפן דאָס חמץ; נאָך פּסח איז דאַמאָלט אויך פּונקט, ווי היינט, געגאַנגען שבועות, סוכות, עשרה־ימי־תשובה, כּפּרה־שלאָגן, יום־כּיפּור, שימחת־תורה... חנוכּה האָט ער נאָך ביינאַכט געשפּילט אין קוויטלעך: ביי־טאָג האָט ער „לײדער" געמוזט לערנען; צו בר־מיצווה האָט ער אַן „אויס־געשטאָפּטע" דרשה געזאָגט. חשק געקריגן צו „השכלה" און אָנגעהויבן זיך צו לערנען שרייבן ד י י ט ש ע ס ו ח ר י ש ע ב ר י ו ו! צו אכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט, געשפּילט אין דערדע מיט אַלע משכּילים פון שטעטל: נאָכן אוקאַז האָט ער זיך אָנגעטון דייטש; דערנאָך האָט ער זיין פּאַרמעגן פאַרלוירן און אַרויסגעגעבן זיין קליינע געאָגראַפיע (?); ער האָט נאָך געוואָלט אַרויסגעבן אַ מין קונקאָרדאַנציע מיט אַ פּירוש אויף דייטש און לשון־קודש, און אַפילו שוין אָנאָנסן געמאַכט, נאָר אַ געטויפ־טער ייד האָט ביי אים אויסגעכאַפּט דעם מיסחר, און אַזויערנאָך איז ער, ראַדין, אומגעלעזן דאַרווין, געוואָר געוואָרן, אַז מענטשן קומען באמת אַרויס פון חיות, דערנאָך האָט ער מיט אַ גוטן שותף אַ פּאַכט געהאַלטן פיר יאָר און — „פּאַרטזועצונג פאָלגט..."

דעריבער מוז איך אויך וואַרטן, און זאָגן אייך: „פאַרטזועצונג פאָלגט".

.1891

מ. מ. דאַליצקי „מבית ומחוץ"

(תרנ"א)

דורך אַ סיבה, וואָס ווענדט זיך נישט אין אונדז, זענען מיר נישט בכוח איבערצוגעבן אונדזערע לעזער אַ קורצן אינהאַלט פון ווערק, און דעריבער זענען מיר געניײטיקט צו בעטן אַביסעלע קרעדיט, און גלייבן, אַז דאָס ווערק איז פּערל און בריליאַנטן (יידישע צרות און טרערן) אין אַ גאָלד (זעלטענע שפּראַך) געפאַסט. דער דערציילונג אינגאַנצן קאָנען מיר אַ סך פאָרוואַרפן, ווייל עס איז פּעליטאָניש באַר־בעט. און נאָכן איבערלעזן בלייבן אין מוח נאָר די איינצלנע סצענען, יע־דע באַזונדער, אָן דעם אומנאַטירלעכן צוזאַמענהאַנג, וואָס דער מחבר האָט זיי געגעבן. נאָר — די איינצלנע סצענען זענען מייסטערהאַפט! עס צי־טערט אין זיי דאָס טרויעריקע, אומגליקלעכע, פינצטערע, יידישע לעבן — כ ה וו י ה ! — ווער עס האָט נאָך נישט אויסגעוויינטע טרערן, נישט אויס־געטריקנטע נערוון, נישט אינגאַנצן אַ פאַרשטיינערט הארץ און פאַרשטייט לשון־קודש — זאָל לעזן מ ב י ת ו מ ח ו ץ ! ווער עס מיינט, אַז אַלע „חובבי־ציון" ראָמאַנסירן מיט דער בריסקער רביצן, שמייכלען מיט חסד צו דער „חלוקה" און לעקן די קנעכל ביי אונדזערע פרומע גבירים, זאָל לעזן „מבית ומחוץ"! אויך איז עס מחויב צו לעזן דער, וואָס האָט נאָך אַ קישן אונטערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט אין מויל אַריין, ער זאָל פילן, אַז ער איז אַ י ח י ד דערמיט... און... דערווייל —

.1891

אַנעקדאָטן־בוך

צוויי הונדערט און פערציק שיינע וויצן, זייער סאַטיריש צום לאַכן.
אַרויסגעגעבן פון מ. קיקלשטיין

ווער האָט צייט אויסצוהערן אַן אידעע און לאָזן זי זיך באַווייזן? און ווער האָט נישט קיין צייט אויסצוהערן אַ קורצן וויץ? דער, וואָס קאָן בטבע נישט האַלטן אין זיך, מוז זיינע אידעען און געדאַנקען אויפשרייבן און לאָזן דרוקן, טאָמער וועט עמעץ אַמאָל האָבן אַ האַלבע שעה צייט צו לעזן, אָבער מיט אַ וויץ קאָנסטו אַרויס־גיין אין גאַס אַריין און דעם ערשטן־בעסטן מכבד זיין. דאָס לעבן האָט אויסגעלערנט צו זיין באַהיטזאַם מיטן אמת, וואָס שאַדט געוויינלעך מער דעם זאָגער, אַלס עס קאָן דעם צוהערער העלפן; נאָר זעלטן־עמעץ זאָל קענען איינהאַלטן ביי זיך אַ גלייכווערטל. עס קייקלט זיך אַראָפּ פון דער צונג. אידעען קלעפן זיך נישט צו צו דער מאַסע, וויצן ווערן אויפגעכאַפּט כהרף־עין און גייען פון מויל צו אויער און צוריק, שנעל, ווי דער בליץ„ צו וועלכן זיי זענען ענלעך. בשעת ווען די אידעען ווערן אַרויסגעלאָזט מיט אַ פירמע פון מחבר, אויסגעאַרבעט מיט אַ חתימה, מיט אַ פּרייז, פליען די וויצן פריי אין דער לופט, ווי הפקר־פייגל; ווער עס וויל קלייבט צוזאַמען און — פאַרקויפט. נישט דער מחבר, נאָר דער אַרויסגעבער איז באַלעבאָס; נישט דער שכל, נאָר די מי ווערט באַלוינט. צו אַ מחבר גייען מיר צו שטרענג; מיר פאַרלאַנגען פון אים ערשטנס זיין אייגענע סחורה און גוטע, מיר פאַרלאַנגען אויסער דעם אַ געוויסע ליטעראַרישע מאָראַליטעט; צו אַ וויצן־קלייבער גייען מיר צו „בקלות ראש”, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן; מיר קוקן אויף זיין „שלעפּן” פון אַלע זייטן, ווי די אַלטע גריכן אויף אַ געשיקטן „קעשענע־ציער”. זיין רימען זיך באַלד אויפן שער („שיינע וויצן זייער סאַטיריש צום לאַכן”) איז גאַנץ פּאַסנד. נאָר — קלוג דאַרף מען זיין; אַרויסשלעפּן — יאָ, גנבענען — אפילו האָבער ביי דער גאַנדז, נאָר אויפקלייבן דאָס, וואָס קאָזעם (צינן)

פארלירן, איז לייטן גלעכטער... דעם וויץ ביכלל זענען מיר מוחל, אפילו ווען ער הייבט אויף דעם ראָק און טאנצט באָרוועס... קיין באַלעבאָס, קיין איש מכובד, קיין „אב אויף דער חתונה" איז ער נישט, ווי דער שטייגער — א בדחן!

דער צוזאמענקלייבער גיט נישט קיין בריליאנט, מיר זאָלן זען אויב ער איז גוט געשליפן; גוטע וויצן זענען פערל; נאָר ער — גיט נאָר דאָס שטריקל, דעם פאָדעם, דאָס שנירל, אויף וועלכע זיי ווערן אויפגעצויגן, נאָר דאָס שטריקל דארף אויך נישט זיין צופיל ברודיק.

מיר פארלאַנגען:

1) פרישע סחורה, על־כל־פנים נישט זייער פארלעגערטע, נישט דאָס, פון וואָס די קינדער רעדן אין די וויגן;

2) ש א ר פ ע, בליצנדיקע, קורץ־געפאסטע וויצן, און — :

3) אויב עס מוז שוין זיין אביסל עזות — זאָל זיין כאָטש מיט א מאָס.

די וויצן, וועלכע ליגן פאר אונדז — זענען אלע שלעכט אויפגע־שריבן, נישט לאַגיש, א ו י ס ג ע פ ר א ל ט; אויפן אָרט פון א נאָדל־שפּיץ קריגט מען א גלעט מיט א בערן־לאַפּע. דריי פערטל זענען פארלע־גערט, אלט, פון פערטן פערטל איז א צוואנציק פראָצענט פרעמד דעם יידישן לעבן, פון דער רעשט, מען זאָל זיין אָפּשיילן, ווי פוילע קאַרטאָפל פון פרא־לעריי, וואָלט געקאָנט בלייבן א שיער ארויסצרופן א שמייכל ביי א מיסתפק במועט, וואָס זוכט נישט קיין סדר, קיין לשון, נאָר אבי א רגע צו לאַכן.

.1891

דער יידישער האנדלס־קאלענדאר

(אויף פינף יאר תרנ"ב — תרנ"ו)

פון י. בערנאם

דער הער בערנאם רופט זיין קאלענדאר „איין היסטאריש־ליטע־ראריש־וויסנשאפטלעכעס בוך", כאטש אויסער לוח־כראנא־לאגיע און זיין אייגן־צוזאמענגעשלעפטן אדער איבערגעזעצטן שוואכן ארטיקל איבער „היפנאטיזם און מאגנעטיזם", איז קיין וואָרט וויסנשאפט און היסטאָריע נישטא. עס איז אויך שווער צו גלייבן, אז זשארגאן־קאלענדארן זאלן האבן אזוינע לעזער, וואס עס זאל זיי מער נישט פעלן, ווי זאסניצעס עלעקטריציטעט און בערנאסעס היפנאטיזם. נאר ליטעראטור האט דער האנדלס־קאלענדאר גענוג. מיט „דרך־ארץ" פארן רעדאקטאר פון דער יידישער ביבליאטעק און זיין שטילן שותף הער די־נעסאן, גייען מיר שטיל אריבער איבער „חנינה בן דוסא", „עלנד" און „ארעמקייט איז קיין שאנד", כאטש עס רייסן זיך אונדז פון מויל די שאלות: 1) ווי אזוי איז חנינה בן דוסאס ווייב אי „שטיל, ווי א טויב", אי „א רייטערקע אבער א גרויסע"? וואס איז „עלנד", א נאוועלע אדער א פעליעטאן, אדער גאר א מרכב פוןביידע? און 3) צי איז „ויהי ערב ויהי בוקר" די ערשטע מיצווה, וואס „ארעמקייט איז קיין שאנד" הייבט זיך נישט אן אינדערפרי, און מען לאזט א גאנצע נאכט דאס ווייבל אומ־זיסט נישט שלאפן? די שאלות לאזן מיר אלס תיקום. מיר גייען ווייטער, און פאלן ארויף אויף א מין „צהר". זיין לשון איז פון *פארן* מבול, איז צוהר על־כן נישט פון דער תיבה! אויסער דעם איז די תיבה נישט קיין יידישער קאלענדאר, און אזוינע חיות וואלט זיכער נוח נישט אריינגע־לאזט. דער „צהר" איז נישט קיין פענצטער, נישט קיין בריליאנט, ווייל דאס געדיכט „דעם קאלאניסטס פארמעגן" איז קוים ביי ה׳ יוסף מינצער אויף לשון־הקודש א *רובינדל* געווען, און דער צדיק, וואס האט זיך

באהאלטן אונטערן „צהר‟, האָט דערפֿון געמאַכט קוים דאָס, וואָס דער קאַלאָניסט דאַרף צום פֿעלד. נאָר דעם קאָלאָניסט אַליין איז טאַקע מקנא צו זיין; זיין פֿאַרמעגן איז אין לשער, ער פֿאַרמאָגט „אַ שטיקל אַקער־פֿעלד‟, און „עס איז שיין ווי די וועלט‟, דערצו נאָך „אַ שטיק לאַנקע פֿון פּאַ־ש ע ־ וו ע ג ן‟, אַ „וואָגן‟ האָט ער פֿון פֿעלד צו טראָגן‟, אַ ווייב נ ח מ ה, אַ זון א י ת מ ר, אַ ט אָ כ ט ע ר ת מ ר, אַן אייזל, אַ פּאָר גוטע פֿערד, נאָכאַמאָל „אַ גוט שטיק פֿעלד, גוטע פּרוכטן, אַ ווייגאָרטן מיט טייטלען, פּאָמעראַנצן אַלע סאָרטן‟ (אחד לא נעדר!) „שאָף, מלבושים אויף יום־טוב, גענדז און אינדיקעס אַ סטאַדע, קאַטשקעס אויף אייער‟, נאָר צי וועלן די הינער צופֿרידן זיין מיט „ה ע נ ע ר א ו י ף פּ אַ־ר אַ ד ע‟ און מער נישט, איז אויך אַ תיקו.

דעם באַהאַלטענעם צדיק, וואָס פֿרייט זיך, ווייל:

„מיינע נדבות פֿון מיין גוט הערץ,
מיין יושר, איך מאַך קיינעם קיין שמערץ‟.

וואָלטן מיר בלב שלום אַן עצה געגעבן, ער זאָל האַלטן די הענט ביי זיך, און די פּעדער איבערגעבן דעם ווייב צו חשבונען זיך מיט דער וועשן; אַזאַ פּעדער קאָן אַפֿילו אין אַ לאָמבאַרד העכער געשעצט ווערן, ווי אין אַ ליטעראַטור.

נאָך צוהערן גיין ד. פֿרישמאַן מיט „שפּינען און שוואַלבן‟, אויך עפּנט אונדז שפּעטער גאָלדפֿאַדן דעם הימל לכבוד תישעה־באָב. צוויי ווירקלעכע טאַלענטן, נאָר בשעת ווען גאָלדנפֿאַדנס טאַלענט איז באַוואַקסן געוואָרן מיט פֿעט בדחנות, ווערט ד. פֿרישמאַן צעקראָכן אין מאַנירלעכער ראָמאַנטיק; שטענדיק האָט ער מכלומרשט עפּעס צו זאָגן און האַלט זיך איין, און שטענדיק האָט ער טייל ווערטער, וואָס קלינגען אים אַזוי גוט, אַז ער דרייט מיט זיי, ווי מיט „מכשפה לא תחיה‟, און אַלץ איז פֿאַרדעקט מיט אַ גאַזע, מען זאָל חס־ושלום דאָס פּנים נישט אַרויסזען.

דאָס געדיכט „די שפּינען מיט די שוואַלבן‟ איז אינגאַנצן אַזוי צע־קראָכן, שוואַך און מ אַ נ י ר ל ע ך געפּרוּווירן, בשעת ווען פֿרישמאַנס תאווה צו צעטרעטן שוואַלבן — אַזוי ברענענדיק היים, אַז מען קאָן דעם קאַטער קריגן. שטעלט אייך פֿאָר אַ דיכטער, וואָס טרעט שוין צוויי טויזנט יאָר אָן אויפֿהער די שפּינען!

„יאָ, איך טרעט מיט אַלע כוחות,
ווו איך קאָן זיי נאָר געפֿינען

און איך וויל זיי, און איך מוז זיי
ענדלעך אַלע, אַלע טייטן,
אָך, מיר טוט אזש ווי דער פּוס שוין
פון דעם פּ י ל ן, פּ י ל ן טרעטן..."

וועט איר פילן דעם אייגענעם טעם, ווי — ווען גאָלדנפאַדנס מוזע באָדט זיך אין אַ „פּאָמאָיניצע". אָדער „הייסט דעם הונט אָנטון אַ טראָמבע" און שעלט, ווי אַן אמתע פּשעקופּקע. ג ו ט לעזט זיך דער פעליעטאָן פון הנ"ץ, „אַן אַלט געשריי מיט נייע ווערטער" מיט זיין קאָמישער סטאַטיסטיק. פוןביידע רעפעראַטן איבער „שפה־ברורה" פון יה"ז און לעווינסקי לוינט שוין ה י י נ ט נישט צו רעדן, ווייל — איך וויל מיין מויל צו קיין בייזן נישט ברענגען — די שפה־ברורהס זענען נאָך קיין תחית־המתים נ י ש ט אויפגעשטאַנען. דער „מחבר פון האָדל", ליעוו, האָט נעגעבן „די חלוקה", אַן אויסגעצייכנט אויפגעשריבן געדיכט, וואָס פּאַסט גאָרנישט פאַרן מחבר פון.. דער אָנגעשלעפּטער קרענק „האָדל". די „עצה אויף אַן עצה" שרייבן מיר אויפן חשבון פון אַ וויכוח צווישן צוויי ליטעראַטן, פון וועלכע מיר וואָלטן גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ מיאוסקייט געהערט, ווען נישט, וואָס זיי זענען ביידע אַזוי שטומפּיק אויף דער עיברי, אַז מען פאַרשטייט ביידע נישט אַ וואָרט.

.1891

„ארגענטינע"

און איר רעצענזענט פון „וואסכאד"

אזוי ווי עס איז ארויס א בת־קול, אז דער באראן הירש קויפט ערד פון יידן־וועגן אין א ר ג ע נ ט י נ ע, האט זיך אנגעהויבן אן עמיגראציע. אלע צייטונגען זענען פול געווען מיט ידיעות פון עמיגראנטן, וואס האבן זיך ארומגעוואלגערט אין אויסלאנד אן הילף, אדער וואס „גוטע ברידער" האבן זיי באלד ביי דער גרענעץ באראבעוועט... אויך זענען געווען פארשידענע קארעספאנדענציעס וועגן דעם שלעכטן באהאנדלען, וואס די עמיגראנטן ליידן פון די שיפס־קאפיטענס. אלע צייטונגען האבן געווארנט דאס פאלק פאר עמיגרירן אן פעסער, אן א ס ד ר און פאר דער צייט. באלד דערנאך איז נעגאנגען פון האנט צו האנט אן אויטענטישער בריוו פון באראן הירש, אין וועלכן ער בעט זיינע „ברידער", זיי זאלן זיך נישט איילן און אויסהאלטן די צייט.

דאמאלט האט די רעדאקציע פון דער „יידישער ביבליאטעק" באאויפטראגט א געוויסן שרייבער, ער זאל צוזאמענקלייבן אלעס, וואס עס איז פארעפנטלעכט געווארן וועגן ארגענטינע, און שרייבן דעריבער א קליינע בראשור פארן פאלק, כדי אלע זאלן וויסן, אז די עמיגראציע אן א סדר איז אן אומגליק פאר די עמיגראנטן.

די בראשור איז אויפגעשריבן און געדרוקט געווארן (מיט א קאליר־טער מאפע). דער „מחבר" האט זיך נישט געוואלט אונטערשרייבן, ווייל אין דער בראשור איז נישטא אייןווארט זיינס, אלץ איז גענומען פון קארעספאנדענציעס, בראשורן און וויסנשאפטלעכע ווערק.

צו וואס פאר א ציל פירט די בראשור?

אין ערשטן קאפיטל באשרייבט זי ווי עס גייט צו דעם אומגליקלעכן עמיגראנט, אויב ער פארט אן א פאספארט און אן געלט, און אן צו וויסן ריכטיק דעם וועג, דער פירק ענדיקט זיך מיט אן עצה, אז ווער עס וויל

פּאָרן, זאָל האָבן: 1) אַ פּאַס, 2) געלט אויף הוצאות, 3) זאָל באַקאַנט זיין מיט דער נסיעה און 4) היטן זיך פאַר מעקלערס, נאָר גלייך אַלץ אַליין זיך באַזאָרגן.

דער צווייטער פּירק באַשרייבט, ווי שלעכט עס איז דעם אָרעמען עמי־גראַנט אויף דער שיף. נאָר דאָס אַליין דאַרף נישט אָפּשרעקן — „יעדער וועג אין גן־עדן אַריין איז שלעכט, און אַרגענטינע דאַרף און קאָן זיין אַ גן־עדן".

דער דריטער פּירק באַשרייבט די אַרגענטינישע רעפּובליק, אירע גרענעצן, אירע בערג און טייכן. דער פּירק דערציילט, אַז „דער קלימאַט איז איבעראַל גוט". פון דעם פּירק ווערט מען אָבער אויך געוואָר, אַז' אויסער דורכויס פרוכטבאַרע און גוטע ערד, איז דאָ מידבריות אויך, זאַלץ־ערטער, וו עס וואַקסן גאַרנישט, אויסער זאַלץ־געוויקסן; ערטער, וו אַז מען פאַרזייט, רייסט איבערנאַכט דער ווינט אויס די זריעה... און דערפון קומט אַרויס אַן אזהרה, אַז ביים פעלד־קויפן מוז מען זיין געוואָרנט און באַהיט מען זאָל זיך נישט אָפּנאַרן. דער פּירק ענדיקט זיך מיט דעם, אַז דעריבער איז זייער שלעכט „דעם עמיגראַנט אָן לשון, אָן אַ מויל, אָן געאָגראַפיע אין דער פרעמד".

דער פערטער פּירק רעדט פון די איינוווינער און עמיגראַנטן. עס ווייזט זיך אויס, אַז אויב אַלע יאָר וואַקסט די צאָל פון אימיגראַנטן (מענטשן, וואָס קומען אַ ר י י ן קיין אַרגענטינע), וואַקסט אויך די צאָל פון עמיגראַנטן (מענטשן, וואָס וואַנדערן צוריק אַרויס). דער פּירק ענ־דיקט זיך דערמיט, „אַז דאָס קומט פון דעם, וואָס מען עמיגרירט געוויינ־לעך אָן אַן אמתן ישוב, מען גלייבט באָבע־מעשה'ס, מען גלייבט אין גליקן, וואָס זענען נישט געשטויגן, נישט געפלויגן; און דערנאָך, אַז מען קומט אַהין, אַז מען ווערט געוואָר, אַז פעלדער מיט בהמות, מיט הייזער קריגט מען (אין ערגעץ) נישט אָן געלט, אַז אַליין וואַקסט נישט, און מען מוז אומעטום שווער אַרבעטן אויף ברויט, הייבט מען אָן צו בענקען אַהיים וכו'".

דער פינפטער פּירק הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„און אַרגענטינע ברויך און קאָן ערנערן מענטשן!" דער פּירק ווייזט אויס מיט ציפערן, ווי ווייניק מענטשן עס איז דאָ אין דעם געבענטשטן לאַנד אויף אַ קוואַדראַטנע מייל, ווי ווייט עס פעלן דאָרט הענט צו דער אַרבעט.

„און אַלץ אין אַרגענטינע וואַקסט און הייבט זיך: דער אַקערבוי, דער האַנדל וואַקסן פון טאָג צו טאָג", און דער פּירק רעכנט אויס כסדר,

וואָס עס ווערט פּאַרזייט, אַריין און אַרויסגעפירט, וואָס פאַר אַ מעטאַלן עס פאַרמאָגן די בערג, ווי גרויס עס איז דאָרט דאָס געשעפט מיט בהימות, און ווי ווייט אַלערליי אינוועסטאָרן האָדעווען זיך דאָרט אויסגעצייכנט.

דער זעקסטער פּירק ווייזט דאָס אייגענע אויס וועגן האַנדל.

דער זיבעטער פּירק ווייזט אָבער אויס ווי געפערלעך די עמיגראַ־ציע איז פאַר איינצלנע עמיגראַנטן; רעדט דערפון, ווי זיי ווערן באַ־שווינדלט דאָרט פון פּריוואַטע מענטשן און פון דער רעגירונג.

ענדלעך דער אַכטער און לעצטער פּירק זאָגט: „היוצא לנו מדברינו: אַרגענטינע קאָן זיין אַ גן־עדן, עס זאָלן זיך דאָרט אויף אַמאָל באַזעצן אַ סך פאַמיליעס, זיי זאָלן קאָנען מאַכן אַ גרויסע קאָלאָניע, זיי זאָלן זיין בכוח זיך ווייטער צו אַנטוויקלען, זיי זאָלן קריגן ערד אין גוטע פּונקטן, און זאָלן זיין באַוואָרנט מיטן אייגנטום.

כדי דאָס זאָל קאָנען צו שטאַנד קומען, מוז אויפהערן די מהומה, מוז מען וואַרטן ביז די רעגירונג וועט דערלויבן, און דער באַראָן הירש, וואָס גיט אַוועק אויף דעם ציל זיין גאַנץ פאַרמעגן, זאָל אויסגסדרן די עמי־גראַציע...״ די בראַשורע ענדיקט דערמיט, אַז —

„אַרגענטינע איז אַ גן־עדן פאַר אַ ריכטיקע, געסדרטע עמיגראַציע און אַ בית־הקברות פאַר אונדזערע עמיגראַנטן״.

איר זעט לייכט אַרויס דעם צוועק פון דער ב ר אָ ש ו ר. דער לע־זער ווערט דורך איר באַקאַנט מיט אַלע מעלות פון אַרגענטינע, מיט איר האַנדל, אַקערבוי, באַרג־ווערק וכו׳, נאָר אין איין וועגס לערנט מען אים, ער זאָל נישט איילן, נאָר וואַרטן, ווי באַראָן הירש בעט זיך, ביז די עמי־גראַציע וועט איינגעאָרדנט ווערן. —

די בראָשור האָט אָבער אויסגעזען ווי אַ הפקר (ווייל דער מחבר האָט זיך נישט געוואָלט חתמענען) און צוויי נישט גלייכע מענטשן האָבן זיך באַנוצט דערמיט.

איינער האָט אָפּגעשניטן דאָס לעצטע בלעטל, איינגעקלעפּט אַן אַנ־דערס, און אויפגעסטעמפּלט זיין אַדרעס און אַ פּרייז פופצן קאָפּ. — דאָס איז געשען אין וואַרשע.

און דער צווייטער האָט געמיינט, אַז די בראָשור איז געפונען גע־וואָרן אין מיסט און האָט איר אַ קאָפּ געטון — און דאָס איז געשען אין פּעטערסבורג, אין ניעדעלנאַיאַ כראָניקאַ פון „וואָסכאָד״ (טויזנט אַכט הונדערט איין און ניינציק, נומער צוואַנציק); ער דערציילט, אַז די בראָ־

שור איז געשריבן געוואָרן מיאום צו מאַכן אַרגעמענטינגע, אַז זי רעדט אָפּ, נישט פון אַן אומבאַרעכנטער עמיגראַציע, נאָר פון עמיגראַציע בכלל, מאַכט חוזק פון „מחבר", און רעכנט אים צווישן די, וואָס ווילן בראַיען קעגן באַראָן הירש.

יעדעס וואָרט — אַ באַזונדערער שקר.

נאָר — ביידע האָבן עס געטון פאַר הונגער; דער ערשטער צו ברויט, און דער צווייטער צו אַ סקאַנדאַל, צי אַ ציפּ עמעצן ביי די האָר, אַ ביס מיט די ציין...

די „תאווה" צו ברויט און — עמעצן אַ ציפּ צו טון, האָבן טאַקע אַ גרויסן כוח — נאָר צי הייסט עס ערלעך געהאַנדלט? עסקת באמונה?

1891

דער יידישער פעלד־אַרבעטער

**„אַ מעטאָדע צו ערלערנען (ווי אַזוי מען באַדאַרף צו באַאַרבעטן
די ערד) אין יעדן (?) אָרט און (?) אַלע (!) ידיעות
וואָס אַ פעלד־אַרבעטער מוז וויסן"**

פון מיכל וועבער

„באארבעט לויט פראקטישע מ ע ט א ד ן צום נוצן פאר אונ־
דזערע ברידער (!) וואס ווילן ערלערנען לאנד־בוי:"
אזוי זאָגט דער שער, וואס איז געשריבן אויף פאטריאטיש לשון
און — „נוח מיט זיבן גרייזן".
אין דער פאָרעדע בארימט זיך נאך הער וועבער, אז —

„דער הויפט איז אין זיין ספר דער ק י צ ו ר!"
„ער האָט זיך באמיט ווי ווייט מעגלעך צו שרייבן קורץ,
וואס אן אנדערער וואלט באדארפט באשרייבן אויף הונדערט
בויגן — די צייט איז טייער!"

אויך זאָגט ער — אז די ארבעט איז אים נישט גרינג אנגעקומען.

„זי האָט מיך געקאָסט פיל מי און שוויים, איך האָב
דורכשטודירט פיל ביכער פון ת ו ר ת פעלד־ארבעט (!)
איך האָב מיך (!) באנוצט מיט (!) די בעסטע (!) מעטאָדעס,
און אחוץ דעם האָב איך נאך געזען פון פראקטיק זיך אליין
אין אלעם צו איבערצייגן".

הער וועבער איז אונדז מבטיח, על־כל־פנים פארהאָפט ער, אז —

„נאָך דעם ווי איר וועט דורכזען (!) גוט מיין ספר און
וועט זיך נעמען צו דער ארבעט, וועט איר אין א גאנץ קור־
צע צייט זיין פאָלקאָמענע קאָלאָניסטן" —

דער עיקר מיינט ער די עמיגראַנטן:

„אויב דו, ברודער, פֿאַרסט מיט ערלויבעניש פֿון אונ־
דזער רעגירונג אין אַרגענטינע, אין דעם באַראָן הירשס קאָ־
לאָניעס, וועסטו אויף דער שיף גענוג צייט האָבן צו איבער־
לעזן מיין ווערק, און קומען אויפֿן אָרט מיט אַלע ידיעות,
וואָס זענען נייטיק פֿאַר אַ קאָלאָניסט."

נאָר יענע קאָלאָניסטן זענען אויך קונים:

„און אַפילו אויב (!) דו פֿאָרסט נענטער, אין ארץ־
ישראל, איז אויך גענוג די נסיעה, אָדער עטלעכע וואָכן פֿריער,
אויף דורכלעזן אַמאָל צוויי־דריי מיין ספר."

אויב עס האָט זיך קיין איינציקער יידישער אַגראָנאָם נישט גענומען
אַרויסצוגעבן אַזאַ נוצלעך ווערק, האָט דער הער וועבער געהאַט פֿאָלקאָמען
רעכט מקיים צו זיין „במקום שאין אנשים השתדל להיות איש"... נאָר
ער האָט געמעגט יוצא זיין:

1) מיט א י י ן מעטאָדע צום איבערזעצן, ווייל צו אַ קאָמפּילאַ־
ציע דאַרף מען זיין אַ ס פּ ע צ י אַ ל י ס ט, און אַ פּאָר וואָכן שטודירן
(אַפילו מיט נויט און שוויים) מיט נאָך עטלעכע וואָכן „פּראַקטיקע", זע־
נען פֿאַרט צו ווייניק דערצו.

2) אויפגעבן די קוועלן (די נעמען פֿון ספרים און מחברים), פֿון
וועלכע ער האָט געשעפּט, אויפֿן אָרט פֿון איינען שטודירן און „פּראַקטי־
קע", ווייל די קלענסטע פ י ר מ ע פֿון אַן אמתן אַגראָנאָם איז נאָך אַלץ
מער ווערט, ווי גלאַטע שוויים און פּראַקטיקע... און —

3) מיט קלענערע ת ק י ע ו ת פֿון רעקלאַמען־שופֿר...

דאָס ווערק (אויסערן שער) איז דאָך געשריבן ריין, פֿאַרשטענדיק,
און כל־זמן עס וועט קיין אַגראָנאָם קיין בעסערס נישט אַרויסגעבן, וועט
עס דאָך ניצלעך זיין פֿאַרן פֿאָלק. —

1891

„ספר היהודי הנצחי"

(„דער עוויגער יודע")

(אָדעסאָ תרנ"א)

קינד־און־קייט זיצט רייטנדיק אויף „ישראליקן", און עס איז אַ קאַץ־מוזיק פון פאַרשידענע קולות, פאַרוואָס זאָל אַיין חיים־שלום סליווקין גיין צו־פוס און דאָס מויל נישט עפּענען? מר חיים־שלום סליווקין ווילט זיך נעבעך זיין חזן אין דער מעגישער שיל, ער שרייבט על־כל־פנים דעם שער אויף לשון־קודש, צום סוף ספר בעט ער אויף לשון־קודש דעם לעזער, ער זאָל אַלע גרייזן אַרויפֿליינן אויפן בחור הזעצערס חשבון; אויך וואָרנט ער אויפן אייגענעם לשון, אַז: „ווער עס וועט די העזה האָבן צו דרוקן (!) דאָס ספר אָן זיין וויסן, וועט ווערן געשטראָפט על־פי חקי הממשלה יר"ה", נאָר אַפּנים עס גייט נישט און מר חיים־שלום סליווקין מוז אַריינקריכן אין פּאָס, אין עזרת־נשים, און איבערזעצן פאַרשידענע זאַכן, וואָס מען הערט אונטן אין דער מענער־שיל. אַז אין שיל, וו מר חיימשלום סליווקינס פּאָס און ווייבערשטייען, הערט זיך נישט קיין נייעס, זעצט ער זיי איבער אַלטע זאַכן, און אפילו אַזוינע, וואָס מיין עלטער־באָבע האָט אינעם טייטש־חומש געלעזן — וועגן ביתר, טיטוס מיטן יתוש, וכדומה היסטאָרישע זאַכן, וואָס זענען זייער וויכטיק פאַר אַ יידישער נשמה, וואָס וויל זיך וואַרעמען ביים פייער־טאָפּ און אַנטלויפט פאַר דער זון! ער כאַפּט אַריין איינמיטן אַ פּאָר לשון־קודשדיקע ציטאַטן, וואָס געהערן נישט צו דער זאַך, און אַלץ — כדי די ווייבער זאָלן מיינען, אַז ער איז אַ געבויר־ענער מעגישער חזן!

„די יודישע היסטאָריע — גיט זיי מר חיים שלום סליווקין צו פאַרשטיין באַלד פון אָנהויב, (אונטער דער העברעישער מאָטאָ: „כי תעבור במים אתך אני") — די יודישע

ה י ס ט אָ ר י ע אין אַלגעמיין (ביכלל) די אַלע באַגעבנהייטן, וועלכע האָט פּאַסירט מיט יידן ציט זיי זענען געוואָרן אַ פאָלק, זייערע אייגנשאַפטן און טוגנדן (מעלות און מידות-טובות), זייער גרויסן געפיל איבערהייבט (אַזוי איז דאָס וואָרט אויסגע-לייגט אינעם גאַנצן ספר) זייער גרויסן מוט, זאָגאַר ביי די ערגסטע ציט — איז דיזעם אַלעם געשריבן און געצייכנט זאָ ד ר י ק ל ע ד און דייטענד".

אמת פיין!

„דער עוויגער יודע" האָט דריי בענדער. פאַרן ערשטן גערדוקטן באַנד, וואָס איז דורך און געשריבן מיט אַזאַ לשון, מיט אַזאַ קלאָרן פאַרשטאַנד, מיט אַזאַ היים געפיל; פאַרן ערשטן גערדוקטן באַנד, פון וועלכן יעדעס וואָרט איז אַ מ צ י ב ה מיט היעראָגליפן1), יעדער זאַץ איז אַן אוצר פון אומוויסנהייט און איין זייטל איז סותר דאָס צווייטע, און זאָגט פונקט קאַפויר 2), פאַר דעם ווערק הייסט זיך מר חיים־שלום סליווקין צאָלן פינפאונזיבעציק קאָפּיקעס. און אַ געוויסע צייטונג האָט עס גערעכנט צווישן די „נייע ניצלעכע זשאַרגאָן־ווערק".

1891

---

1) דאָס אלטע סודות־כתב (פאַר אונדז) אין מיצרים.

2) אויף איין אָרט, למשל, זענען די, וועלכע האָבן נישט געלאָזט שלום מאכן מיט די רוימער, הייליקע גיבורים, בשעת ווען אויפן צווייטן אָרט זענען זיי פריצים, און בר־יונהס לויט דער הגדה.

י״ז בן אריה: אַ וועלט מיט וועלטעלעך

(ווילנע, תרנ״ד)

דער מחבר וויל, אַז מיר זאָלן זיך איבערצייגן, אַז 1) די ערד איז קיילעכדיק, נישט אַ ברעט מיט זייטן און עקן, 2) אַז זי באַ־וועגט זיך אַרום דער זון, נישט די זון אַרום איר, 3) אַז די ערד ציט צו זיך צו אַלץ, פּונקט אַזוי ווי זי אַליין ווערט צוגעצויגן צו דער זון און 4) אַז דורך דער אַטראַקציאָן (אַזוי הייסט די קראַפט, מיט וועלכער איין קערפּער ציט צו דעם צווייטן) באַוועגן זיך די הימלישע קערפּער (זון, לבנה, שטערן, ערד) איינס אַרום צווייטן...

נאָר, כדי מיר זאָלן וועלן זיין זיינע לעזער, כדי מיר זאָלן וועלן נע־מען אין האַנט אַריין אַ וויסנשאַפטלעך ווערק, נישט סאַמע באָבע־מעשׂות און ראָמאַנען, נאַרט אונדז בן־אריה אַריין אין ביכל, ווי אַ מלמד נאַרט דאָס קינד צום אלף־בית... דער רבי זאָגט אים צו אַ פּייגעלע, און י״ז בן אריה — אַ „העכסט אינטערעסאַנטע ערציילונג״! דערזעענדיק דעם שער — רעכנט דער מחבר — וועלן מיר נישט קאַרגן די צען קאָפּיקעס און דערנאָך איז פאַרפאַלן! מיר וועלן שוין אונדזער געלט דורכן פענצטער נישט אַרויסוואַרפן און וועלן שוין דורכלעזן דאָס ביכל...

נאָכן שער גייט אַ הקדמה: „נישט אַלע מענטשן — זאָגט דער מחבר — האָבן (די) מעגלעכקייטן אין זייער יוגנט צו לערנען (אַ) וויסנ־שאַפט״ — טייל ווערן געבוירן ביי אָרעמע עלטערן... (אין דער שווערער אַרבעט) גייט אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר און מען וואַקסט אויס גאָר אָן ווי־סנשאַפט״. נאָר מזל איז ביי גאָט (אין דער האַנט), דאָס אָרעמע קינד... ווערט רייך... וואָס טוט עס אָבער אָן וויסנשאַפט? ... אַט „פאַר אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן נישט פאַרשעמט ווערן קעגן די געלערנטע״ — זאָגט י״ז בן אריה — שרייבט ער זיין ביכל.

נאָר מיינט נישט, אַז ער שרייבט דווקא נאָר פאַר די, וואָס וועלן אַמאָל רייך ווערן, אָדער דווקא נאָר פאַר די, וואָס וועלן האָבן די גע־

לעגנהייט פֿאַרשעמט צו ווערן פֿאַר געלערנטע... איך בין אים אין דעם גישט חושד! די הקדמה זעט אויס, איז, גלאַט אַזוי, געשריבן אין איילעניש און איז אַרויס אָן הענט און פֿיס... וואָרום י"ז בן אריה פֿאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז פֿאַר אָרעמע לייט, וואָס ווערן רייך, איז נישט כדאַי צו שרייבן, ווייל — עס טרעפֿן זיך אַזוינע לייט וואָס אַ טאָג ווייניקער און ווייניקער... אויך ווייסט י"ז בן אריה, אַז אָרעמע לייט דאַרפֿן מער וויסן ווי רייכע און דאָס וויסן קומט זיי אויך מער צוניץ. פֿון אמת וויסן האָט מען, אַוי־סער דעם גייסטיקן פֿאַרגעניגן, אויך — פּרנסה, ברויט און גאַנץ אָפֿט אויך מיט פּוטער! די בושה, וואָס דער אומגעלערנטער האָט פֿאַרן גע־לערנטן, איז אויך אַ זעלטענע זאַך, מערסטנטיילס געשעעט פֿאַרקערט... מיר שעמען זיך אַ סך מער מיט אַ צעריסענעם שטיוול, ווי מיט אַ ליידיקן מוח, און אויך — די בושה, וואָס איינער צווישן הונדערט ליידט, אַז ער ווייס נישט דאָס, וואָס יענער ווייס, איז נאָך נישט דער עיקר... די בושה קאָן זיין אַ ניצלעכע זאַך, נאָר אין לעבן פֿירט זי געוויינלעך נאָר צו עטלעכע ווערטער פֿראַנצויזיש און אַ קאַדריל...

וויסן אַליין איז ניצלעך און נייטיק, און דאָס האָט ה' י"ז בן אריה גערדאַרפֿט באַווייזן אין זיין הקדמה, אָדער זיך אָן אַ הקדמה באַגיין.

נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט. די הויפּט־פֿראַגע איז, ווי אַזוי ערפֿילט ה' י"ז בן אריה זיין פֿאַרשפּרעכן? האַלט ער באמת וואָרט? גיט ער אונדז אמת וויסן?

ערשטנס מוזן מיר באַמערקן, אַז ה' י"ז בן אריה מאַכט נישט קיין אונטערשיד פֿון „וויסן" ביז „וויסנשאַפֿט", פֿון „ידוע" ביז „חכמה", און, אויב ער רעדט פֿון וויסנשאַפֿט, מיינט ער נישט מער נאָר וויסן און אַזויערנאָך ווייל ער ווייניקער, אַלס ער זאָגט צו, נאָר — זאָל זיין ו ו י ס ן!

מיר האָבן דורכגעלעזן דאָס ביכל — וואָס ווייסן מיר דערפֿון? צי ווייסן מיר, באמת, אַז די ערד איז קיילעכדיק, אַז זי איז אַ קויל, נישט קיין ברויט? אַז זי באַוועגט זיך אַרום דער זון, נישט פֿאַרקערט, און אַזוי אַנדערע זאַכן?

ליידער נישט.

דער, וואָס לעזט דורך דאָס ביכל, האָט קיין איינציקן ריכטיקן באַ־ווייז, אַז עס איז אַזוי און נישט אַנדערש! ער הערט אַ פּשטל פֿון אַ מגיד, אַ מיינונג פֿון אַ בוכהאַלטער, אַ מין שיטה, אַ מוטמאַסונג — און עס פֿאַלט אים גאָרנישט איין, אַז דאָס זענען נישט קיין שכליותן, וואָס פֿליען אין דער לופֿטן, נאָר אמת באַוויזענע זאַכן, און אַזוי זיכער באַוויזן, ווי

צוויי און צוויי איז פיר! נאָכן איבערלעזן, טראַכט געווים דער לעזער: עס קאָן זיין, אַז די ערד זעט אויס ווי אַ קאַוואָן און מיר זעען אויס ווי די פליגן, וואָס גייען אויפן קאַוואָן ארום! עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון ווי אַ גלאָז וואַסער אין דער רייף, וואָס מען דרייט אַרום אויף אַ שטריקל, אָדער ווי אַ שטיינדל אויף אַ שטריקל, וואָס פליט אַרום, ווי אַ ראָד אַרום דער האַנט. עס איז קרוב לאמת... עס לאָזט זיך הערן, עס ליגט זיך אויפן שׂכל, נאָר — אַז עס איז זיכער אַזוי, דאָס ווערן מיר נישט געוואָר. קיין איינציקער וויכטיקער באַווייז, וואָס זאָל אַריין ווי אַ האָלץ־שרויף אין מוח! און אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן מיר פאַרגעסן דעם איינדרוק פון ביכל און צוריק גלייבן אונדזערע אויגן — אַז די ערד איז אַ פלאַץ מיט עקן און קאַנטן און די זון דרייט זיך אַרום איר! מיר וועלן פאַרגעסן אַזוי דעם מגיד, ווי דעם בוכהאַלטער.

און דאָך איז גענוג געווען צו דערמאָנען די רייזן, וואָס מען מאַכט אַרום דער ערד; צו דערמאָנען, אַז אַנדערש איז זיך שווער אָדער אומעגלעך פאַרצושטעלן דעם ליקוי־לבנה; צו דערמאָנען, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אונדז אַלץ נענטער און נענטער, ווערט גרעסער און גרעסער, און פאַרקערט, וואָס מער זי דערווייטערט זיך, ווערט זי אַלץ קלענער און קלענער, כאָטש מיר זעען זי איןביידע פאַלן אינגאַנצן, אַז עס פעלט פון איר נישט קיין האָר, וואָס איז אויך נישט מעגלעך, נאָר סיידן, אַז די ערד איז אַ קויל...

דאָס איז אַ שטאַרקער פעלער!

נאָך ערגער איז דאָס, וואָס דער לעזער וועט קריגן זייער אַ שלעכטן באַגריף פון „וויסנשאַפט” ביכל. עס וועט זיך אים דאַכטן, אַז וויסנשאַפט ביכל איז עפּעס אַ לייכטע זאַך, אַ שכלדיק שפּילעכל, אַ רוים, אַ שאָך — אַ פּשטל! וועמען פון י"ז בן אריהם לעזער וועט גאָר איינפאַלן, וויפל מי און מאַטער, וויפל בלוט עס האָט געקאָסט, וויפל דורות עס זענען אַריבער, וויפל צרות מענטשן האָבן געליטן, וויפל אָנשטרענגונגען מען האָט געדאַרפט, איידער מען איז צוגעקומען צו דער דיעה? עפּעס שווימט דאָך ביי אים אַרום ווי אויף אַ־וואַסער!

נאָך אַ שטאַרקערער פעלער שטעקט אין דעם ביכל: די ידיעות זענען נישט אינגאַנצן ריכטיק... דער לעזער דאַרף וויסן, אַז די ערד זעט נישט אַזוי אַקוראַט אויס ווי אַ קאַוואָן; אַז די ערד האָט נישט די קראַפט פון אַ מאַגנעט, וואָס ציט צו נאָר אייזן און שטאָל, נישט האָלץ, למשל, און פּאַפּיר, און ווערט אַליין פון גאָרנישט צוגעצויגן; און ביכלל, אַז די

אטראקציאָן איז נישט נוהג נאָר ביי ערד און זון. נאָכן משל פון מאגנעט, מוז מען דעם לעזער אויף קלאָר דערקלערן, אז א ל ע קערפּער אָן אויס־נאָמען ציען צו איינס דאָס צווייטע, אז דער כוח שטעקט אזוי גוט אינעם קלענסטן שטויב, ווי אין דער זון!...

נאָך אַ פּעלער שטעקט אין ביכל, וואָס דער מחבר האָט זיך ליב צו פארגאלאָפּירן און צו זאָגן אזוינס, אין וועלכן אלע זענען ווייניקסטנס שטארק מסופק. נאָך דער לופט (למשל) האָט ער אַ לידיק אָרט... און ע ט ע ר?

נאָר די אלע פּעלער קאָנען לייכט פאריכט ווערן ביי אַ צווייטער אויפלאגע און דאָס ווערקל קאָן ווערן ניצלעך פאר דעם פאָלק. מען דאַרף די משלים, נאָר נאָך זיי מוזן קומען קלאָרע באווייזן; מען דאַרף אַ סך ארומרעדן פארן אָנפאנגער, נאָר — מען טאָר דעם קלענסטן גרייז נישט ארויסלאָזן פון מויל... און דאָס וויסן דאַרף זיך פּאָרט נישט איינבעטן אונטער דער מאַסקע פון אַ העכסט אינטערעסאנטער ערציילונג... עס פעלט נאָך אויפן שער זאָל שטיין: אזוי אינטערעסאנט, ווי — שמ"ר!

מיר האָבן נאָך עפּעס קעגן דער שפּראַך.

צי וואָלט געשאדט מען זאָל שרייבן: ד אָ ס קינד, נישט ד ע ר קינד? ד אָ ס, נישט ד ע ר געזינדל? אָפּ (אָפּזאָגן, אָפּלערנען) נישט אָב? נישט ד ע ר, נאָר ד י שטאָט? ווען דער ליטווישער זשארגאָן זאָל וועלן נאָכגעבן די קלייניקייטן, אזוי ווי דער פּוילישער גיט נאָך אלע מאָל מער פון זיין זייט, וואָלטן מיר זיך איינס מיטן צווייטן און בײדע צוזאמען מיט אַדעם בעסער פארשטאנען.

נאָר נאָך די אלע פּעלער איז דאָס ביכל אין אלגעמיין געשריבן מיט אַן אויסגעצייכנטן הומאָר און עס לעזט זיך ווירקלעך ווי אַ דערציילונג.

דאָס ביכל איז אויך זייער ביליק: עס האָלט פּיראונזעכציק זייטן, עס האָט עטלעכע נישט שלעכטע בילדער אין טעקסט — און קאָסט אינ־גאנצן צען קאָפּ. מיט פּאָרטאָ! פאר די, וואָס ווילן (און עס איז אַ יושר) דאָס ביכל פארשפּרייטן, גיבן מיר אויף דעם אדרעס: מ. קאצענעלבויגן, בוכהאנדלונג, ווילנע.

1895

א. קאַטיקס & א. ברעסלערס אויסגאַבן

א. קאַטיקס עט א. ברעסלערס אויסגאַבן, וויסנשאַפטלעכע פֿאָלקס־ביכער. ערשטעס בוך: ווי האָבן מענטשן געלעבט מיט אייניקע טויזנט יאָר צוריק. פֿאַרפֿאַסט פון פֿאַוולאָוויטש. איבערזעצט פון קאָטיק און ברעסלער.

הערט א מעשה, וואָס איך וועל אייך דערציילן מיט קאָטיק עט ברעסלערס לשון, מיט זייער גראַמאַטיק און לאָגיק:
די מעשה איז אזוי: דער לעבן מיט די אָבסטאַיאַטעלסטוועס דרייען זיך, די פֿרעדמעטן מיט די פּאָלאָזשעניעס ראַזוויוואַיען זיך. עס איז געווען אן אומגעדענקטע צייט, וואָס אלע מענטשן האָבן נישט פֿאַרזוכט פון עץ־הדעת! די אלע פֿרעדמעטן, וואָס מיר ניצן יעצט, זענען נישט באַשאַפֿן געוואָרן ערב־שבת בין־השמשות! אין דער פֿעריאָדע (צייט) פון נאַרישע, פֿאַרגרעבטע מינהגים, פירונגען, וואָס עקזיסטירט ביי אַמאָליקע עלטערן מיטן נישט־צייטיקן און נישט־ראַזוויטנע שכל און קליינע ספֿאָסאָבנעסטן, איז פֿאָניאַמנע, וועגן ליטעראַטור מיט אירע גוטע ליבע איינדרוקן, אין זינען, ווי מיר מיינען, האָבן זיי קיין באַגריף! ביים אָטשאָג פון ליטעראַטור האָט זיך ראַספּאָריאַזשאַיעט שמ״ר און אַנדערע קליינע פֿי, וואָרדע שמ״ר, זיי אַליין האָבן דערקאַזשעט איינצוסטראָיען ביכלעך און האָבן מיטן ספּאָרטשענעם מאָזג געספּאָלניט אלע זאַדאַטשעס! די פּלאַכע קריטיק מיטן וואָרפֿנדן געווער האָט נישט געהאַט די דרייסט און די כיטראַסט צו בראַקיווען, אָביזשאַיען; זי האָט זיך, ווי אַ געפּגרט פעגל איינגעבויגן אין אַ דוגאַ און פֿאַרבאַהאַלטן אין פּעטשערים.

און שמ״רס נישט איסקוסטוויענע, נישט פּיטאַטעלנע, פֿאַנטאַסטישעסקע ווערק זענען פּאָכאָזשע אויף זשילים און וואָרדע די גראָז, וואָס וואַקסט אַליין אויף די פעלד אָן אַ געגנשטיין, אָן אַ נאַפּאַדיעניע, נאַפּראָטיוו מיט פּאָלנע אַוואַזשעניע. זיינע האָלצערנע פּלאַסטינקעס, אומגעשמירט מיט ווייכע שמירונג האָבן דעם עולם געקלונגען, ווי פֿריאַטנע בובענטשיקעס

און זיין לויב האָט זיך געהערט, ווי אויסשוס־קלאַפּן פון שטאָלערנע גע־שיקט־שיסנדע פּיסטאָלעטן!

נאָר, ווי געזאָגט, — די אַבסטאַיאַטעלסטוועס דרייען זיך — און מען האָט אָנגעהויבן וואַזשנער קוקן אויף די פעלד מיט די גראָז און די אָדער יענע געוויקסע און פאַרלאַנגט פּראָבעס אויף די ווייץ, ווערן באַ־קאַנט מיט תבואות, קריגן פּיזיטשעסקע מעגלעכקייט באַקומען שפּייז אחוץ די סטאַדע — שמ״ר עט קאָמפּאַניע.

עס איז געוואָרן אַ בורע, אַ סטראַשנע חאַלאַס! שלום עליכם האָט דער ערשטער גערעשעט צו טאָפּטשען מיט די פיס, אויסטשאַראַפּען די פּאַטשווע, צו שרייען: גראַביאָזש! און צו מאַכן אַ סילנע נאַפּאַדיעניע אויף שמ״רס קרעפּאָסטן און אוקרעפּלעניעס און האָט אים גאַנץ אַנגענעם גע־הרגעט...

און אַזש שמ״ר איז שוין טויט (אָדער אין אמעריקע), פּאַרוואָס זאָל זיה קאַטיק עט ברעסלער נישט מאַכן אַ סאָאָבשטשעניע און מיט אָבשטשע סילעס, איבערזעצנדיק דעם באַרימטן פּאַוולאָוויטש, געבן נאָכאַמאָל שמ״רן אַ קאָפּ? וואָס שאַדט עס? נאָכאַמאָל געפינען אמעריקע!

נאָר לצנות אָן אַ זייט! אפשר ווילט איר וויסן, ווי אַזוי אַ מענטש האָט זיך אויסגעלערנט רייטן? אפשר מיינט איר, אַז פּאַרציייטיקע דורות זענען געווען העבער, שטאַרקער און עס האָט זיך געקאָנט טרעפן, אַז אָדם הראשון איז גראָד געשטאַנען פאַרטראַכט איבער אַ רינשטאָק, בשעת אַ פערד איז אין אימפּעט דורכגעלאָפן דורך זיינע צעשפּרייטע פיס, און דער מענטש איז געבליבן זיצן רייטנדיק? אפשר מיינט איר גאָר, אַז אַ מענטש האָט געוואָלט כאַפּן אַ פערד, און האָט עס טאַקע אָנגעכאַפּט ביי דער טשופּרינע, נאָר ער האָט נישט געוואָלט דאָס פערד זאָל אים בייסן, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אים אויפן רוקן און איז אוועק רייטנדיק? אייך קאָן אויך גאָר איינפאַלן, אַז ער האָט געזען, ווי אַ פליג רייט אויף אַ פערד און האָט אויך געפּרוווט די זעלבע קונץ? פון פּאַוולאָוויטשן (אויב די איבערזעצער האָבן אים געטריי איבערגעגעבן) וועט איר ערשט געוואָר ווערן דעם גאַנצן אמת; די מעשה איז אַזוי געווען: דער מענטש האָט שוין געוווסט, וואָס מען מיינט אַ חמור אָדער אַ פערד, למשל; ביים אִי־בערציען פון איין אָרט צום צווייטן, האָט ער זיינע זאַכן אַרויפגעלייגט אויפן „פערדס פּלייצע" און דערנאָך איז אים ערשט איינגעפאַלן, אַז דאָס פערד קאָן אים אַליין אויך טראָגן, נישט גוט, האָ?

פון פּאַוולאָוויטשן וועט איר געוואָר ווערן אַ שכל פון אַ בער, הערט!
אַז „אַ בער שטייט שלעכט אין דער מילחמה(!) מיט זיינע שונאים (!), כאַפּט ער מיט די פאָדערשטע לאַפּעס גרויסע שטיקער האָלץ, מאַכעוועט מיט זיי און מיט דעם פאַרטרייבט ער זיינע שונאים!" איר האָט אוודאי נאָך אַזוינס נישט געהערט. עס איז אייך אוודאי שווער צו גלייבן! נאָר איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז נישט דער בער פון ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָט שוין לאַנג דעם שכל פאַרלוירן, נאָר אַן אַלטער, אַמאָליקער בער, ביי וועלכן מיר האָבן זיך (לויט פּאַוולאָוויטשן אָדער זיי־נע איבערזעצער) אויסגעלערנט באַנוצן זיך מיט אַ שטעקן!

דער מענטש האָט אַ מעלה, אַז ער קאָן רירן, אַרבעטן מיט זיין מאַרך פון קאָפּ, וואָס גיט אים מעגלעכקייט מיט אַזוינע זייטיקע קלוגע מיטלען דערפילן זיין געברויך, וועלכעס מיט זיין קערפּערלעכן בוי איז ער נישט אימשטאַנד דאָס צו באַקומען און „קאָן וואַרפן אַ שטיין אָדער אַ שטיק האָלץ אויף אַ ווייטע שטרעקע און הרגענען דערוויל זיין שונא, די וויל־דע טיר, איידער זי אויספּעיעט צו גיין צו אים", נאָר האָבנדיק מאַרך אין קאָפּ, און קאָנענדיק מיט אים רירן, האָט ער דאָך געמוזט אַ סך לערנען, איידער ער האָט געקריגן, למשל, „אונדזער וויסן וועלכע שפּייז און גע־טרענקע דערוואַרעמט דעם קערפּער" ווי אַזוי „צו פאַריכטן די פעלערן פון די נאַטור".

נאָר אַמוויכטיקסטן איז צו וויסן, ווי אַזוי דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן אַ בויגן! דערצו דאַרף מען פאַרשטיין דעם דין פון עלאַסטיציטעט (דאָס צוריקשפּרינגען פון פאַרשידענע קערפּער) און פּאַוולאָוויטש ווייס דעם דין און פאַרציילט כהוויה, ווי אַזוי עס איז געווען:

„וויינענדיק אימער אין וואַלד און קוקנדיק אויף אַלעם, וואָס גע־פינט זיך אַרום אים, האָט דער מענטש געמוזט נישט ווילנדיק באַמערקן די נאַטור פון די חיות, אויך די נאַטור פון דיביימער, עס האָט זיך גע־טראָפן, אַז וועלנדיק כאַפּן אַ פויגל(,) וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ צווייגל און איינבויגנדיק דאָס(,) אום צו כאַפּן די פייגל, ווען ער האָט גראָדע נישט ווילנדיק אָפּגעלאָזן דאָס צווייגל, איז מיטן קלאַפּ, וואָס זי האָט געגעבן, קומענדיק צוריק אויף איר אָרט, איז דאָס פויגל געהרגעט געוואָרן! דאָס האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ געדאַנק(,) באַנוצן זיך מיט דער קראַפט פון איינגעבויגענעם האָלץ און אַזוי איז אַרויסגעקומען אַ בויגן".

און אַזוי איז אַרויס דער „פּערוואָביטנער" אַמאָליקער בויגן! אַלע

קאָנען זיך אינטערעסירן מיט דער פראַגע, ווי אַזוי אַ מענטש האָט זיך אויסגעלערנט „באַהאַלטן אויף שפּעטער". מען ווייסט, אַז די ווילדע פעלקער האָבן דערפון קיין באַגריף נישט, אַז דאָ פרעסט מען צעזעצטערהייט, פאַרפעלט עסנוואַרג — שטאַרבט מען פאַר הונגער. נאָר פּאַוולאָוויטש איז צו אָריגינעל, ער זאָל זיך אינטערעסירן מיט דעם, וואָס אַלע אינטערעסירן זיך. פרעגט ער פאַרקערט: ווי אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט צו וויסן, אַז פלייש קאָן מען נ י ש ט באַהאַלטן? און פּאַוולאָוויטשעס שיכל, געקליידט אין קאָטיק עט ברעסלערס פאָרעם, ענטפערט כהאי לישנא: מען דאַרף —

„געדענקען אין די גוטע צייט, אַז עס קאָנען קומען שלעכטע,
און איבערלאָזן אַ פּאָדראַטה (זאַפּאַס), דאַן ווען עס איז דאָ אי-
בעריק אויף די צייט, וואָס וועט פעלן. אַלזאָ, נאָכדעם ווי ער
האָט זיך זאָ באַטראַכט, ווען עס האָט אים געגליקט, למשל, אַמאָל
אויף דער פּאָלעוואַניע, האָט ער באַהאַלטן אַ זאַיאָנץ (האָז) מיט
אַ פּאָר פעגל, ווי מען זאָגט, נאַ טשאָרני דיען, אויף מאָרגן איז
איהם גראַדע איינגעפאַלען איבערצובייטען דעם אָרט. ער גייט,
טראָגט זיך מיט דער משא אויף די פּלייצעס און עס איז אים צו-
ליב דעם דער גאַנג שווערער. ער פאַרמאַטערט איהם, ער קאָן זיך
נישט ריהרען, ער איז עפּעס ווי געבונדען, דעריבער האָט ער
נישט געקאָנט כאַפּען צוויי הערשן, וועלכע זענען איהם פאַרביי-
געלאָפען אויפן וועג. נור פונדעסטוועגען האָט ער ווי עס איז
פאָרט געכאַפּט אַ טהירכען (אַ חיהלע), האָט ער זיך אָנגעגעסן און
גייט ווייטער און צופרידן מיט דעם, וואָס זיין זאַפּאַס איז גאַנץ
און קאָן אים נאָך דינען אַמאָל אין אַ נויט. און איניגע טעג
אַרום איז טאַקע געקומען דער טאָג, אויף וועלכן ער האָט זיך
שטאַרק געריכט און אונזער ווילדער נעמט זיך צום פּעקעל, ווו
עס ליגט דער זאַפּאַסנער זאַיאָנץ, אָבער דער לעצטער איז נישט
געלעגען אויף אַ לעדניק, נאָר די הייסע שטראַלן פון דער זאָנע
האָבען איהם געוואַרעמט, דעריבער איז ער געוואָרען פאַר'עיפּוש'ט
און פאַרוואַרעמט. דער יעגער ווערט בייז אויף דעם זאַיאָנץ,
וואַרפט אים אַוועק און נעמט זיך צו די פעגעל, נאָר דאָ זעהט
ער איז אויך דאָס זעלבע, ווי ביים זאַיאָנץ. „נו, קלערט ער, שוין
גלייכער ליידן אַביסל הונגער, איבערקוממען ווי עס איז מיט
אַביסעל יאַגדעס, שוואָמען, אײדער עססען אַזאַ שמוץ, נאָר צו
וואַס האָט מיר נאָך געטויגט טראָגן אַזאַ פאַרדאָרבענעם
עססען, וועלכעס איך קאָן נישט געברויכען? צו וואָסערע כפּרות
האָב איך מיך איינגעמאַטערט מיט דעם, און לא-די וואָס איך האָב
מיך נאָר דערשוויצט ביי איר, האָט זי מיר נאָך געשטערט כאַפּן
דעם געשמאַקען' הערש", הכלל, דער ווילדער איז געקומען צו דער
דעה, אַז קיין זאַפּאַסן מיט פלייש קאָן מען נישט מאַכן..."

אַזוינע פּערל פון חכמה, שכל-הישר, גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע געפינט מען אינעם קליינעם ביכל פול און פיל! אַלץ איז אָנגעוויזן „אי-

בער איין אויער", אַלץ איז אַרויסגעזאָגט, ווי פון אַ שטומען און אַלץ איז געשריבן „נוח מיט זיבן גרייזן".

עס איז אונדז שווער געווען צו באַקומען דעם אָריגינאַל, אום צו ווינסן, צי האָבן מיר די אַלע דומהייטן צו פאַרדאַנקען פּאַוולאָוויטשן אַליין, אָדער זיינע איבערזעצער. נאָר פאַר אונדז איז עס נישט וויכטיק: גענוג, אַז דאָס פאָלק קריגט אין דער האַנט אַריין אַ ווערקל, וואָס קאָן נישט ליב־טיק, נאָר פינצטער מאַכן אין מוח.

1895

ספר הברית

דער ווארשעווער דרוקער ט... ארבעט לטובת הכלל! אז די שריפט אין דרוק שטייט ליידיק — שרייבט ער אליין אן א ספר, אדער ער פאריכט א באנד שעקספיר און גיט עס ארויס אויף דער ליכטיקער שיין; א נישט, דרוקט ער איבער דעם „ספר הברית". —

„דאס ספר, (לויט ה' ט... שרייבט אויפן שער), האט געשריבן בקדושה ובטהרה אויף לשון הקודש, דער הייליקער חכם — הרב רבי פינחס מווילנא ז"ל, און עס שיינט אויף די יידישע הימלען, ווי די הערלעכע זון... איבערזעצט האט דאס ספר דער בארימטער מעתיק הר"ר יוסף מאיר יעבץ נ"י, כדי צו באלייכטן די אויגן פון די מענטשן, וואס פארשטייען נישט קיין לשון קודש".

דער „ספר הברית" האלט גאנצע 106 זייטן, און קאסט נישט מער ווי 40 קאפ. און דאך וויפל נייעם דער יידישער לעזער ווערט דערפון געוויר!...

לויט דעם אלטן ספר הברית טיילט זיך נאך די ערד אויף אזיע, אפ־ריקע, אייראפע און אמעריקע — פון אויסטראליע איז נאך קיין זיכר נישטא... אויך טיילט זיך נאך די וועלט, ווי אין אריסטאס גוטע צייטן, אויף די אלטע פיר יסודות: ערד, וואסער, לופט און פייער... און גאטס וואונדער איז, לויט דעם „ספר הברית", נישט משער צו זיין! „עס זענען, זאגט ער, פאראנען באשעפענישן, וואס ווערן געבוירן פון פייער און לעבן נאר אין פייער! אויף אן אינדזל, דערציילט דער „ספר הברית", האט מען געזען, ווי אין א אויוון, וו מען מאכט אייזן, זענען ארומגעפלויגן פיל לעבעדיקע פליגן, און אז זיי זענען ארוים פון פייער, זענען זיי געווארן טויט, ווי אלע טויטע"... אז די סלמנדרא ווערט אין פייער געבוירן, דאס ווייסן שוין אלע בטלנים, נאר אויף אן אינדזל (הרוצה לשקר ירחיק עדותו — ווער עס וויל א ליגן זאגן, זאל דערציילן פון ווייטע ערטער) האט מען געפונען אן עקדיש, די לענג איינגאנצן א פערטל אייל, גראב ווי

א פינגער, מיט א שווארצן רוקן, א גרין בייכל, און דער עקדיש האָט גע־האט אויפן רוקן צוויי בלעזלעך, ענלעך צו צוויי מכות!... און אזא עקדיש, געוואָרפן אין פייער אריין, שפּארט ארויס א מין שפּייעכץ, פון דעם שפּיי־עכץ ווערט דאָס פייער תיכף פארלאָשן און דער עקדיש — אנטלויפט!...

ווען עס זאָלן זיין אזוי עקדישן, למשל, אין ווארשע, וואָלט מען פון קיין שריפות נישט געקאָנט האָבן א דרייער...

אויך טייכן זענען פאראן גאָר ווונדערלעכע! עס איז דאָ (ווו, איז נישט אייער, נישט מיין דאגה) א ווונדערלעכער טייך: לאַנג איז ער א מייל, ברייט א האלבע מייל, — יעדן זומער ווערט אין אים דאָס וואסער אויסגעטרוקנט און, ווער אין גאָט גלויבט, גייט צו און נעמט מיט די בלויזע הענט ארויס די פיש, וואָס בלייבן ליגן אויף דער ערד!... און דער אָרע־מער לעזער קרעכצט ווייטער: ריבונו־של־עולם, ווען מיר האָבן, חס־וחלילה, אזא טייך הינטער ווארשע, וואָלט א האלבער „אייזערנער טויער"1) די פרנסה פארלוירן... עס וואָלט געווען פיש — האָלץ צוגלייך...

נאָר נישט אַלע נסים זענען געפּערלעך פאר יידישע פּרנסות...

דער „ספר הברית" זאָגט, אז דער אפודי שרייבט, אז עס איז פאראן אזא מין פיש, וואָס שווימט יעדן פרייטיק פארנאכט ארויס פון ים און בלייבט ליגן אויפן ברעג ביז מוצאי־שבת... צי זינגט ער זמירות, ווייסט מען נישט, נאָר שבת, אפּנים, מאכט ער... און דער פרומער פיש, וואָס וויל שבת־קודש אין ים נישט שווימען, האָט פאר דאָס א זכיה, אז א קלייד, וואָס מען מאכט פון זיין הויט, איז נאָך טייערער און נוצלעכער פאר סלמנדרא־בלוט און עקדיש־שפּייעכץ, ווייל „דאָס קלייד לאָזט נישט דורך נישט קיין פייל, נישט קיין שפּיז"? צי דאָס קלייד לאָזט אדורך קוילן פון הארמאטן, רעדט נישט דער „ספר הברית", ווייל ער האָט קיין פּולווער נישט געפונען...

ליידער קאָנען נישט אַלע, וואָס לעבן אין ים, זיין אזוי גוט און פרום! עס זענען פאראן פיש־מענטשן־פרעסער; פיש, וואָס שלינגען איין מענטשן, ווי ער שטייט און גייט, און אז מען שיסט אין די פיש אריין אן הארמאט, שפּייען זיי צוריק ארויס פון זיך לעבעדיקערהייט די מענטשן...

אזא פיש וועגט פיר הונדערט און פיר און פערציק פונט און האָט זעקס „פראַנדן־ציין" אין מויל. ביכלל זענען די פיש זייער גליקלעכע באַ־שעפעניש. פיש אין וואסער, זאָגט דער „ספר הברית", דארפן קיין שלאָף,

1) דער ווארשעווער פיש־מאַרק.

און „אַז דער שלאָף נויטיקט זיי שטאַרק, איז פאַר זיי גענוג איין מינוט צו שלאָפן מיט אָפענע אויגן"... אויב דאָס לעזט אַ באַלעבאָס, אַ בייטל־מאַכער, אָדער אַזוי אַ ברויט־געבער, טראַכט ער געוויס: ריבונו־של־עולם! ווי נעמט מען אַזוינע אַרבעטער אין וואַרשטאַט אַריין! אַ קליינינקייט נישט שלאָפן, אָדער העכסטנס אַ דרימל!...

נאָר די פיש זענען נישט קיין אויסנאַם; נישט זיי אַליין זענען באַ־שאַפן געוואָרן צו דערציילן גאָטס וווּנדער; שלאַנגען האָבן אויך די זכיה! „אַז אַ שלאַנג דערזעט אַ פויגל, צי אַ חיה (!) גיט ער נאָר אַ בלאָז, ווערט דער פויגל, צי דער לייב משוגע, און פליט אים גלייך אין מויל אַריין"! אַזאַ בריאה מיט אַזאַ בלאָז וואָלט געוויס די וועלט חרוב ונחרב געמאַכט, וואָרום די גרויסע שלאַנגען שלינגען איין נישט נאָר פייגל און חיות, נאָר אפילו מענטשן און בהימות אויך, — וואָס־זשע טוט גאָט? מוז דער שלאַנג שטענדיק קלאַפן מיטן ווידל, מען זאָל פון ווייטן דערהערן, אַז דער „מחריב" רוקט זיך און מען אַנטלויפט! איר קלערט, אפשר, אַז איר וואָלט מוחל געווען די רפואה מיט דער מכה צוזאַמען, אַז עס וואָלט בעסער גע־ווען „זיין ליבער נאָמען" זאָל גאָר די שלאַנגען נישט באַשאַפן — האָט איר אַ טעות! ערשטנס, ווי אַזוי וואָלטן מיר אָן דער שלאַנג פּטור געוואָרן פון גן־עדן? צווייטנס איז אַ שלאַנג זייער אַ נוצלעכע זאַך: די שלאַנגען בייטן יעדעס יאָר די פעל, און די פעל, וואָס זיי וואַרפן אַראָפּ, זענען אַ רפואה בדוקה פאַר נשים, וואָס זענען מפּיל קינדער... אַז אַן אישה דאַרף זיך נאָר די גאַנצע ניין חדשים אַרומוויקלען דעם בויך מיט אַ שלאַנגען־הויט, און — אויף עטלעכע מיליאָן קינדער, וועט זיכער איין משיח געבוירן ווערן! נאָך נוצלעכער, איז, אפשר, דער „פיבער־שלאַנג" פון מיצרים, וואָס זיין פלייש ווערט באַנוצט אין די אַפּטייקן אויף מעדיצין און אפשר גאָר די שלאַנגען, וואָס מען פירט אַרום אין דיביידלעך און מען ווייזט פאַר פינף קאָפּיקעס?

מיר ווייסן שוין, אַז ביים ספר הברית באַשטייט נאָך די וועלט פון פיר יסודות, נישט מער און נישט ווייניקער. שפּעטער־צו ווערן מיר נאָך געוווירר אַ זייער אינטערעסאַנטע זאַך, אַז נישט אין אַלע באַשעפעניש׳ן זענען פאַראַן אַלע פיר! מיר ווייסן שוין, אַז די סלמנדרא און אַ געוויסער סאָרט פליגן ווערן געבוירן פון לויטער פייער. עס זענען אָבער דאָ אַנ־דערע ברואים, וואָס זענען געקנעטן פון לויטער ערד; אַנדערע, וואָס זענען פון לויטער וואַסער, נאָך אַנדערע פון ריינער לופט... און דער כלל איז: אין

גרויסע באַשעפעניש שטעקן אַלע פיר יסודות, אין קליינע שטעקט נאָר איין יסוד, צוויי, העכסטנס — דריי! „עס איז, למשל, פאַראַן אַזאַ מין מויז, וואָס קומט אַרויס פון דער ערד אַליין. אַזוינע מייז, אַז מען רירט זיי אָן, צעפאַלן זיי זיך אויף שטיקער און קיין קאַץ וויל זיי געווים אין מויל אַריין נישט נעמען... עס זענען פאַראַן ווערעם, וואָס ווערן באַשאַפן פון עסנוואַרג... געוויסע ווייסע חיהלעך — פון מענטשן־שווייס... אַלץ ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן... און אויף דער וועלט זענען פאַראַן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אָפּגעציילטע פערציק מינים לייז, אַכצן מינים מילבן, הונדערט מינים מיקן, הונדערט און צוואַנציק מינים פליגן, הונדערט ניין און פערציק האַרנוס־פליגן!!!

און דאָס אַלץ לעבט נישט פאַר זיך, נאָר צו דערציילן גאָטס־וווּנדער! נאָר פון וואַנען טייל פרעש לעבן, ווייס אפילו דער „ספר הברית" נישט; שטעלט אייך פאָר, ווי עס איז צו באַוווּנדערן די מענטשן, וואָס האַקן די גרויסע שטיינער און געפינען אַמאָל אין אַ גרויסן שטיין אַ לאָך און אין דעם לאָך אַ לעבעדיקן פראָש! און דער פראָש שפרינגט פּלוצלינג פון לאָך אַרויס מיט אַ געשריי! און דער שטיין איז געווען פאַר־מאַכט פון אַלע זייטן, און דער פראָש האָט פאַרשלאָסענערהייט געלעבט און געשפּרונגען! ווו ער האָט גענומען שפּייז, ווייסט איין גאָט — דער „ספר הברית" ווישט זיך אָפּ דאָס מויל און שווייגט! קודם כל האָבן מיר דערפון אַ מוסר, אַז אונדזער גאַנצע זאָרג, אונדזער דאגת פּרנסה, אונדזער כעס און האַרץ־ווייטיק, איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי — אַ והאָ־ראיה דער פראָש אינעם לאָך פון שטיין, וואָס לעבט גאָר אָן שפּייז און איז דווקא פריילעך און לוסטיק און שפּרינגט אַרום אין לאָך!

נאָר גיי רעד מיט די „הײנטיקע", מיט די אפּיקורסים!...

נאָך אַ ראיה אויף דעם איז די נאַרישע מילב, וואָס שלמה המלך, דער חכם הייסט דעם פוילן, ער זאָל זיך פון איר אַ מוסר נעמען און לער־נען זיך זאָרגן פון היינט אויף מאָרגן. דער „ספר הברית" ווייזט בעסער די זאַך. די מילב זאַמלט אָן תבואה אויף ווינטער גאָר אומזיסט, ווייל אַ גאַנצן ווינטער שלאָפט זי, און אַז עס קומט צוריק דער זומער, און זי כאַפּט זיך אויף, איז שוין איר תבואה אינגאַנצן דורכגעפוילט, אינגאַנצן „לא יצלח"!

אין פיר און פערציקסטן פּרק גייען מיר איבער צום מענטש...

דער מענטש איז טאַקע מענטש, דער ספר הברית קאָן זיך אים נאָר־

נישט אויסלויבן, אַ פּול מויל מיט זאַפט האָט ער! אַ קליינִיקייט, וואָס אַ מענטש איז! ערשטנס, עסט ער אַנדערע חיות ובהימות; גראָז נאָר זעלטן, אַלע חיות קאָנען נישט באַקן, נישט קאָכן, נישט זאַלצן, און — די ערשטע בעסטע קעכין טוט דאָס אַלץ טאָג־טעגלעך און אויף שבת מאַכט זי נאָך אַ קוגל! אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן טרינקען נאָר וואַסער, דער מענטש אָבער — אַלערליי משקאות; רייכע טרינקען וויין, אָרעמע קומען אָן צום מאַנאָפּאָל. קיין חיה ווייסט נישט, וואָס שיין און וואָס מיאוס איז, (אַזוי וויניקסטנס, זאָגט דער „ספר הברית") דער מענטש אָבער ווייסט, חיות ובהימות האָבן דעריבער נישט קיין פאַרגעניגן פון מוזיק, מיר אָבער האָבן נחת פון חזנים, פון זמירות, וואָס מיר אַליין זינגען, און די „דייטשן" — פון אָפּערן און קאָנצערטן... אַז מען קוקט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז אויף דעם זאָמען פון אַ מענטש, זעט מען ווי קליינע מענטשעלעך טאַנצן! און דריי שותפים האָבן דעם מענטש: גאָט, פאָטער און מוטער. דער פאָ־טער גיט אים: ביינער, אָדערן, געהירן און ווייסל פון די אויגן; די מוטער — הויט, פלייש, בלוט און שוואַרצאַפּל! גאָט, ברוך הוא, גיט די נשמה... אַלץ ווי אַמאָל!

נאָט אייך נאָך אַ בינטל נוצלעכע זאַכן: די העמערוידן זענען זייער געזונט און ברענגען צו לאַנג לעבן: חלומות פון סוף נאַכט זענען ריכטי־קער, אַלס די חלומות פון אָנהויב נאַכט... אַ גוטן חלום זאָל מען אַפילו דעם ווייב נישט דערציילן. אַ מענטש זעט קיינמאָל נישט אין חלום קיין טויטע בהימות, ער זאָל מיינען, זי לעבט; פאַר דאָס קומען אונדז מתים צו חלום אַלס לעבעדיקע מענטשן, נאַטירלעך איז דאָס אַ סימן, אַז אַ מענטש האָט השארת הנפש... דער אונטערשיד צווישן אַ נבואה און אַן איינפאַכן חלום שטעקט דערינען, וואָס געוויינלעך קומט פריער דער שלאָף און דער־נאָך דער חלום, און ביים נביא פאַרקערט: פריער חלומט אים, דערנאָך שלאָפט ער איין... עס גייען נאָך די אַלטע, נאָר אַלטע זיבן הימלען: אַ ראָד, אין וועלכן עס שטעקט די זון מיט דער לבנה, רעדער פאַר די שטערן... נאָר די מענטשן, וואָס וווינען אויף די שטערן, כאָטש זיי קאָנען זיי חכמים, אָבער קיין יצר־הרע און קיין תאוות האָבן זיי נישט! וואָרום די תאוות קומען פון די פיר יסודות... און אַזוי ווייטער...

נאַטירלעך וואָלטן מיר פון „ספר הברית" נישט גערעדט, ווען אונד־זערע יידישע לעזער זאָלן נישט האָבן אַזויפיל דרך־ארץ פאַר „זיכרונם־לברכהס" מחברים ביפרט און געדרוקטע זאַכן בכלל, אָדער ווען זיי זאָלן

וויסן, אז דער נאָמען „ט"... איז גענוג, מען זאָל דאָס ספר נישט נעמען אין האַנט אריין.

נאָר ט... איז א געוויינלעכער דרוקער, ער האָט זיך און זיין געשעפט אין זין... אַלס סוחר האָט ער זיך אויסגעקליבן צו האַנדלען מיט אַלט־וואַרג, אבי פרנסה... וואָס וויל אָבער

פ א ר ל א ג „ע ז ר א"?

עס ליגן פאַר אונדז דריי ביאָגראַפיען:

1) רבי שלומה לוריא (רש"ל) זיין לעבן און ווירקונג פון ש. א. האַראָדיצקי.

2) רבינו שמואל מאָהליווער ז"ל (ביאָגראַפיע) זיין לעבן, שטרעבן און ווירקונג פאַרן פאָלק און פאַר דער ציוניסטישער אידייע. — באַארבעט נאָך ר' יצחק ניסענבוים און אַנדערע קוועלן פון מק"ל און

3) פּראָפעסאָר צבי שפּירא. —

„עזרא" איז א ציוניסטישער פארלאַג. די טיטל־בלעטער (שערים) האָבן זעקס מגן־דודס און אין יעדן מגן־דוד שטייט א באַזונדער „ציון" — זעקס מאָל ציון! דער רש"ל האָט, נאַטירלעך, מיטן ניימאָדישן ציוניזם קיין מגע ומשא נישט געהאַט. אין זיין צייט האָט מען נאָך פּשוט געוואַרט אויף משיחן און נישט גערעכנט, עס האָט קיינעם נישט געחלומט, אז עס וועט באַלד קומען א צייט פון קאַפּיטאַליזם און פאַבריקן, ווען מען וועט מאַכן א קאָלאָניאַל־באַנק און אויף גיך פאַבריצירן משיחלעך, — פאַר דאָס איז א פלאַמענדיק־ציוניסטיש ה אָ ר אָ ד ע צ ק י ס פאָרעדע. ער קלאָגט זיך מיט א האַרץ־רייסיקער שטימע, אז בשעת ווען „יעדעס פאָלק אינטערעסירט זיך זייער פיל מיט זיין געשיכטע, מיט וועלכער צו־זאַמען דאָס פאָלק גופא איז געבוירן (!) און ווערט מיט איר צוזאַמען אַנטוויקלט און פאַרגרעסערט (!) מאַכט זיך דאָס יידישע פאָלק דערפון גאָרנישט!" ער דערציילט דעם יידישן לעזער א העברעישן וויץ פון גרויסן גאון ר' יחיאל היילפּערן אין זיין הקדמה צום „ספר הדורות", ווו „ער זאָגט מיט איראָניע", אז, „ווען מען זאָל אַזעלכע לייט (וואָס ווילן פון היסטאָריע נישט וויסן) זאָגן, למשל, אז המן איז געווען פאַר דער צייט פון כלכל והימן, אָדער זרח — פאַר תרחן — וואָלטן זיי געגלויבט!" נאָר ה אָ ר אָ דע צ ק י פאַרזיכערט אונדז, „אז עס איז צום וויינען, נישט צום לאַכן. די קליינע אינטערעסע פון יידישן פאָלק צו זיין אייגענער גע־שיכטע ווייזט אונדז בחוש, ווי ווייט מיר זענען צוריק אָפּגעשטאַנען(?) אין

אונדזער נאַציאָנאַליסטישן זעלבסט־באַוווסטזיין... דאָס הייסט: מיר האַלטן זיך פאַר טויט, פאַרשטיינערט נאָר פאַר א מומיע פון דער אַלטער צייט...״ און — אַז ה אָ ר אָ ד ע צ ק י כאַפּט זיך אַרויף אויף די שטעלצן, ווייל ער שוין נישט אַראָפּ. ערשטנס, שיט ער אויסגעדראָשענע מליצות וועגן פאָלק, וואָס וויל נישט וויסן, וואָס אין זיין יחוס־בריוו שטייט, ווייל ער „שפּירט גאָרנישט אין זיין טיפן שלאָף, עס חלומט זיך נאָר פאַרשידענע חלומות, חלומות... רק חלומות״. דערנאָך גייען צוויי און א האַלב שורות מיט פּינטעלעך, דאָ האָט ה אָ ר אָ ד ע צ ק י כמעט ווי געחלשט! דערנאָך כאַפּט ער זיך פּלוצים אויף!״ און זיינע שונאים? — שרייט ער — זיי פרייען זיך... זיי מיינען ער גוסעט שוין, באַלד שטאַרבט ער, באַלד גייט ער אַראָפּ פון דער סצענע...״ אינגאַנצן דריי פּינטעלעך, און איין אויס־געשריי: — „אָבער גאָר לאָ!״ און ער דעקלאַמירט זיך ווייטער. — „ י ש ר א ל י ק איז נישט שוואַך מחמת עלטער, ער גייט נישט אויס, ער האָט נאָך אין זיך געגוג קראַפט, גרויסע כוחות״... מיר זעען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט א ברענענדיקן נאַציאָנאַליסט — ציוניסט, וואָס פאַרגעסט אַמאָל אין די היץ אָן גראַמאַטיק, אָן לאָגיק. און מיר כאַפּן זיך געשווינד צום „ספר״ אליין... מיר ווילן וויסן מיט וואָס דער רש״ל וועט אויפבלאָזן דעם פונק פון פאַרלאָשענעם פאָלקס־באַוווסטזיין, מיט וואָס ער וועט אונדז אויפרישן די אלטע ביינער, לעבעדיק מאַכן דעם איינגעפאַל־מעסטן פיגר?... און נאָך דער הויך אויפגעבלאָזענער דעקלאַמאַציע ווערן מיר געוווירר פון ה אָ ר אָ ד ע צ ק י ס מויל, אַז דער רש״ל איז געבוירן געוואָרן אין טויזנט פינף הונדערט און צען, אַז ער שטאַמט פון רש״י, אַז ער האָט געהאַט א שאַרפן שכל און א פעסטן כאַראַקטער, אַז מיר באַ־געגענען אים שטענדיק (ווו?) האַלטנדיק (ווער? מיר, אָדער דער רש״ל?) אין איין האַנט א פעקל מיט אמת... (א שיין פעקל־!!) און אין דער צוויי־טער — א פעדער (נישט פון א גאַנדז, חלילה, נאָר) פון א שאַרפער קרי־טיק. אַז זיין תלמיד ר׳ יחזקאל לאַנדוי לויבט „זיין האַרץ פון א לייב...״ אַז דער רש״ל פּלעגט אָפּווענדן דעם „אבן־עזרא״, רמב״ם, רמב״ן, רלב״ג, רשב״א, הר״ן...

דער אָרעמער יידישער לעזער, וואָס האָט ווייניק געהערט פון די גרויסע לייט, מוז, נאַטירלעך, גלויבן ה אָ ר אָ ד ע צ ק י ן אויפן וואָרט, נאָכזאָגן אים, אַז דער רש״ל „איז נישט געווען קיין שפּענדל, וואָס שווימט אַהין, ווו דאָס וואַסער טראָגט, נאָר שטענדיק ווו זיין שיפס־קאָמפּאַס, זיין שיכל הישר ווייזט, ס׳מעג זיין קעגן די גרעסטע ים־כוואַליעס״. ער וועט

אפילו נישט פרעגן: אדוני הארדעצקי, פון וועלכן פינגער האט איר עס אויסגעזויגט?... א מחבר פרעגט מען נישט... אז ער זאגט, זאגט ער... ווען ער זאל וועלן קרעדיט אויף געלט, נו, וואלט מען געפרעגט: ווער ביסטו, וואס האסטו? אבער קרעדיט על חשבון הרש"ל — מהיכי תיתא, גאנצע בערג; און דער לעזער לעזט ווייטער, און ער ווערט געוווירר א גרויסן חסרון פון רש"ל! — ער האט פיינט געהאט די „חכמי־צרפת", ער, דער רש"ל, איז געווען א מקובל און, די חכמי־צרפת — פילאזאפן. אריסטוטן רופט דער רש"ל אן „ערל טמא". הארדעצקי איז מודה, אז עס איז א חסרון, נאר „אזוי ווי א פארטרעט מוז האבן, עס זאל ריכטיק זיין, אלע אסאבע פרימעטעס! פון זיין געמאלטן פארשוין, אזוי מוז ער געבן דעם רש"ל צוזאמען מיט זיין בראדאווקע, וואס מאכט העסלעך זיין פנים. נאר הארדעצקי האט זיך אביסל דערשראקן פאר זיינע אייגענע ווערטער און דרייט צוריק דעם לעדערנעם דישעל — זיין שכל־הישר — און שרייבט: „די פארדארבענע מידות פון דער פאלקס־מאסע (?) פון איין זייט, און די גראבע אויפירונג פון די דעמאלטיקע רבנים (?) פון דער אנדערער, האבן אונדזער גאון דערלאנגט „עד הנפש" און דעריבער האט ער געוואלט „באזייטיקן אלעס, וואס קאן אין אזעלכע אומשטענדן שעדלעך זיין פאר דער רעליגיע. ער האט אלזא ארויסגעטראטן קעגן די יידישע פילאזאפן, נישט אזוי אלס מקובל, ווי אלס גרויסער רעליגיע־און זיטן־פארטיידיקער, ווייל ער האט געזען, ווי א חכם הרואה את הנולד, אז אין זיין שוואכן דור (?) איז די פילאזאפיע סם פארן יידנטום". מיט איין ווארט, ס'איז אלץ ריכטיק, והא ראיה: דער אייגענער רש"ל וואס האט זיך ארומגעריסן מיט די ליכטיקסטע מענער, ווי דער אבן־עזרא, רמב"ם, רלב"ג און האט זיי אפגעווענדט מיט שארפע ווערטער, — דער אייגענער רש"ל האט די העזה נישט געהאט ארויסצוטרעטן קעגן קלענסטן יידישן מינהג, ווארום, ווי הארדעצקי שרייבט, „דאס, וואס דאס לעבן פון יעדן פאלק פאדערט, לאזט זיך נישט קריטיקירן (!) דאס איז דער אמת אליין". נאטירלעך מוז מען וויסן דעם חילוק פון א מינהג, וואס דאס לעבן פון פאלק פארלאנגט, און צום ביישפיל, א מינהג, וואס יונגע לייט מאכן זיך צום טאנצן מיט דאמען אויף חתונות; קעגן דעם צווייטן מינהג איז אין דער רש"ל טאקע ארויסגעטראטן מיט אלע כוחות...

ווער דער רש"ל איז געווען, וואס איז געווע'ן זיין שיטה (זיין סיסטעם) אין לערנען, וואס האט ער באקומען פון זיינע לערער, פון זיין דור, און וואס איז זיינס געווען? אויף אזוינע פראגן ענטפערט הארדעצ־

ק י נישט... ער שלאָגט זיך דורך מיט אויסגעדראַשענע מליצות, מיט אביסל דייטשע, לשון־קודשע און אליין געמאַכטע ווערטער... דער לעזער בלייבט לער, ווי פריער, אויב עס קלעפּן זיך אין אים נישט אָן עטלעכע ה אַ ר ט ע צ ק י ם שפּראַך־בלומען...

און כאָטש פאַרלאַג „עזרא" אַרבעט לטובות הכלל, מוזן מיר זאָגן, אַז פאַר די עטלעכע ווערטער וועגן אַ מקובל, וואָס פלעגט שאַרף אַרויס־טרעטן קעגן אבן־עזרא, רמב"ם וכו' און קעגן יונגע לייט, וואָס טאַנצן מיט דאַמען — פאַר די עטלעכע ווערטער טאָר מען ביים פאָלק נישט צונעמען אַ שעה צייט צום לעזן און דערצו נאָך אַכט קאָפּ. באַרעס געלט. אין דער שטונדע וואָלט ער געקאָנט געוויר ווערן עפּעס ווירקלעך נוצלעכעס, און פאַר אַכט קאָפּ באַקומט מען 8 פרישע בייגל ביים בעקער און, אפשר, נאָך מיט אַ צולאָג...

נאָר מיר גייען דערוויל ווייטער, מיר ווילן זיך באַקענען מיט

ר' שמואל מאהליווער ז"ל.

אונדזערע טאַטעס און זיידעס, ווי ביז היינט דאָס פּראָסטע פאָלק, זענען קיין רגע נישט מסופק געווען, אַז יידן זענען אַ פאָלק. קיין איינציקע שפּראַך האָט נישט אַזויפיל נעמען צו באַצייכענען דעם באַגריף „פאָלק", ווי די העברעאישע. מיטן „פאָלק ישראל" איז פול דער דיקער סידור, וואָס יע־דער ייד האָלט דריי מאָל אין טאָג אין האַנט. איבערן „פאָלק ישראל" פאַר־גיסן אונדזערע ווייבער תחינות־טרערן אָן אַ שיעור; אין יידישן טעאַטער הערט מען מאָגערע, פעטע, לאַכנדיקע, וויינענדיקע און וויציקע קופּלעטן, אַלץ איינייגעם פון „פאָלק ישראל"...

ווי האָבן זיך אונדזערע טאַטעס און זיידעס נוהג געווען מיטן שטאָלץ, מיטן ש יי נ ד ל פון דער אומה — מיט אירע גרויסע לייט? האָט אַ ייד אַ גביר אַ גרויסע נדבה געגעבן, דעם כלל אַ גרויסע טובה געטון, האָט מען עס פאַרשריבן אין פּינקס לזיכרון פאַר דער שטאָט, פאַר דער קהילה, ווייל באַשענקען „כל ישראל" האָט מען דעמאָלט נישט געקאָנט; האָט אָבער אַ ייד אַ ספר געשריבן, האָט ער אַ מתנה געגעבן פאַר אַלע יידן, פאַר אַלע דורות האָט מען דאָס ספר אין בית־המדרש אַריינגעשטעלט, האָט עס כל־ישראל געלערנט. האָט פון אים כמעט יעדעס־חדר־יינגל, ביפרט יעדער ייד אַ למדן, געוווסט. אונדזערע „משכילים" פון די צוויי פריערדיקע דורות האָבן אַ סך טייטש־ווערטער נישט געקענט: וואָס הייסט אַ פאָלק? אַ פאָלק האָט ביי זיי געהייסן אַ חברה מענטשן, ווי די פעלקער אַרום. דאָס

הייסט מיט א מלוכה, מיט אייגענער פּאָליציי, מיט אייגענע שטריימלעך, וואָס האָבן די ממשלה אין די הענט, א פאָלק מיט פּאָליטיק, האַרמאַטן... מיט איין וואָרט — א חיה רעה מיט ציין און נעגל, וואָס, אז זי טרעפט אן אַנדער חיה אויפן וועג, מוז זי איר אריין מיט ציין און נעגל אינעם לייב!...

דערפון קומט אַרויס, אז מיר אָרעמע יידן, וואָס האָבן צו שוואַכן ציין און נעגל, וואָס האָבן שטריימלעך אָן ממשלה, גבאים אָן פּאָליציי צו הילף — נאָר הוילע, אָנגעבלאָזענע „פּני" — אז מיר יידן זענען גאָר קיין פאָלק, אָדער כמעט גאָר קיין פאָלק נישט. און ווייל עס ווילט זיך טרייבן פּאָליטיק, מען מוז זיך די ציין שאַרפן, מען מוז זיין א חיה רעה — על כן מוז מען אַרויס פון דער אייגענער שאָפּענער הויט און אריין אין א הויט פון אן אַנדערער חיה, מוז מען ווערן פראַנצויזישע, דייטשע, ענגלישע און אַנ־דערע חיות... מיר האָבן נאָר א רעליגיע, טיילמאָל דאָס אויך נישט, און געגנוג...

אז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז די אַנדערע חיות באַשטייען נישט אויפן שידוך, איז נאַטירלעך א געראָדער געוואָרן; א געראָדער, פון וועלכן דאָס יידישע פאָלק, די מאַסע, ווייסט געווים נישט א וואָרט, נאָר א „מש־כילים־געראָדער!" די וויינטרויבן זענען הויך, זענען זיי צו זויער! אויס אסימילאַציע — הורראַ נאַציאָנאַליטעט!...

און אויב די נאַציאָנאַליטעט, מוז מען האָבן גרויסע לייט, מען זאָל שרייבן זייערע מאָנאָגראַפיען, — ביאָגראַפיען... נו, היינע, בערנע, ווען אפילו שפּינאָזע, זענען דערצו שוין נישט באַקוועם; געלערטע פעלן היינט אויך נישט, אפילו ג י ש ט געטויפטע, נאָר — ווער ווייסט פון זיי? פאַרלאַג „עזרא" אין בערדיטשעוו געווים נישט. און איידער צו זוכן, אָדער נאָכצופרעגן, זאָל זיין, וואָס עס קומט אונטער דער האַנט...

געשריבן שוין פון רש"ל, ווער גייט איצט? דער ביאַליסטאָקער רב! א פרישער „זיכרונו לברכה," וועט ע ר זיך לאָזן אויפבלאָזן! און מען האָט אים אויפגעבלאָזן! וואָס ווערן מיר געוואויר פון אַלע צוואַנציק זייטן דרוק פאַר אַכט קאָפּ? מען דערציילט אונדז, אז „דאָס יידישע פאָלק ביכלל, און די ציוניסטישע באַוועגונג ביפרט, האָבן די לעצטע צייט גע־ליטן זייער שווערע דונער־שלעק: עס האָבן אונדז געפעלט (?) די גרעסטע און בעסטע מענער, די מענער, וואָס האָבן מיט זייער תורה און חכמה באַ־לייכט און באַשיינט די גאַנצע יידישע אומה(???), וואָס זענען — ווי אַמאָל דער „עמוד אש" — געגאַנגען פאַר זייער פאָלק, און געפירט איבער דעם

שווערן וועג, וואָס גייט קיין ציון". ווער די מענער זענען, ווייסן מיר נישט און ה' מק"ל געפינט נישט פאַר נויטיק אָנצורופן זיי ביי די נעמען; ער פאַרזיכערט אונדז, אַז „שרעקלעכער און טיפער פון אַלע (?) האָט אונדז געטראָפן דער טויט פונעם גרעסטן (?) און (בעסטן) מענטשן, פון פאָלקס־באַליבטן (?) רב, רבי שמואל מאָהליווער!"

„איבערצוגעבן דעם טיפן טרויער איז (נאַטירלעך!) נישט מעגלעך, דאָס איז נישט אימשטאַנד קיין מענטשלעכע פעדער, נאָר דאָס האַרץ איז פאַרשטיינערט (ביי וועמען?) און די אויגן (ביי וועמען?) גיסן קוואַלן טרערן! ליידער אָבער אַזוינע טרערן פון וועלכע „עס ווערט דעם האַרץ נישט גרינגער", ווייל דאָס זענען טרערן פון פאַרצווייפלונג; טרערן פון שיפסלייט, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער קלוגן און טרייען קאַפּיטאַן, סאַמע אין דער מינוט, ווען די כוואַליעס פון ים (?) פּאַטשן אַזוי גרוילעך (?) און פאַלן אָן אויף דער שיף (?) אָט, אָט שלינגען זיי זי איין" (?). דאָס איז דער ווייבעריש־נאַרישער, אויפגעשוואָלענער הספד פון מקל"ם צד; „רבי יצחק ניסנבוים הי"ו, איז אויך אַ גוטע „זאָגערין" און אַ „קלאָגערין", מען מעג אים דינגען אויף אַלע לוויות. ער שרייבט און מק"ל זאָגט איבער: „מיין טרער איז נישט מער, ווי נאָך איין טראָפּן פון ים פון טרערן, וואָס זענען פאַרגאָסן געוואָרן אויפן קבר פון אונדזער (?) רבין. מיין קלאָג — נאָך איין זיפץ אויפן גרויסן בראָך (!), וואָס אונדז האָט געטראָפן (!)". זיין טרער איז אָבער „ברענעדיק היים" און זי „וועט אפשר דערוואַרעמען די פאַרגליווערטע הערצער", זיין זיפץ איז שטורמיש און טיף, וועט ער פּי־לייכט אויפוועקן די פאַרשלאָפענע ברידער, אַז זיי זאָלן זיך אַרומקוקן אויף וועלכן וועג (?) דער רבי איז געגאַנגען און וואָסערע מעשים (?) ער האָט געטון און אים נאָכגיין (אין קבר אריין (?), און נאָכטון!" (און שטאַרבן?...)

איך שטעל מיר פאָר, מיט וואָס פאַר אומגעדולד דער אָרעמער לע־זער נעמט זיך געוויר צו ווערן, ווער דאָ איז געשטאָרבן! גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ נייע וועגן מען וועט אונדז ווייזן; וואָס פאַר אַ מעשים מען וועט אונדז דערציילן! נאַטירלעך, מיין איך נישט די ציוניסטן, וואָס ווייסן, אַז ר' שמואל מאָהליווער איז געווען אין פּאַריז און גערעדט מיט ראָטשילדן אַליין, און זענען דערמיט יוצא! אויך מיין איך נישט קיין ביאַליסטאָקער באַלעבאַטים, וואָס האָבן זייער רב געקענט און זענען, ווי עס איז, צופרידן פון כבוד, וואָס שטראַלט אַראָפּ פון גרויסן רב אויף

קהלשע קעפ... און זיי פרעגן זיך נאָר שטילערהייט: מה הרעש? מ'טלע אַ רב געווינט אויף דער לאָטעריע?...

איך רעד פון פשוטן יידישן לעזער, וואָס וווינט ערגעץ אין תפוצות ישראל", וואָס ווייס, אַז עס איז פאַראַן אַ שטאָט ביאַליסטאָק מיט וואָל־זייד און טוך־פאַבריקן, וואָס שטויסט זיך, אַז אין ביאַליסטאָק איז געווים דאָ אַ רב און ווערט פון ר' יצחק ניסנבוים (פער טעלעפאָן — מק"ל), געוווּיר, אַז דער רב איז ניפטר געוואָרן!

אזא לעזער, וואָס ווייסט נישט, אַז ער איז נאָר איינער פון די פיר־פינף מיליאָן יידן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן פון ר' ש מ ו א ל מ אָ ה ל י ־ וו ע ר נישט געוווּסט — אזא לעזער, אַז ער הערט פון „ים־טרערן", פון „שיפסקאַפּיטאַן", פון „כוואַליעס", פון „אַ בראָך" אויף „כל־ישראל", — כאַפּט ער זיך נעבעך מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ צום ספר און וויל וויסן ווער און וואָס אויף קלאָר, און — ווייטער דאָס זעלבע — וואָס ווערט ער געוווּיר פאַר זיינע בלוטיקע אַכט קאָפּ. און אַ שעה צייט? אַז ר' ש מ ו א ל מ אָ ה ל י וו ע ר איז געבוירן געוואָרן, גוט דערצויגן געוואָרן, אין ישיבה געלערנט, רב געוואָרן, פריער אין גלובאָקא, דערנאָך אין ביאַליסטאָק; — אַז ער האָט געוווּנען אויף דער לאָטעריע; פלעגט געבן אַ שיינע נדבה, געוואָרן אַ חובב ציון, געווען אין פּאַריז, אַהיימגעקומען, קראַנק געוואָרן און — — געשטאָרבן!...

אָט מער ווייסט נישט ר' יצחק ניסנבוים און זיין טעלעפאָן מק"ל, און מער איז ג ע וו י ס נ י ש ט ג ע וו ע ן . . . און דער אָרעמער לעזער שטעלט זיך אָפּ, זאָגט מיט אַ זיפץ: „ברוך דיין אמת" און פרעגט זיך אויך שטילערהייט: מה הרעש? פאַרוואָס קומט אַכט קאָפּ. צי איז דער רעש דער־ריבער, וואָס ר' שמואל מאָהליווער פלעגט „ פ א ר ב י י ג ן ד ע ם א מ ת פ א ר ן ש ל ו ם ?. . ."

מיר ווענדן איבערגיין צום

פּראָפעסאָר צבי שפּירא.

דער שער זאָגט צו:

„זיין לעבן, שטרעבן און ווירקונג פאַרן פאָלק און פאַר דער ציוניסטישער אידייע" — און אויך זייער אַ וויכטיקער מאמר וועגן ציוניזם, וואָס דער פּראָפעסאָר „זיכרונו לברכה(!), האָט געשריבן אין אַ זשאַרגאָן אַ פאָר וואָכן פאַרן טויט... מיט פאָר־טרעט, — באַאַרבעט דורך י צ ח ק וו ע ר נ י ק אָ וו ס ק י , סטודענט פילאָזאָפיע".

דער שער, זעט איר, וואָלט געפּאַסט פאַר ט... און דער אריינפיר

אין די ביאָגראַפיע איז אַביסל ענלעך צו מקל׳ס הקדמה... אָנגעשוואָלן, אָפּגעדראָשן און לעכערלעך! און דער פּראָפעסאָר צבי שפּירא האָט עס נישט געברויכט! ער איז געווען נישט קיין געמאַכטער, נאָר אַן אמתער געלערטער; אַזוינער, וואָס האָט זיך קראַנק געלערנט, מיט ברויט און וואַסער, און טיילמאָל אָן ברויט און וואַסער געלערנט, און איז נישט געווען קיין אויפגעבלאָזענער, נאָר אַווירקלעכער יידישער פּאַטריאָט געווען, מיט איין וואָרט — אַ מענטש מיט קאָפּ און האַרץ! זיין ביאָגראַפיע האָט דעריבער נישט באַדאַרפט קיין אויפגעבלאָזענע געשוואָלענע הקדמות... דאָס איז דאָך נישט קיין אונטערן־אויוון־רבל, וואָס ווערט ערשט גרויס, אַז חברה פּאַלט איין און שטעלט אים זיך אויבן קאָפּ, אָדער וואַרפט אים „הורא" אין דער הויך! ווי אויך קיין ווייסטער למדן, ער זאָל זיך אַרומשלאָגן מיט יינגען, וואָס „טאַנצן מיט מיידן אויף חתונות, און ציטערן דערביי פאַר אַ „מינהג ישראל"...

דער פּראָפעסאָר שפּירא איז געבוירן געוואָרן ב׳ אלול תר׳, אין אַ קליין שטעטל, קאָוונער גובערניע. נישט דער „סטודענט פילאָזאָפיע" וו ע ר נ י ק אָ וו ס ק י און נישט „פאַרלאַג עזרא" האָבן זיך די מי געגעבן דורכצוזעצן דעם פּראָפעסאָרס פּאַפּירן געוויר צו ווערן, ווי דאָס שטעטל הייסט. און דאָך איז עס געווען אַ גאַנץ לייכטע זאַך מיט אַ בריוו צו פאַרזאָרגן! געווען איז ער אַ גמרא־יינגל, אַן עילוי, צו זעכצן יאָר האָט ער באַקומען סמיכה אויף רבנות. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער (וויפל יאָר?) איז ער געוואָרן רב און ראש ישיבה אין אַ קורלענדיש שטעטל (ווי הייסט עס?). נאָך קינדווייז האָט ער געהאַט אַ גרויסן חשק צו מאַטעמאַטיק, און דעריבער האָט ער זיך אויף דער שטעלע נישט געקאָנט לאַנג אויפהאַלטן, און איז אַרויס קיין אויסלאַנד שטודירן. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין לאָנדאָן (ווען, ווי לאַנג?,) אין בערלין (ווען, ווי לאַנג?) אָן ברויט, אָן באַקאַנטע, אָן הילף, פלעגט נישט האָבן קיין נאַכט־לעגער. אין הערבסט־צייט פלעגט ער דורכשפּאַצירן גאַנצע נעכט ביים טיר־גאָרטן, ער האָט זיך פונדעסטוועגן פאָרבאַרייט און איז אַריין אין בערלינער געווערב־אַקאַדעמיע. נאָר, ווי מען זאָגט, דער הונגער איז קיין פריינט, עס האָט אים דאָס געזונט געקאָסט און ער איז קראַנקערהייט געקומען קיין אָדעס, וווּ ער איז אָפּגעלעגן ניין מאָנאַט אין שפּיטאָל.

אין וועלכן יאָר? פאַרוואָס גראָד קיין אָדעס? אויף וואָס איז ער קראַנק געווען? דאָס ווייסט וו ע ר נ י ק אָ וו ס ק י נישט, און „פאַרלאַג עזרא" האָט נישט געפונען פאַר נויטיק געוויר צו ווערן.

די דאָקטוירים האָבן אים פאַרזאָגט דאָס שטודירן, און ער האָט גע־מוזט אָנעמען אַ שטעלע פון אַ בוכהאַלטער אין אַ קאָנטאָר (ווו, ווען?), אַ פּאָר יאָר איז ער געווען אויף דער שטעלע, דערנאָך האָט ער זי פאַר־לאָזט (פאַרוואָס) און איז אַליין סוחר געוואָרן און געהאַנדלט (געווים מיט סחורה!) אין אָדעס און זשיטאָמיר, און האָט אָפּגעשפּאָרט געלט צוריק צו פאָרן קיין ב ע ר ל י ן. אין טויזנט אַכט הונדערט און זי־בעציק איז ער שוין (?) געווען אין בוקאַרעסט (אויפן וועג קיין בערלין?) אין דער טערקישער קריג (נאָכוואָס?) דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין בערלין, ווו ער האָט אַ פּאָר יאָר געלערנט. דערנאָך איז ער קיין היידל־בערג אוועק, און ווייטער אַ פּאָר יאָר געלערנט. אין טויזנט אַכט הונ־דערט איין און אַכציק האָט ער באַקומען דעם טיטול „דאָקטאָר". אין טויזנט אַכט הונדערט זיבן און אַכציק איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר אין היידעלבערג, ווו ער איז געבליבן שוין ביזן טויט. געשטאָרבן איז ער דעם ניינטן מאַי (דאָס יאָר שטייט נישט) און נאָר! וואָס דער פּראָפעסאָר שפּירא האָט געווירקט אין דער מאַטעמאַטיק, פון דעם וויים ה׳ וו ע ר ד ניקאָווסקי נישט אַ וואָרט, פאַר אים איז גענוג, אַז דער פּראָפעסאָר איז באַגראָבן געוואָרן „אויפן קעלנער בית־עלמין, ווו עס רוען הונדערטער קדושים"...

רירנד איז געווען דער קורצער הספד, וואָס דער קעלנער ראַבינער האָט געהאַלטן.

„אַ נע־ונד ביסטו דיין גאַנץ לעבן געווען, גלייך מיט דיין פאָלק! נע־ונד ביסטו געפאַלן אין דער מילחמה פון דיין פאָלק, און דאָך, נישט אין דער פרעמד ביסטו געשטאָרבן, ליבער שפּירא! דו ביסט אין דיין לאַנד געשטאָרבן, ווייל דיין לאַנד איז געווען די אידייע, די וויסנשאַפט"!

אויך ווייסט ער, אַז דער פּראָפעסאָר שפּירא האָט געשריבן ווערק. טייל זענען געדרוקט, טייל זענען נאָך אין כתב־יד, מאַנכע — נאָך נישט געענדיקט.

כאַראַקטעריזירן דעם פּראָפעסאָר שפּירא אַלס ציוניסט איז אויך דעם סטודענט פילאָזאָפיע געווען צו שווער, און אין דעם פאַל איז ער אויך יוצא מיט הויכקלינגענדיקע ווערטער, פון וועלכע מען קאָן קיין טראָפּן באַגריף נישט אויסדריקן. „צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון פּראָפע־סאָר שפּירא — הייסט באַשרייבן דאָס לעבן פון די יידישע פאָלק אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר!" קורץ און שאַרף! מיר ווייסן נאָר, אַז דער פּראָפעסאָר שפּירא איז געווען אַ ציוניסט און דערצו אַן אי־

דעאַליסט. די הויפּט־זאַך איז ביי אים געווען צו עפענען אַ יידישן אוני־ווערזיטעט אין ירושלים; אין טויזנט אַכט הונדערט און אַכציק האָט ער געגרינדעט אַ חברה יידישע סטודענטן אונטערן נאָמען „ציון". ער האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אין קאָנגרעס אין באַזעל, נאָר פון דעם וועט דער סטודענט פילאָזאָפיע רעדן „אויף אַן אַנדער אָרט". דאָ וויל ער נאָר באַמערקן, אַז דער פּראָפעסאָר ש פּ י ר אָ איז זייער פרום געווען, כמעט פאַנאַטיש, און האָט מער געהאַלטן פון דער ציוניסטיש־נאַציאָנאַלער באַ־וועגונג אַלס פון פאָלקס־בילדונג.

„אויסבילדן אַ פאָלק — שרייבט ער — איז נישט אַ שווערע זאַך (!) אין איין דור קענט איר (?) אויפהויבן אַ לעבעדיק פאָלק ביז צו דער העכ־סטער שטופע פון בילדונג. (ווי אזוי?). אָבער שווער איז, מיינט דער פּראָ־פעסאָר, אריינצובלאָזן אַ לעבנס־גייסט..."

מיר מיינען פאַרקערט, און עס האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז נאַ־ציאָנאַל־פּאָליטיק איז זייער לייכט צו פירן! ביי יעדן פאָלק אין הארץ ליגט אונטערן אַש נאָך נישט דורכגעברענטע נאַציאָנאַל־קוילן, און עס איז זייער לייכט צו זיין אַ ד ע ר ו ל ע ד, אַ ש ט ע ק ע ר, אַ ס.ו ו אַ ר י ן אָדער אַ נ יי מ אָ ד י ש ע ר ק ע ל ע מ ע ר מ ג י ד. אַ בלאָז צו טון, דאָס פייער זאָל אויפפלאַמען, בשעת די פאָלקס־בילדונג שוויצט אויף שריט און טריט און רירט זיך נישט פון אָרט...

מיר האָבן פאַראייניקט אַלע דריי ביאָגראַפיען, וואָס דער פאַרלאַג האָט ארויסגעגעבן, דעריבער, ווייל אַלע דריי צוזאַמען מאַכן, גלייך מיטן „ספר הברית", זייער אַ שלעכטע ווירקונג אויפן לעזער.

ער ווערט געוווּיר: אַז מען מעג רעדן אויפן „אבן עזרא" מיטן רמב"ם, נאָר נישט רירן אַ יידישן מינהג.. אַז מען מעג פאַרבייגן דעם אמת, אבי שלום, און אַז פאָלקס־בילדונג — איז גאָרנישט אַזוי וויכטיק... אַזוי זאָגט דער רש"ל, דער ביאַליסטאָקער רב, דער פּראָפעסאָר ש פּ י ר אָ.

אונדזער לעזער איז צופיל אָנגעבילדעט, ער זאָל וויסן, אַז אַ שוס־טער דאַרף מאַכן שטיוול און דער בעקער בייגל: אַז ביים רש"ל דאַרף מען לערנען פאַרשטיין אַ גמרא, דעם ביאַליסטאָקער האָט מען געמעגט אויף זיבער פרעגן אַ „טעפּל־לעפל"־שאלה, אָדער נאָכן געווינען אויף דער לאָטעריע, בעטן אַ נדבה... און — אַז ביים פּראָפעסאָר ש פּ י ר אָ האָט מען זיך געמעגט לערנען מאַטעמאַטיק, ביים פּראָסטן עולם איז אַ גרויסער מאַן גרוים אין אַלעם: אַ גוטער בעקער קאָן געווים שטיוול אויך מאַכן! און דעריבער זאָגן מיר נאָכאַמאָל, דער פאַרלאַג „עזרא" מעג שותפות מאַכן מיטן וואַרשעווער דרוקער ט...

(1900)

זשערמסקיס „מענטשן אָן אַ היים“

איינער פֿון די פּוילישע יונגע שריפֿטשטעלער, סטעפֿאַן זשעראָמסקי, האָט אויפֿגעריכט די גאַנצע פּוילישע ליטעראַטור מיט זיין דערציילונג אין צוויי טייל: „מענטשן אָן אַ היים“. דער אינהאַלט פֿון דער דערציילונג לאָזט זיך גאַנץ קורץ איבערגעבן.

דר. יודים, דער העלד פֿון דער דערציילונג, האָט געענדיקט אַלס אַרצט אין פּאַריז, וווּ ער האָט זיך צוגעזען צום נישט געזונטן לעבן פֿון דער גרויסער מאַסע אביונים אין די גרויסע שטעט ווי אויך צו דעם, וואָס די דאָקטוירים טוען דאָרט, כדי דאָס אָרעמע לעבן צו פֿאַרבעסערן. ער קומט צוריק קיין וואַרשע, וווּ ער טרעפֿט דעם זעלבן דלות, פֿול מיט פּרעמדע און אייגענע פּלענער, ווי אַזוי צו קומען דעם אָרעמען קלאַס צו הילף. „איין שוואַלב קען קיין זומער נישט מאַכן“, וויל ער, אַז זיינע חברים זאָלן מיטאַרבעטן, און צו דעם צוועק האַלט ער פֿאַר זיי אַ פֿאָרלעזונג. די פֿאָרלעזונג האָט קיין גוטן איינדרוק נישט געמאַכט. די קאָלעגן זענען באַשעפֿטיקט נאָר מיט פּראַקטיק, מיט געלט פֿאַרדינען. מעדיצין, מיינען זיי, איז אויך אַ פֿאַך; ווי שוסטעריי, סטאָלעריי און דערגלייכן. יעדער פֿאַכמאַן איז נאָר מחויב צו קענען זיין מלאכה, פֿון וועלכער ער דאַרף לעבן, און דער עיקר — געלט צו פֿאַרדינען. אַז אַ מענטש, מיינען זיי, לערנט אָפּ אַ יאָר אַכט — ניין אין גימנאַזיום און דערנאָך אַ יאָר פֿינף — זעקס אין אוניווערזיטעט, האָט ער גענוג געאַרבעט מיטן מוח און עס איז שוין די העכסטע צייט זיך אַליין צו פֿאַרזאָרגן... אייניקע פֿון זיינע קאָלעגן באַשעפֿטיקן זיך אַפֿילו מיט היגיענע „לטובת הכלל“, נאָר פֿאַרן העכערן כלל; פֿאַר רייכע לייט, וואָס זענען און קענען דאַנקבאַר זיין; וואָס לויבן, רעקאָמענדירן און גיבן אַליין אויך געלט צו פֿאַרדינען... פֿאַר זיי לוינט זיך אַפֿילו איינצוריכטן ווייכע טראָגזעסל אין די הייזער, מענטשן זאָלן זיי טראָגן אַרויף און אַראָפּ פֿון די טרעפּ, עס זאָל חלילה דעם בוי־

ביקן מאַן קיין אָטעם נישט פאַרפעלן... עס לוינט זיך אפילו די מי צו דער־פינדן מוילשלעסער פאַר דינסטמיידלעך, זיי זאָלן נישט אקעגנרעדן און נישט דענערווירן די דאַמען... און דערגלייכן...

די פאַרלעזונג, וואָס האָט צופיל פון ארצט פאַרלאַנגט, האָט דעם דר. יודים נאָך געשאַדט. זיינע קאָלעגן האָבן זיך פון אים דערווייטערט, קיי־נער האָט אים נישט רעקאָמענדירט, נישט צוגערופן... די געזעלשאַפט האָט זיך פאַר אים פאַרשלאָסן און דר. יודים האָט געמוזט אָפּטרעטן פון ווארשע... ער פאָרט אין א באָד־אנשטאַלט אלס יונגערער ארצט, נאָר ער האַלט זיך דאָרטן אויך לאַנג נישט אויף, דאָס באָד איז פון אויבן אויף אויפגעפּוצט, פיין פאַרצירט, פאַרגרינט און פאַרבלימט, נאָר אונטן איז די ערד דורכגעזאַפּט מיט שלעכטן וואסער, מיט שעדלעכער פייכטקייט; עס איז דאָרט פאַראַן א שפּיטעלכל, נאָר דרינען ליגן קיין קראַנקע נישט, ווייל עס איז שטענדיק פאַרנומען מיטן דירעקטאָרס קאַרטאָפל און ריבן... און דר. יודים קאָן קיין עוולות נישט לײַדן! און ער מוז אָפּטרעטן... זיינס א פריינט, אן אינזשעניער, פאַרשאַפט אים א שטעלע אין א קוילן־גרוב, וווּ עס הויבט זיך אָן פאַר יודים א נייע, נאָך א גרעסערע ארבעט...

דער ארבעט גיט ער זיך איבער אינגאַנצן, ער אָפּפערט פאַר איר זיין אייגן גליק. יודים איז פאַרליבט, נאָר ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין געליב־טער, כאָטש זי איז זיינס גלייכן, אויך „א מענטש אָן א היים" און ווייל מיט איר צוזאַמען ארבעטן אויפן זעלבן פעלד. נאָר יודים ווייס, אז די ארבעט איז צו גרויס, גרעסער אלס די קראַפט פון א מענטש, העכער אלס זיין אייגענער מזל. און ער וויל נישט טיילן צווישן איר און זיך זיין לעבן, זיין ענערגיע... ער גיט זיך אינגאַנצן איבער דער ארבעט. ער אָפּפערט זיין גליק און איר גליק דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט...

יודימס דערמאָנטער פריינט, דער אינזשעניער, אויך א מענטש מיט האַרץ, וואָס קען אויך קיין עוולות נישט לײַדן, ענדיקט אַנדערש — ער שיסט זיך! ער האָט נישט געפילט אין זיך די קראַפט עפּעס צו טון! — יודים ארבעט, ווייל ער גלויבט פעסט אין זיין ארבעט, ווייניקסטנס אין דער פליכט, אז מען מוז ארבעטן, וואָס איז ביי אים אַזוי שטאַרק אפשר דעריבער, ווייל ער אליין קומט ארויס פון אָרעמע, פאַרהאָרעוועטע על־טערן; ווייל זיין בלוט איז דאָס בלוט פון די, פאַר וועלכע מען דאַרף אר־בעטן. די צוזאַמענשטעלונג פון דער דערציילונג איז נישט אָן חסרונות. ערשטנס איז זי נישט גלייכאַרטיק; צווישן אויסגעצייכנטע בילדער, גע־

פינען זיך גאַנץ שוואַכע, גלייך די באַגייסטערונג האָט זשעראָמסקין צייטנווייז פאַרלאָזט, נאָר ער אַרבעט אויף כּוח! דאָס בוך מאַכט אויסער דעם קיין איינדרוק פון אַ גאַנצער זאַך, נאָר פון צוזאַמענגעשטעלטע קליינע מערסטנטיילס גרויסאַרטיקע נאָוועלן, אויסער דעם איז נישט אַלץ דערזאָגט!... און דאָך האָט, ווי געזאָגט, די דערציילונג געמאַכט אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַן אומגעהויערן איינדרוק.

פאַר די לעזער פון „יוד" וועט געווייס אינטערעסאַנט זיין זשעראָמסקיס אַ באַשרייבונג פון יידישן אָרעמען לעבן אין וואַרשע. מיר ווילן זי דעריבער ווערטלעך איבערזעצן. יודים איז געקומען קיין וואַרשע און זוכט אויס זיין פאַמיליע. אַז ער האָט דורכפּאַסירט דעם זאַקסישן גאָרטן מיטן אייזערנעם טויער, האָט ער זיך געפילט נאָך מער אין דער היים, שמאָלע דורכגענג צווישן די קראָמען פירן ביז צו דער קראָכמאַלנער גאַס; די זון פאַרגיסט מיט היץ דעם גאַנצן רינשטאָק, וואָס הייסט „גאַס"; פון שמאָלן העלזל צווישן „טשעפּלאַ" און דעם פּלאַץ, שלאָגט אַ שרעקלעכער געשטאַנק. ווי דעמאָלט איידער יודים האָט וואַרשע פאַרלאָזט, ווימלט דאָרט פון יידן, ווי פריער זיצט אויפן טראָטואַר אַן אַלטע, קראַנקע יידענע און פאַרקויפט הייסן באָב, אַרבעס, און קערנדלעך פון מעלאָנען. דאָ און דאָרט בלאָנקען זיך אַרום טרעגער פון סאָדע־וואַסער, מיט די פּעסלעך אָן אַ זייט און גלעזער אין די הענט. עס איז גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף אַ גלאָז מיטן צוגעטריקנטן סיראָפּ ביים אביון אין דער האַנט, מען זאָל אָן דעם דאָרשט פאַרגעסן. אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט, שטייט איינע מיט סאָדע־וואַסער, זי איז אָפּגעריסן, כּמעט נאַקעט; דאָס פּנים אירס איז געל, טויטלעך, זי שטייט אויף דער זון, ווייל דאָ, רעכנט זי, וועט זיך געשווינדער אַ פאַרבייגייער פאַרגלוסטן אַ טרונק, אין האַנט האַלט זי צוויי פלעשער מיט אַ רויטער פליסיקייט, קענטיק — אַ סיראָפּ. די גראָבע ליפּן ציטערן, צי שעפּטשען זיי אַ געבעט צו די דורכגייער, זיי זאָלן נעמען אַ טרונק, צי אַ בקשה אויף לייזונג צו דעם ליבן נאָמען, וואָס מען איז נישט ווערט צו געדענקען... צי גאָר אַ קללה אויף זון און לעבן, אַ קללה, וואָס האָט זיך גרויס געצויגן ווי אַ וואָרעם אין דער קויטיקער אָרעמקייט...

רעכטס און לינקס אָפענע געוועלבלעך, וואָס ענדיקן זיך אינעווייניק באַלד נישט ווייט פון דער שוועל און זעען אויס, ווי שופלאָדן, אויסגעקלעפּטע מיט פּאַפּיר. אין אַזאַ מאַגאַזין איז אויף האָלצערנע פּאָלקעס אויסגעלייגט פאַר אַ רובל דריי פּאַפּיראָסן... נענטער צו דער טיר גאָרן אַריין דעם קונה געקאָכטע אייער, געראויכערטע הערינג, שאָקאָלאַד אין

טעוועלעך, ווי אויך אין דער חנעוודיקער פּאָרעם פֿון צוקערלעך... שטיקלעך קעז, ווייסע מערן, קנאָבל, ציבעלעס, כריין, אַרבעס אין די שאָלן... עמער מיט כשרע קאָלבאַסלעך און סלאָיען מיט סאָק צו וואַסער... אין יעדן איינציקן געוועלבל איז דער פֿוסבאָדן שוואַרץ פֿון בלאָטע, וואָס פֿאַרלירט נישט איר אָנגענעמע פֿייכטקייט אין דער גרעסטער היץ... אויף דעם מיסט קריכן אַרום קינדער. קוויטיקע און אין נאָך קוויטיקערע שמאַטעס געקליידט... יעדעס געוועלבל איז אַ היים פֿאַר עטלעכע מענטשן, וואָס פֿאַרברענגען די צייט מיט גאָרנישט, מיט פּלוידערן... טיף אין איינעם פֿון די געוועלבלעך זיצט אַ פֿאַמיליען־פֿאָטער, אַ גרינער מרה־שחורהניק, וואָס רירט זיך נישט פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעטן אָוונט פֿון אָרט, און טראַכט, קוקנדיק אויף דער גאַס אַרויס, וועגן עפּעס אַ שווינדל.

אַ טריט ווייטער און עס באַווייזט זיך אין אַן אָפֿענעם פֿענצטער אַ וואַרשטאַט, ווו, אונטער נידעריקע סופֿיטן, פֿאַרקירצן זיך דאָס לעבן איינגעבויגענע מענער, געהויקערטע פֿרויען... דאָ באַווייזט זיך אַ וואַרשטאַט פֿון אַ שניידער, — אַ פֿינצטערע הייל, פֿון וועלכער עס שלאָגט אַ דיקער גערוך צום אָנטאַפּן, נישט ווייט זיצט אַן איינגעבויגענער פּאַרוקנמאַכער, וואָס פֿאַרזאָרגט די קעפּ פֿון די אָרעמע יידישע ווייבער... עטלעכע פּאַרוקנמאַכער זיצן אין שכינות, איינער האַרט ביים צווייטן... בלאַסע, געלע, אָפּגעשטאָרבענע מיידלעך, אַליין נישט געקעמטע און נישט געוואַשענע... צעקעמען מיט מי די האָר־צויטן, די „קלאַקעס!” פֿון הויף און טירן, זאָגאַר פֿון די אַלטע דעכער, מיט די צוגעקלעפּטע קליינע פֿענצטערלעך, באַווייזן זיך קראַנקע געזיכטער, דאַרע, לאַנג־נעזיקע, גרינע און גרויע, מיט בלוטיקע טריפֿנדיקע אָדער מידע „אַלץ־איינסיקע” אויגן, וואָס חלומען אין אייביקן טרויער וועגן טויט...

לעבן אַ טויער באַגעגנט יודים אַ סוחרטע, מיט צוויי קערב גרינצייג אין די הענט. זי איז אינגאַנצן צעכראַשעט, די אויגן קוקן פֿאַר זיך מיט אַ שטילער טויטער מאַטערניש און זעען אויס, ווי פֿון אייער־שאָלן... נאָר אין די אויפֿגעשוואָלענע אָדערן, ביי די שלייפֿן און אויפֿן האַלדז, האָט דאָס בלוט כמעט הויך געשלאָגן... אויף דער שוועל פֿון אַ געוועלבל איז געזעסן אַן אַלטער איינגעהויקערטער יידישער טרעגער, וואָס האָט אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס צוויי אַלמער צוזאַמענגעבונדענע מיט אַ שטריק, וואָס ער האָט צוגעשלעפּט ביז אַהער, און האָט זיך גענומען צום מיטיק, — „צו אַ גרויע אוגערקע מיט אַ שטיקל דאַר ברויט”.

— און אויף דעם אלעם, — זאָגט יודים אויף אַן אַנדער אָרט, — האָבן מיר (קריסטן) נאָר איין רפואה — אַנטיסעמיטיזם!

איך רעכן, אַז אייך וועט נאָך אינטערעסאַנט זיין די אַלגעמיינע באַציאונג פון זשעראָמסקין צו דער יידישער פראַגע. אין דער דערציילונג דריקט זי זיך אויס, אויסער דער הלצה איבערן אַנטיסעמיטיזם, נאָך אין צוויי פאַקטן: אַהיימקומענדיק פון פּאַריז קיין וואַרשע, טרעפט יודים, ביים אַראָפּשטייגן פון דער באַן, אַ יידישן טרעגער, וואָס בעט ביי אים דאָס געפּעק מיט אַ שלעכט פּויליש. יודים זיפצט אָפּ: „דו, היימישער פרעמד־דער!" — מאַכט ער. ווער עס ווינט לאַנג אין לאַנד, דער ווערט היימיש, נאָר ווער עס רעדט שלעכט פּויליש אין פּוילן, איז פרעמד; ע"כ איז דער ייד, וואָס איז שוין דאָ געבוירן און האָט שוין דאָ זיינע קברים און קען נאָך, לא־עליכם, נישט פיין אַרויסרעדן עטלעכע פּוילישע ווערטער — „היימיש" און „פרעמד" צוזאַמען.

צווישן אַלע דאָקטוירים, וואָס קומען פאַר אַלס יודימס קאָלעגן און צוהערער פון זיין דרשה וועגן היגיענע פאַרן אָרעמען פאָלק, געפינט זיך איינער אַ יידישער דאָקטאָר כמיעלניצקי. כמיעלניצקי איז נישט קיין באַ־האַרצטער מענטש. בשעת די קאָלעגן לאַכן אויס דעם דר. יודים מיט זיינע חלומות, שמייכלט כמיעלניצקי גלייך מיט אַלע... נאָר, אַרויסגייענדיק, באַמיט ער זיך צוזאַמענצוטרעפן מיטן אויסגעלאַכטן און באַווייזט אים מיטלייד און ליבשאַפט, כאָטש כמיעלניצקי אליין גלויבט אויך נישט, אַז מען קאָן און מען דאַרף עפּעס טון אין דער פאַל. יידן פאַר יידן (הייסט עס דאָרט), טוען, ווי ווייט עס לאָזט זיך, נאָר דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאָס איז פאַר ליבשאַפט...

פאַרוואָס טרעט נישט כמיעלניצקי אַרויס פריי קעגן אַלע, אַזוי ווי דאָס טוט דר. יודים? ער פאַרענטפערט זיך:

אים געפעלן — זאָגט ער — די אַלע, וואָס ווילן איבערוואַקסן דעם עולם, ווען אויך נאָר מיט אַ קאָפּ! אַלע באַהאַרצטע מענטשן! נאָר ער ווייסט אויך, וואָס עס הייסט שלאָגן זיך מיט ווינטמילן; וואָס עס באַטייט, אייביק אויסגעלאַכט צו ווערן; דער חוזק זאָל שטענדיק דערעסן!

פון ערשטן קלאַס אָן (דערציילט ער) ביזן ענדיקן די אוניווערזי־טעט, זיין גאַנץ לעבן, האָט מען אַלץ פון אים חוזק געמאַכט. פאַרוואָס? — ער אַליין ווייסט נישט... מין־הסתם ערשטנס דערפאַר, וואָס ער איז געבוירן אַ ייד; צווייטנס דערפאַר, וואָס ער הייסט (דערלויבט זיך צו

הייסן?) כמיעלניצקי!... צווישן אונדז גערעדט — קום איך נישט ארויס פון פּראָצענטניקעס און שווינדלער... די מייניקע קומען ארויס פון שטעטל „כמיעלניק", הייס איך דעריבער כמיעלניצקי... אָבער...

און אַזוי ווייטער... כמיעלניצקי איז אויך דער איינציקער, וואָס האָט געהאָלפן יודימען, ער זאָל קריגן די שטעלע אין באָד־אַנשטאַלט...

צי האָט ער אים געוואָלט לויז ווערן פון וואַרשע? עס זעט נישט אויס!

1900

מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ: „מענדעל גדאַנסקי"

אלס דערציילונג איז „מענדעל גדאַנסקי" אַ ליטעראַריש מייסטערשטיק — אַ פּערל, ווי עס איז היינט מאָדנע צו זאָגן. צי דערגרייכט די געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון דער זאַך צו דער הויך פון ליטעראַרישן ווערט — אָט, דאָס איז די פראַגע.

פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ קאָן מען וויניקסטנס פיל פאַרלאַנגען.

די אָנגערופענע דערציילונג באַציט זיך אויף די וואַרשעווער געשעענישן אין יאָר 1881. קעגן אָדעס, קישינעוו און דערגלייכן, איז דער וואַרשעווער „צופּאַל" אַ קינדער־שפּיל, דעם נאָמען „פּאָגראָם" נישט ווערט. צום אָנדענקען האָט ער איבערגעלאָזט קוים איניקע אָפּגעקומענע פאַמיליען. נאָר אַ קליינע צאָל זענען פאַרוווּנדערט געוואָרן; געטויט — קיין איינציקער. צי האָט מען זיך ווי עס איז געוועהרט? מען זאָגט — אויף נאַלעווקי: קצבים זענען אַרויס מיט מעסער; פריקאַשטשיקעס האָבן זיך געשטעלט אין די הויפן, — געשריבן דעריבער איז נישט געוואָרן, — נאָך וואָס?

נאָר ווי קליין דער פּאָגראָם איז נישט געווען, דער איינדרוק אויפן אָרט האָט געמוזט זיין אַ געוואַלטיקער: עס איז נאָך געווען פאַר די גרעסערע, און גאָר גרויסע ערגעץ אַנדערש; און די אַלטע, די אַמאָל געוועזענע, האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן. און יעדער געוואָרפענער שטיין, וואָס האָט אפילו קיין קאָפּ נישט געטראָפן, טרעפט דאָך אין יידישן מוח! רירט ער דאָך די געהירן, רייסט ער דאָך איבער און צעשטערט אַלטע, פון תוהו־ובוהו־פעדעם צוזאַמענגעשפּינענע אידעען און וועלט־פאָרשטעלונגען...

נאַטירלעך באַרירט עס נישט אַלע גלייך, און נישט אַלע האָבן זיך אָפּגערופן אויף איין אַרט.

קיין יידישער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך דאַמאָלט נישט געווען, און אויב ער האָט זיך שוין געשפּינען און געוועבט אין שאָטן פון דער פינצטע־

דער און נאָסער קעלער־שטוב, — צום וואָרט איז ער נאָך נישט געקומען,— פון קיין אַרבעטער־וועלט־אַנשויונג איז נאָך נישט געווען צו רעדן, דאָס יידישע לעבן איז געווען נישט דיפערענצירט אינעווייניק, נישט צעטיילט. עס האָט זיך געוועדט פון חסידים, — די פאָרשטייער פון דער פרומער יידישקייט (די מיתנגדים האָבן שוין נישט געלעבט), באַלעבאַטים, וואָס האָבן שוין מער געוויכט געלייגט אויף „האָב און גאָב", אויף עולם־הזה, און „דייטשן", וואָס דער נאָמען האָט זיי שוין לאַנג נישט געפּאַסט, ווייל זיי זענען שוין לאַנג אריבער פון מענדלסאָנס תורה צו דער היימיש־פּוי־לישער קולטור.

דער פ ר ו מ ע ר ייד איז וויניקער ניתפּעל געוואָרן. דערינען, ווי אין אַלע אומגליקן, האָט ער מער נישט געזען און נישט געקאָנט זען, ווי — גאָטס צאָרן, וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף איינצלנע פּערזאָ־נען פאַר זייערע זינד; אָדער אויב ער האָט זיך אויפגעהויבן צו אַ העכערן שטאַנדפּונקט: אויף כל ישראל! עס איז שוין צו גוט געווען, מען האָט שוין דעם גלות פאַרגעסן: שקאַלעס, קריסטלעכע אַמען, גוישע נעמען און קליידער, טריפות...

וואָס דאַרף מען טון, גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען און צוריק איינ־זעצן די שווערד אין שייד אַריין? מען דאַרף תשובה טון... יעדער יחיד זאָל זיך מאַכן חשבון־הנפש און אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר גאָט, און ביכלל דאַרף כל ישראל געדענקען, אַז עס איז נאָר אַ „גלות"... אַז משיח וועט קומען, מ ו ז קומען, מען וועט גיך און באַלד אויסגעלייזט ווערן, האָבן אַן אייגן און אַ הייליק לאַנד, וווּ גאָט וועט זיין דער הערשער, זיין תורה — דאָס געזעץ און דער מלך־המשיח — זיין פאַרטרעטער צום אויספירן דאָס געזעץ... על־כן: פאַסט און לויפט צו „ויחל" און לערנט אַ שטיק „הכשר הזבח", אָדער וועגן תרומות ומעשרות... גרייט אייך צו.

דער באַלעבאָס, וואָס האָט נאָך אפשר אַמאָל געלערנט אַ פּרק מישניות, נאָר שוין געשטעקט ראשו־ורובו אין פּראַקטישן לעבן, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַ היפּש ביסל עולם־הזה, אַ היפּש ביסל גוטס: געלט, דירה, כלי־בית — וואָס קאָן חרוב ונחרב ווערן און גיי נאָכאַמאָל און זאַמל... דער באַלעבאָס האָט זיך שוין מער דערשראָקן. פאַר אים, דעם גרעסערן וועלט־מענטש, איז שוין עישוו נישט געווען אויף גאָטס באַפעל יעקבן, אויב ער זיצט און לערנט און פירט זיך בדרך־הישר, צו באַדיי־נען, און, אויב נישט, צו שמייסן. עישוו איז אַ מענטש פאַר זיך, מען האָט פון אים פּרנסה אָדער צרות... און אַז ער ווערט בייז, איז נישט גוט...

מען טאָר אים נישט דערצערענען! איז ער אין כעס, מוז מען אים איבער־בעטן, מיט שבתדיקע פיש, פסחדיקן שנאַפּס, מיט אַ חניפהלע און גאַנץ אָפט מיט אַ שמייכל פון אַ יידישער טאָכטער. לאָזט ער זיך נישט — מוז מען זיך באַהאַלטן אין קעלער אריין, ביז דער צאָרן וועט אריבער... נאָר, ווי עס איז, — אונדזער באַלעבאָס איז פאָרט אַ היפּש שטיקל אָפּטימיסט, אריבער וועט עס; ערגערס געווען, — איז אויך אריבער...

ווי אַ דונער פון שיינעם הימל האָט עס געטראָפן, — און צעשראָקן און צערודערט האָט עס אַמערסט דעם יידישן, פּויליש־יידישן אינטעליגענט.

פּלוצלינג, אין ענדע פון ניינצנטן יאָרהונדערט, אַ פייער־בלוטיקער אָפּגלאַנץ פון דער מיטלאַלטער־נאַכט?! איז עס מעגלעך?

מיט פריידיקן האַרץ־קלאַפּן פלעגט ער זיך צוקוקן צום ציפער־בלאַט פון אייראָפּעישן וועלט־זייגער (פון כינע און יאַפּאַן האָט מען נאָך נישט געוווּסט, — אַזיע פוילט)... ווי כאָטש ציטעריק און פּאַמעלעך עס רוקן זיך די ווייזערלעך! באַלד וועט שלאָגן די שטונדע פון באַפרייונג! מיט גרוים נחת פלעגט ער יעדן פרימאָרגן אָפּרייסן דאָס בלעטל פון וואַנט־קאַלענדאַר: [illegible]ליקלעכע צייט איז נענטער מיט אַ טאָג! עס רירט זיך, עס [illegible] די ציוויליזאַציע גייט, די בילדונג שטייגט... נאָך, נאָך עט־[illegible] און אַ[illegible] מענטשן וועלן זיין גלייך, — גלייך גוט, גלייך ערלעך, [illegible] און ממילא וועט אויפהערן דער אַבערגלויבן, דער רע[illegible] [illegible] נאה צום פאָלק ישראל, וואָס האָט געשענקט דער וועלט די גרעסטע מתנה — דעם איינציקן גאָט, די „עשרת־הדיברות" מיטן „אָנכי" בראש!

פון דעם, אַז די בילדונג האָט נאָר אָנגערירט די העכסטע שפּיץ בערג, בשעת ווען אין טאָל איז נאָך אַלץ פאַרזונקען געבליבן אין דער פינצטער־ניש און פאַרוויקלט אין שאָטן — האָט ער זיך קיין רעכנשאַפט נישט אָפּ־געגעבן. קיין נאַציאָנאַלע געפילן און אינטערעסן האָט ער אוודאי נישט פאַרשטאַנען: פאַראַן אַ געדעקטער טיש, דאַרף מען אים אויך אַ בענקל דערלאַנגען, בעטן זיצן און עסן, און טרינקען „לחיים"! ער איז דאָך אַ היגער, אַ היימישער, אַ מחותן אויף דער חתונה, אַן אייגענער!

און אַלע רעכט און פּריווילעגיעס (פון פליכט רעדט די בורזשואַזיע פאַר זיך אַליין זעלטן) געהערן דעם לאַנד. זענען מיר דען זיינע שטיפקינ־דער? עס איז אַרויסגעקומען אַ פאַרקערטער זאַץ: נישט דאָס לאַנד, וואָס צ. ב. ש. „פּאָליאַקן" האָבן פאַרנומען אין „פּוילן", נאָר די, וואָס וווינען אין פּוילן, זענען פּאָליאַקן, וואָרום אַלץ שטאַמט פון דער ערד, די באַגריפן

האָט ער גענומען דאָרט, ווו ער האָט זיין גאַנצע בילדונג גענומען, און אין אַ לאַנד, ווו אַקערבוי איז די הויפּט־באַשעפטיקונג, און דער פּריז, — דער גרויסער גוטבאַזיצער — איז דעריבער דאָס העכסטע און די גרויסע אומגעהייערע פּויערן־מאַסע דאָס וויכטיקסטע, וואַקסט אַלץ — ברויט, פּרנסה און מענטשן־רעכט — פון דער ערד, פון לאַנד!

מען דאַרף נאָר ערלעך אַרבעטן, נישט שווינדלען, נישט פּעקלען קיין סחורה איבער דער גרענעץ, נישט ברענען קיין נישט־אָפּגעצאָלטע בראָנפן און נישט ברייען קיין נישט־אָפּגעצאָלטע ביר. מען טאָר דעם לאַנד קיין שאָדן נישט מאַכן. פאַרקערט — נוצן ברענגען... איז מען אָבער ניצלעך דעם לאַנד, איז מען שוין מיט דעם אַליין „אַביוואַטעל” — לאַנדס־בירגער, און עס קומט בירגער־רעכט! דאָס האָט דער יידישער אינטעלי־גענט, ווי אַלץ, וואָס ער האָט געמיינט און געטראַכט, נאָכגעזאָגט דער לי־בעראַלער קריסטלעכער אינטעליגענץ, וואָס האָט די יידן־פראַגע געשטעלט אין דער איינאַונאייצניקער פאָרעם פון ניצלעכקייט פאַרן לאַנד: צי זענען יידן ניצלעך דעם לאַנד, דער „אָיטשיזנאַ”? אויב יאָ, קומט זיי גלייכבאַ־רעכטיקונג, אויב נישט — נישט! בעסערע און ליבעראַלערע האָבן גאָר געקלערט, צי קאָן מען נישט געבן דאָס בירגער־רעכט אויף קרעדיט? אָדער צי איז ריכטיקער, מען זאָל זיי געבן בירגער־רעכט, זיי זאָלן ליב קריגן דאָס לאַנד, די ערד, און ווערן אַביוואַטעלעס, ניצלעכע און נייטיקע בירגער?...

און עליזאַ אָרזשעשקאָס העלד, דער וועלט־באַרימטער יוזעפאָוויטש, גייט טאַקע און מוסרט זיינע קהלס־לייט, וואָס דעפּרווידירן בראָנפן! — בירגער מוזט איר ווערן, ניצלעכע, נישט שעדלעכע בירגער...

אין דער זעלבער פאָרעם האָט זיך אויך געמוזט אָפּשפּיגלען די יידן־פראַגע אין די געהירן פון אונדזער נישט אָריגינעל, נישט יידיש דענקענדן אינטעליגענט! ער האָט אַלץ איינגענעם זיך און אַנדערע באַוויזן, אַז ער איז ניצלעך! און על־כן קומט אים רעכט אויף לעבן און פּריווילעגיען אויפן לעבן! און בשעת ער טענהט אַזוי — באַץ! פלאַצן יידישע שויבן! ווי הייסט? פאַרוואָס? איז נישט משוגע צו ווערן? און וועמען שלאָגט מען? צי אונטערשיידט מען צווישן ניצלעכע און נישט ניצלעכע? ניין? מוז עס זיין אַ פרעמדע אינטריגע — מען וויל צעקריגן די גוטע ברידער, וואָס האַלטן זיך אַזוי צוזאַמען!...

און אויב נישט, נאָר די אונטערשטע שיכטן פון פאָלק זענען נאָך

ווירקלעך אזוי גראָב, אזוי מיטלאַלטעריש און אומגעבילדעט, דאַרף מען עפּעס טון... ווירקן — — —

עפּעס טון, ווירקן, נאָר נישט מיט אייגענע הענט!... אַדוואָקאַטן ברויכט מען! אַרויסטרעטן זאָלן בעסער יענע... אין נאָמען פון לאַנד... זאָלן זיך מיען אונדזערע גוטע פריינט! און „זכה — מלאכתו נעשית על ידי אחרים" —

אַרויסגעטרעטן איז די קרוין פון פּוילישן פּאַרנאַס — „מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ"! עס איז אַרויס „מענדעל גדאַנסקי" — מענדל גדאַנסקי איז אַרויס, און אַלע נאַיווע, אויבנדערמאָנטע אידעען און פאַרשטעלונגען, אָן אַ צייכן פון וואָס עס איז אַ פּאַרטיפּערונג, שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם „מענדעל גדאַנסקי"...

פון די „קצבים", וואָס זענען אַרויסגעטרעטן אויף דער נאַלעווקי, פון „פּריקאַשטשיקעס" אין הויף — קיין שפּור... נאָר פאַרוואָס קומט מענדל גדאַנסקי צו שלאָגן?

ער איז דאָך אַ ה י ג ע ר, ער וווינט שוין דאָ אזוי לאַנג!

אמת, ער קומט אַרויס פון דאַנציק, און דאַנציק איז היינט פּרייסיש, אָבער ווען מענדל איז געבוירן געוואָרן, איז דאַנציק געווען א ו נ ד ז ע ר, און מיר שענקען נאָך דאַנציק נישט אַוועק! דאָס היסטאָרישע רעדל דרייט זיך, און מאָרגן־איבערמאָרגן קאָנען אַלע דאַנציקער יידן זיין א ו נ ד ז ע ר ע יידן!

און מענדל א ל י י ן פילט זיך דאָ נישט פרעמד, ער האַלט זיך נישט פאַר קיין גר, ער שטייט ביי איר נישט איין, ווי אין אַ גאַסט־הויז, מאָרגן צו פאַרלאָזן; ער איז צוגעבונדן צום פּלאַץ, אויף וועלכן ער לעבט, איינגעפלייטש אין אים, גלייך עס וואָלט קיינמאָל קיין ציון, קיין ירושלים נישט געווען; ער פילט שוין כמעט קיין גלות נישט...

ער פילט זיך נישט פרעמד און איז נישט אָפּגעזונדערט: מיט טויזנט פעדעם איז ער פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט זיינע שכנים. ער קאָן אויסגעצייכנט דאָס שטילע געסל און זיינע איינוווינער; די פיזיאָנאָמיע פון געסל, זיין פּולס, זיין באַוועגונג, זיין קלאַנג! ער קאָן אַלע (קריסטלעכע) קינדער, וואָס לויפן יעדן פרימאָרגן אין אָכראָנע (פּריוט), אין שקאָלע אַריין, ער קען די אַרבעטער, וואָס גייען פאַרביי אין דער פאַבריק אַריין... ער קען אפילו די פייגעלעך, וואָס האַלטן זיך אין די מויערן־לעכער פון דער ביר־ברויערײ.

אַ שפּאַס, אַ מענטש וווינט זיבנאונצוואַנציק יאָר אין איין שטוב!

ער דערקענט, זיצנדיק אין שטוב, די טריט פון סטרוזש, ווען ער פאַרקערט פאַרן הויז, דאָס טרוקענע הוסטן פון יונגן רעפערענט... דער קריסטלעכער זייגער־מאַכער קומט צו אים רעדן פון פּאָליטיק; דער קריסט־לעכער שטריקנמאַכער פאַרטשעפּעט ביי דער קליאַמקע פון זיין טיר די שנור צום דרייען. די קריסטלעכע זיצערקע דערלאַנגט אים פון צייט צו צייט דורכן פענצטער אַ שוואַרצן רעטעך — פאַר קאָלירטע שטיקלעך פּאַ־פּיר (מענדל איז אַן איינבינדער) צום שפּילן פאַר די קינדער, אַ שכן, אַ מאָגערער אָרעמער סטודענט, באָרגט זיך ביי אים אַ שטיקל חלבן ליכטל צום לערנען — —

איר זעט, ווי גינסטיק, ווי גוט עס לעבט זיך!

אפשר איז ער, דער מענדל, שעדלעך, אָדער ווייניקסטנס נישט ניצ־לעך פאַרן לאַנד? גאָט באַהיט! מענדל פּעקלט נישט קיין סחורה, האָט נישט קיין פאַלשע וואָג און מאָס אין האַנט. ערלעך, מיט זיינע צען פינגער פאַרדינט ער זיין ברויט — ער איז, ווי דערמאָנט, אַן איינבינדער, זיבנ־אונצוואַנציק יאָר זיצט ער ביי דעם זעלבן פענצטער מיטן פּיפּקעלע אין מויל און בינדט איין ביכער...

ער איז אַנדערש־גלויביק! אָבער וואָס מאַכט עס אויס! דאַוועננ־דיק טראָגט ער טלית און תפילין, רעדן רעדט ער מיט גאָט אויף אַן אַנ־דער שפּראַך, אין זיין אַלטע הייליקער שפּראַך — אָבער וועמען שאַדט עס? שקצימלעך האָבן אים אַמאָל געוואָלט שלעכטס טון, דערפאַר האָט זיי דער גלח אַליין, וואָס איז גראָד פאַרביינגעגאַנגען, אָפּגעהאַלטן. קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר מיט אַ בליק! אַ שטומע סצענע געווען!

אפשר איז ער, ווי אַנדערע יידן, אַ פאַנאַטיקער קעגן דער בילדונג? אויך גאָט באַהיט! קיין לעבעדיקע קינדער האָט ער נישט, נאָר איין איניקל. און דאָס הוסטנדע איניקל (געזונט איז זעלטן ביי יידן) מיט די דורכ־זיכטיקע אייגעלעך איז אַ גימנאַזיסטל! און ער אַליין, מענדל, האָט גרויס פרייד און נחת דערפון, וואָס ער איז אַן איינבינדער, וואָס ער בינדט איין (חס־ושלום נישט קיין גמרות, נאָר) שול־ביכער... אָט די „פּאַניענקעס", וואָס גייען אין שול אריין לערנען, טראָגן זיינע איינבינדן! נישט נאָר ער אַרבעט, נישט נאָר ער האָט זיך אויסגעאַרבעט ביילן אויף אַלע צען פינ־גער, נאָר אומדירעקט העלפט ער נאָך, עס זאָל זיך צעשפּרייטן בילדונג!

און, אַז דאָס איניקל קומט אַמאָל אַהיים פון גימנאַזיום אָן אַ היטל, וואָס מען האָט אים אָפּגעריסן, און צעהעשעט, ווייל מען האָט אים גערופן „זשיד" — שטראָפט אים דער אַלטער מיט גוטן: „וואָס וויינסטו, נאַר?

דו ביסט אין שטאָט געבוירן געוואָרן, דו ביסט נישט פרעמד! און כל־זמן דו פירסט זיך ערלעך, האָסטו דאָס רעכט ליב צו האָבן די שטאָט..."

און אַז עס מאַכט זיך אַ קלאַנג, אַז מען וועט יידן שלאָגן און דער שכן, דער זייגערמאַכער, דערציילט עס אים גאַנץ קאַלטבלוטיק, פרעגט דער אַלטער מענדל:

— וואָס פאַר אַ יידן? גנבים?

און אַז דער זייגערמאַכער זאָגט: אַלע, וואָס שטאַמען נישט אַרויס פון דער היגער ערד, פרעגט ער:

— און איך פון וואַנען וואַקס?

און נאָך אַ רעכט האָט מענדל אויפן לאַנד... אין שלעכטע צייטן האָט ער גליַיך מיט אַלע געליטן... שימחות פאַרייניקן נישט אַזוי קיין מענטשן, ווי טרויער און לייד!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָך איז געשען, וואָס עס איז געשען... עס האָבן זיך געוויזן עפּעס פרעמדע, באָרוויסע, גאָר אַנדערע פּנימער... דער אַרכיוואַריוס אויך... נאָר דער היימישער סטרוזש האָט געוואָלט ראַטעווען, די דינערן... און ענדלעך אָפּגעראַטעוועט אים האָט דער מאָגערער סטודענט...

פרעגט זיך: וואָס איז פאָרגעקומען אין מענדל גדאַנסקיס קאָפּ?

בשעת־מעשה לאָזט זיך מענדל נישט ראַטעווען דורך אַריינשטעלן אַ הייליק בילד אין פענצטער... ער וויל אַפילו פון פענצטער נישט אָפּ־טרעטן, נאָר דער סטודענט שטופּט אים אָפּ מיט געוואַלט, און לאַחר־המעשה זאָגט ער:

— איך האָב פאַרלוירן דאָס האַרץ צו דער שטאָט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בשעת, ווען דער פּראָסטער עולם האָט רחמנות און וויל ראַטעווען דעם אַלטן מענדל; בשעת, ווען די האַלב־געבילדעטע — דער זייגערמאַכער, דער אַרכיוואַריוס — פאַרשטייען גאַנץ ריכטיק, אַז פרעמדע איז נישט קיין גרויסע עוולה, אַז מען שלאָגט, זאָגט מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ: ניין! מען טאָר מענדל גדאַנסקי נישט שלאָגן! — — פאַרוואָס? ווייל ד ע ר ייד איז נישט פרעמד... אַ היימישער איז ער, ווען אַפילו פון דאַנציק! און ער איז אַן איינבינדער, על־כן: פאַרדינט ער ערלעך זיין ברויט; און איז קיין פאַנאַטיקער, ער בינדט איין ביכלעך פאַר די „פּאַניענקעס" אין שול אַריין און שיקט זיין אייגן אייניקל אין גימנאַזיום!...

און מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, וואָס קאָן יאָ אַריינקוקן אַ מענטש אין

דער נשמה אריין, האָט נישט באַמערקט, אַז דער פּראָסטער עולם לעבט מיט מענדל גדאַנסקי גוט נאָר פון דער ווייטנס: מען רעדט פון פּאָליטיק, נישט פון זיך, מען בינדט אָן די שנורן אָן יענער זייט קליאַמקע, נאָר קיין איינציקער פאַרעם בינדט נאָך נישט די הערצער. מען טוישט שוואַר־צע רעטעך מיט קאָלירטע פּאַפּיר דורכן פענצטער — און ראַטעווען וויל מען נאָר דעם נאָנטן שכן, צו וועלכן מען האָט זיך צוגעוווינט — אַנדע־רע זענען הפקר! און ראַטעווען וויל מען, נישט מיט זיך אַקעגנשטעלן, מיט אָפּטרייבן די שלעגער. עמפּערט, דערצאָרנט אויף זיי איז קיינער נישט — מען וויל נאָר מענדלען באַהאַלטן, אָדער די שלעגער אָפּנאַרן מיט אַ הייליקן בילד! — — —

און אין קאָנאָפּניצקאַ אַליין האָט זיך אויך דער מענטש נישט גע־וועקט... זי קוקט אויף אַלץ פון גאַנץ נידעריקן פּאַטריאָטישן שטאַנד־פּונקט: אונדזער מענדל... אַ י ר ע שכנים, צו וועלכע זי האָט זיך צו־געוווינט, זענען אַ ל ע פּוילישע יידן לכל־הפחות: איינבינדער, וואָס האָבן אייניקלעך אין גימנאַזיום...

זי האָט אַ ברייטער הארץ פאַר דער דינערן...

און איז קלינגער אויך: מענדל קאָן נאָך פאַרלירן דאָס הארץ פאַר דער שטאָט... און אַלע מענדלס פאַרן לאַנד...

און אפשר טענהט זי מיטן עולם: לדידך?

1905

מאָושא יענקעלעוויץ

אַ טיפּ פון אַ יידיש-פּוילישן כלל-טוער

עס איז מיר אין דער האַנט געקומען אַן אַלט ביכל, געדרוקט 1819, אין וואַרשע, ביי די פּיאַרן. אַ פּויליש ביכל; ביבולע-פּאַפּיר, צעהאַקטע אותיות, אַן אינטערעסאַנטער טיטל: ווי אַזוי דורכ־צופירן די יידישע רעפאָרם אין פּוילן, און דער מחבר: מ אָ ו ו ש א י ע נ ק ע ל ע ו ו י ץ.

וועך איז מאָושא יענקעלעוויץ?

זאָל ער אַליין ענטפערן:

„איך בין — זאָגט ער — אַ ייד“, נאָר נישט איינער פון די אַלטע יידן, וואָס האָבן דאַמאָלט נאָך נישט אויפגעהערט צו זאָגן „לשנה הבאָה בירושלים“ און צו וויינען ביי „על נהרות בבל“, — וואָרום: „וואָס אָנ־באַלאַנגט דעם פאָטערלאַנד (פּוילן, הייסט עס) טרעט איך, מיט מיין ליב־שאַפט צו אים, דעם בעסטן ריין־קריסטלעכען פּאָליאַק נישט אָפּ“.

און די ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד האָט ער בירושה, שוין דריי דורות, אַז זי בליט אין דער מישפּחה יענקעלעוויץ, ווי אַ רויז. דער זיידע האָט זי איינגעפלאַנצט דעם פאָטער, און דער פאָטער — דעם זון. זיי האָבן געזאָגט: האָב ליב דאָס פּוילישע פאָלק...

דאָס פאַרטוישן די באַגריפן פון „פאָלק“ און „לאַנד“ איז נאָך נוהג ביזן היינטיקן טאָג. און מיר קאָנען דערפאַר אויפן אַלטן יענקעלעוויץ קיין פאַריבל נישט האָבן. זיינע גייסטיקע יורשים, קעמפּנער, דוטלינגער, דר. נוסבוים און זייערע נאָכשטופּער, האָבן אויך דעריבער קיין קלאָרע באַגריפן נישט. אינטערעסאַנט אָבער איז, אַז ליב האָבן דאָס פּוילישע פאָלק דאַרף מען נישט דעריבער, ווייל מען דאַרף אַלע פעלקער ליב האָבן, נאָר ווייל „דאָס פּוילישע פאָלק איז איידעלער אין כאַראַקטער, אַלס אַלע

אַנדערע פעלקער״, והאַ־ראיה: גרויסע לענדער ביי זיין גרענעץ האָט עס צוגעבונדן צו זיך מיטן האַרץ און נישט מיט דער שווערט! שכנים, וואָס זענען געגוג שטאַרק געווען צו לעבן אויף אייגענער פויסט, זענען גערנ־וויליק געקומען צו אים און געבעטן: „לאָז אונדז דיינע ברידער זיין; נעם אונדז צו! לאָז אונדז געניסן אין פריידן די פרוכטן פון דיינע איינריכטונ־גען און רוען אין זיסן שאָטן פון דיינע אַנשטאַלטן! די פוילישע גוטהאַר־ציקייט האָט מיט דייטשן די פוילישע שטעט באַפעלקערט, און אונדז פאַר־וואָגלטע, פון אָרט צו אָרט געטריבענע, האָט עס די טויערן פון לאַנד גע־עפנט!״

עס מאַכט נישט אויס, וואָס די גערנוויליק אונטערגעגעבענע פעלקער ווערן נישט אָנגערופן ביי די נעמען, און די צייט, ווען דאָס אַז געשען, איז נישט אָנגעוויזן, עס מאַכט אויך נישט אויס, וואָס אביסל שפּעטער זאָגט דער זעלבער יענקעלעוויץ דעם פוילישן פאָלק מוסר, פאַרוואָס ער מערט און פּרוכפּערט זיך אַליין נישט, ווי געהעריק, און מוז דעריבער דאָס לאַנד מיט פרעמדע באַזעצן; אינטערעסאַנט איז דער פרעמדער „אתה בחרתנו״...

דורכגעדרונגען מיט ליבע צום פאָטערלאַנד און מיט דאַנקבאַרקייט צום פוילישן פאָלק, וואָס האָט אונדז די טויערן געעפנט, האָט יענקעלע־וויץ אַלץ געטאָן, וואָס דאָס פאָטערלאַנד האָט געקאָנט פון אים פאַרלאַנ־גען, און דאָס איז ווירקלעך זייער שיין און גוט פון זיין זייט. זיינע גייסטי־קע יורשים זינגען דעם פוילישן „אתה בחרתנו״ און עס קאָסט זיי נישט אַ קאָפּיקע, פאַרדאָן: היינט רעכנט מען שוין צוריק אויף גראָשן — אַ „גילדן מיט זעקס גראָשן.״

יענקעלעוויץ האָט זיך מקריב געווען נישט נאָר מיטן מויל, אָדער מיט דער פעדער אין „קוריער וואַרשאַווסקי״.

ביי דער ערשטער מרידה (31) האָט ער געלט געגעבן (לויט יכולת, שרייבט ער), אין די שילן (זיינע יורשים וואָלטן עס בעסער אין קלויסטער געטון) האָט ער הייסע רעדן געהאַלטן (מין־הסתם אויף יידיש, וואָס זיי־נע יורשים וואָלטן שוין נישט געקאָנט), און האָט אויפגעוועקט אין די יידישע הערצער די ליבע צום פאָטערלאַנד. צוויי זין האָט ער געהאַט, האָט ער זיי געשיקט אין געפעכט אַריין, זיי האָבן זיך געשלאָגן אונטער דער קאָ־מאַנדע פון יוסף בערקאָוויץ1) און זענען געפאַלן...

1) אפשר בערעק יאָסעלעוויטש? — רעדאַקציע.

דאַכט זיך, גענוג מיטל אויף אַ פּאַטריאָט; ער האָט אָבער נאָך מער געטון; צוויי אייניקלעך — מיידלעך — האָט ער געהאַט, האָט ער זיי געוואָלט אויף אַ „פּענסיע" שיקן. „לײדער אָבער — וויינט ער מיט עכט־האַרציקע טרערן — האָט ער אין וואַרשע קיין פּוילישע „פּענסיע" נישט געפונען! פראַנצויזיש לערנט מען!

אפילו די דינסטן אויף דער פּענסיע רעדן פראַנצויזיש! און וואָס, אומשטיינס געזאָגט, ווערט געלערנט? דעקלאַמאַציע, קאַליגראַפיע, אָר־טאָגראַפיע, געאָגראַפיע, קאָסמאָגראַפיע... לימודים, וואָס האָבן אפילו קיין פּוילישע נעמען נישט; יענקעלעוויץ וויל אָן עכט־פּויליש־נאַציאָנאַלע פּענ־סיע אָן קאַליגראַפיע, אָרטאָגראַפיע און געאָגראַפיע... אַ שתדלן מעג זיין אַ שטיקל עם־האָרץ אויך, ביפרט, אַז די אייניקלעך האָבן קיין חרטה נישט, וואָס זיי זענען ווייבלעך געוואָרן, „זיי זענען — זאָגט ער מיט זיי־דישן שטאָלץ — שיין, געזונט, שטאַרק; די פּוילישע לופט שאַדט זיי נישט און זיי הייבן נישט אָן צו בענקען קיין פּאַריז. זיי האָבן, גאָט זיי דאַנק, קינדערלעך, און פירן אַ שטאָט!"

די „מרידה" איז אָפּגעפאַלן, פּוילן איז גאַנץ יידישלעך באַשײטן גע־וואָרן, און עס שווימט אַרויס די פראַגע פון אַלגעמיינע רעפאָרמען. דאָס באַשײטענע פּוילן האָט זיך אומגעקוקט, אַז עס האָט אַ שלעכט לעבן גע־פירט, און וויל זיך פאַרבעסערן. וואָס טוט מען אָבער מיט די יידן? זיי אויך רעפאָרמירן? ווי אַזוי? אָט־דאָס איז די פראַגע! און אין דער פראַגע נעמט יענקעלעוויץ דאָס וואָרט!

נאָר נישט מיט דער פּעדער האָט ער אָנגעהויבן. פריער האָט ער זיך געפּרוּווט מיט אַ בעסערן כלי־זיין. גאַנץ נאַיוו דערציילט ער:

„די, וואָס האָבן צו שאַפן און אַ דיעה צו זאָגן, האָבן פון רעפאָרמען נישט גערעדט, זיי זיינען פאַרנומען געווען מיטן (נאַפּאָלעאָניש־רוסישן) קריג (1812), אַרויסגעטראָטן זענען נאָר, און שלעכט גערעדט, פּריוואַטע „פּראָיעקטן־מאַכער", און זיי האָט ער איינפאַך געוואָלט מיט לאַ־יחרץ־געלט דאָס מויל פאַרשטאָפּן, עס איז אָבער אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער; עס איז אַ סקאַנדאַל געוואָרן... און דערווייל האָט זיך דער קריג אומגע־ריכט געענדיקט, די פראַגע איז שוין אויף אַנדערע הענט געקומען, פון „איבערקויפן" איז שוין נישט צו רעדן, און דעריבער שרייבט ער זיין בוך...

ווי אַזוי זאָל מען דורכפירן די רעפאָרם?

אין פּרייסן האָט מען רעפאָרמירט אויף אַ מאָדנער אַרט: מען האָט

גענומען די יידן, וואָס האָבן זיך נישט באַשעפטיקט מיט אַקערבוי, און געטריבן פון די דערפער אין די שטעט אַריין. אין מיטלאַלטער האָט מען נאָך איינפאַכער רעפאָרמירט: מען האָט גענומען דאָס ביסל יידן און גע־וואָרפן איבער דער גרענעץ. דאָס אַלץ איז באַרבאַריש; דאָס וועט פוילן נישט טון.

מען וואָלט געדאַרפט נאָכמאַכן פראַנקרייך. פראַנקרייך האָט מיט־אַמאָל איבערגעשניטן דעם קנופ, צוזאַמענגערופן אַ סנהדרין, עס זאָל זאָגן, אַז פּאַריז איז דאָס זעלבע, וואָס ירושלים, און פראַנצויזישע טעכ־טער האָבן נישט דעם דין פון בת־עכו"ם, און אויף דעם געשטיצט, האָט מען אַריינגעשריבן אַ פּאַראַגראַף אין קאָדעקס, אַז „אַלע, וואָס זענען גע־בוירן אין פראַנקרייך, זענען פראַנצויזן." היינט וואָלט קעמפנער, דוט־לינגער, נוסבוים מער נישט געוואָלט; זיי וואָלטן עס געהאַלטן פאַרן איינ־ציקן מיטל אַן עק צו מאַכן מיט דער פאַרשאָלטענער יידן־פראַגע. יענקע־לעוויץ אָבער, זייער גייסטיקער עלטער־זיידע, איז אַביסל ניכטערער און פּראַקטישער געווען.

„פּוילן — זאָגט ער — איז נישט פראַנקרייך".

פראַנקרייך איז דעמאָלט, וואָס אָנבאַלאַנגט יידן, געווען אין דער זעל־בער לאַגע, ווי דאָס היינטיקע רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט קיין יידן נישט אַריינגעלאָזט און האָט זיי באַקומען בירושה צוזאַמען מיט די פּויליש־ליטווישע פּראָווינצן; פראַנקרייך האָט אויך געהאַט נאָר פרעמדע — דייַ־טשע יידן; אירע אייגענע האָט זי ערשט נישט לאַנג געהאַט אַרויסגעטריבן. און דאָס ביסל פרעמדע יידן האָט נישט געלעבט אין סאַמעראָדנע מיט פון פראַנצויזישן האַרץ, נאָר טאַקע אין די גרענעץ פּראָווינצן, וואָס זי האָט פון דייטשלאַנד אָפּגעשניטן, פון אַזאַ קליין ביסל יידעלעך מאַכט מען פראַנצויזן איבער נאַכט! אַ נייער פּאַראַגראַף אין קאָדעקס און — אויס יידן!

אין פּוילן אָבער וועט זיך די יידישע מאַ־סע אַזוי געשווינד נישט אונטערגעבן! זי איז צו שטאַרק, צו גרויס, און מערט און פרוכפּערט זיך שטאַרקער, אַלס די פּאָליאַקן. אויפוואַרפן דער יידישער באַפעלקערונג אַ רעגאָרם פון דרויסן איז אומעגלעך. דער זאָמען, פון אַ פרעמדער האַנט געוואָרפן, וועט אין דער באַפעלקערונג קיין נאַרונג נישט באַקומען און וועט נישט געדייען...

יענקעלעוויץ פאַרשטייט, אַז מען מוז ברענגען דערצו, די יידישע באַפעל־קערונג זאָל זיך װ ו ע ל ן רעפאָרמירן, אַז מען דאַרף צו איר רעדן,

נישט אין נאָמען פון די אינטערעסן פון *פּוילישן* פאָלק, נאָר אין נאָמען פון אירע אייגענע פאָלקס־אינטערעסן! די רעפאָרמען דאַרפן נישט באַפוילן ווערן; רעפאָרמירן מוז זיך יעדעס פאָלק אַליין...

יענקעלעוויץ האַלט פאַר צוועקמעסיק און נאַטירלעך, אַז „*צוויי פעלקער, וואָס באַוווינען איין לאַנד, דאַרפן זיך צוזאַמענגיסן און ווערן איין פאָלק. נאָר דערויף* — פאַרשטייט ער — *דאַרפן ביידע פעלקער באַשטיין; דערינען דאַרף יעדעס פון ביידע פעלקער געפינען די באַפרידיקונג פון זייערע אייגענע אינטערעסן...*

דאָס וועלן שוין יענקעלעוויצעס אייניקלעך נישט פאַרשטיין! ער אַליין, מוז מען מודה זײַן, האָט אויך קיין קלאָרן באַגריף דערפון נישט געהאַט, און אויסער דער קורצער אַבסטראַקטער פראַזע, געפינען מיר אין דעם ביכל קיין איינציק וואָרט, וואָס זאָל נענטער אָנווייזן, ווי אַזוי די יידישע אינטערעסן קאָנען באַפרידיקט ווערן אינעם „צוזאַמענגוס". אָבער הימל־הויך שטייט יענקעלעוויץ איבער זיינע אייניקלעך. עס אַרט אים נישט, וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט אין פוילן פאַרשווינדן; ווייניקסטנס אָבער פילט ער, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף עס וועלן, גערנוויליק טון; אַליין קומען און זאָגן: „נעמט אונדז צו", ווי אַנדערע, נישט באַשניטענע פעלקער, האָבן עס, לויט יענקעלעוויצעס געשיכטע געטאָן...

אויך רעדט ער פון... „אונדזערע אינטערעסן". ער רעדט נישט פון יידן, ווי זיינע אייניקלעך, בלשון ניסתר. „מיר, יידן", זאָגט ער, און וויל ער עפּעס, זאָגט ער „גיט אונדז", נישט „גיט זיי", ווי היינט די מאָדע איז.

איז דאָך אָבער די פראַגע: ווי קאָן דאָס צוזאַמענגיסן געשען: ווי קאָן פוילן אַסימילירן אַזאַ גרויסע יידישע מאַסע, וואָס וואַקסט און פּרוכפּערט זיך שטאַרקער, אַלס די פּוילישע?

און דאָ ווערט יענקעלעוויץ נאַיוו און ווערט ערשט רעכט אינטערעסאַנט. פאַרקלענערן די יידישע פּרוכטבאַרקייט וויל ער נישט.

דאָס, וואָס מיר יידן פּרוכפּערן זיך, האַלט ער פאַר זייער גליק. „דאָס קומט דערפון — זאָגט ער שטאָלץ — וואָס מיר יידן האַלטן ערלעך אונדזערע ווייבער, מיר ערן און שעצן און פאַרזאָרגן זיי מיט אַלעם גוטן! מיר האַלטן שטאַרק פון „מענטשלעכן געשלעכט", מיר ווילן די *מענטשלעכקייט* זאָל וואַקסן! די „רעליגיע" הייסט אַזוי! עס

איז גאָטס געבאָט... און — אַלע מיידלעך ווערן ביי אונדז (נישט היינט געדאַכט!) כלות, כלות האָבן חתונה! מיר, יידן, באַמיען זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַז קיין איינציקער ווייבערישער טאַלענט (!) צום געבערן זאָל נישט פאַרלוירן ווערן! און דאָס פאָרפאָלק לעבט ביי אונדז, ווי גאָט האָט געבאָטן, אונדזערע ווייבער קינדלען פון דער פריסטער יוגנט ביז דער טיפער עלטער... און טרעפט אַמאָל אַן אומגליק, עס איז קיין גלייכער זיווג נישט געווען, עס איז קיין שלום־בית נישטאָ, ווערט מען לייכט גע־האָלפן: גט מען זיך שטיל, אָן סקאַנדאַלן, און פון איין שלעכטער פּאָר ווערן צוויי גוטע! און זיי לעבן שוין צוועקמעסיק, ווי גאָט האָט געבאָטן!"

און דעריבער, כדי די יידישע מאַסן זאָלן נישט זאָגן, וואָס טויגן אונדז די פּאָליאַקן, וואָס העלפן מיר זיי, אין אַ צייט אַרום וועלן מיר זיין אין אַ מערהייט און מיר וועלן דאָ געוועלטיקן — ראָט יענקעלעוויץ, אַז די פּאָליאַקן זאָלן זיך אויך מערן און פרוכפּערן!

„נביא לגויים נתתיך" — די אייביקע יידישע מיסיע...

„זעט — זאָגט ער מוסר די פּאָליאַקן — מיר האָבן קיין גיטער, קיין דערפער נישט, קיין גרויסע קאַפּיטאַלן אויך נישט, און מיר מערן און פרוכפּערן זיך, בשעת ווען אייערע פּאַלאַצן ווערן חרוב אָן באַוווינער, אייער לאַנד שטייט לער, אייערע שטעט פאַרנעמען פרעמדע, און מיליאָ־נען פעלן אייך אייער לאַנד צו באַזעצן".

אָן עכט נביאישער טאָן! דערנאָך גייט נאָך אַ משל, ווי פון מדרש אַרויס!

— „מערט אייך, וואָרום אַ פּאָלק, וואָס זאָרגט נאָר פאַר דעם, וואָס לעבט שוין, זעט נישט זיך ווייטער צו פאַרפלאַנצן, איז געגליכנט צו אַ פּויער, וואָס היט אָפּ דאָס קאָרן, וואָס ער האָט שוין אין שפּייכלער; לאָזט איבער זיין פעלד אומבאַאַרבעט און זאָרגט נישט, עס זאָל ניי קאָרן וואַקסן!"

איך האָב אייך אָן אַלטן קבר געעפנט און אַ שוכן־עפר געוועקט. קוקט אייך צו אים צו. אַז די קאַדעטן־דומע וועט זיך אויספירן און פוילן וועט אויטאָנאָמירט ווערן — וואָס עס קאָן און דאַרף געשען — וועט יענקעלעוויץ אויפשטיין תחית־המתים. אָן אַנדערן סטיל וועט ער האָבן, נאָר קליגער וועט ער נישט ווערן, ער וועט נאָר שוין אַזוי נאַיוו און ער־לעך נישט זיין...

1906

„די שטים פון יידישן פאָלק“

און נאָך אַ קבר וועל איך אייך עפענען; און די לעפצן פון נאָך אַ שוכן־עפר וועלן זיך רירן; און איר הערט אייך איין צו די רייד פון טויטן, כדי איר זאָלט די לעבעדיקע פארשטיין.

אויך אַן אַלט ביכל. געדרוקט 1818; געקאָסט האָט עס צוויי גילדן מיט פופצן גראָשן; אָבער דער מחבר פון אַלטן ביכל איז שוין נישט קיין רייכער בעל־טובה, נאָר אַ רב פון ל...רער שיל, מיטן נאָמען ר׳ משה בן אברהם.

ר׳ משה בן אברהם שרייבט אויך וועגן רעפאָרמען, אָבער נישט פאַר זיי, קעגן די רעפאָרמען שרייבט ער. ער פירט אויך מילחמה אויף מעסער־שטעך מיט די „פּריוואַטע פּראָיעקטן־מאַכער“, הויפּטזעכלעך אָבער גאַרטלט ער אונטער זיינע לענדן עבן קעגן די, וואָס מאָווסאַ יענקעלעוויץ 1) וואָלט זיי אויפן האַלדז געפאַלן, און מיט דאַנקבאַרע טרערן די פנימער באַנעצט...

בשעת ווען מאָווסאַ יענקעלעוויץ וויל, אַז די רעפאָרמען זאָלן אויסגעפירט ווערן, נאָר נישט מיט געוואַלט; נישט אָנגעוואָרפן פון דרויסן, נאָר אָנגענומען מיטן גוטן יידישן ווילן — איז ר׳ משה בר׳ אברהם איבערהויפּט קעגן רעפאָרמען... גלייכבאַרעכטיקונג מהיכא־תיתי, אָבער אָן רעפאָרמען.

און אַ פאַרצוג האָט דער רב איבער מאָווסאַ יענקעלעוויץ מיט דעם, וואָס ער רעדט וועגן די רעפאָרמען און זייערע פּראָיעקטאַנטן פיל קלאָרער און דייטלעכער.

פּראָיעקטאַנטן — זאָגט דער רב — זענען פאַראַן צווייערליי; איין סאָרט וויל אַרויסטרייבן קעגן אונדז, ווי נבוכדנצר; דאָס הייסט פאַרניכטן: גענעמען דאָס ביסל יידן, אַפּרייסן פון די ערטער, וווּ זיי וווינען, און פאַר־

1) זע דעם אַרטיקל אונטערן זעלבן נאָמען.

טרייבן איבער דער גרענעץ פון דער גרויסער טאַרטאַריי, איינפאַך. דער צווייטער סאָרט אָבער וויל האַנדלען, ווי אַנטיוכוס; דאָס הייסט — יידן מעגן בלייבן, מען דאַרף נאָר פאַרטיליקן די יידישקייט.

סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האַלטן דאָס יידנטום פאַר נאַריש, זאַבאָבאָניש און שעדלעך. אַזוי פאַר די אינטערעסן פון לאַנד, ווי פון היימישן פאָלק. נאָר בשעת, ווען די ערשטע האַלטן די יידן פאַר אומפאַרבעסערלעך און ווילן זיי דעריבער איינפאַך פאַרניכטן, רעכענען די צווייטע, אַז מען קאָן דעם יידישן כאַראַקטער, ווי שטאַרק ער איז נישט פאַרדאָרבן, אויסבעסערן, ציוויליזירן און ניצלעך מאַכן.

צו דעם צוועק דאַרף מען דעם יידן ענלעך מאַכן צום קריסט: שערן פּיאות, גאָלן בערד, קירצן די קאַפּאָטעס — דאָס איז פון אויסנווייניק. וואָס אַנבאַלאַנגט אין תוך פון דער נשמה אַריין: פאַרמאַכן די דיינים־שטיבלעך, פאַרשליסן די חדרים, עפענען פאַר יידישע קינדער די אַלגעמיינע שולן און לערנען שרייבן און לעזן פּויליש.

די פּראָיעקטאַנטן, וואָס האָפן אויף דער פאַרבעסערונג פון יידישן כאַראַקטער, צעפאַלן זיך ווייטער אין צוויי טייל. אייל טייל וויל, מען זאָל יידן געבן גלייכבאַרעכטיקונג אויף אָרט און שטעל, גלייבנדיק, אַז דאָס וועט וועקן ביי זיי דעם „פונקט — האָנער״ צו ווערן לייט; האָפנדיק, אַז ווען זיי ווערן צוגעלאָזט צום טיש צווישן פיינע געסט, וועלן זיי זיך במילא אויסלערנען גלייך זיצן און באַנוצן מעסער און גאָפּל; דער צווייטער טייל אָבער האָט ווייניקער צוטרויען צום יידישן ערנגעפיל און פאַרלאַנגט, די גלייכבאַרעכטיקונג זאָל קומען שפּעטער, אַלס לוין, — אַלס שכר פאַר מעשים־טובים, וואָס מוזן פריער געשען.

לויט דער מיינונג פון די לעצטע, דאַרף מען אויפשטעלן אַן אַלגעמיינעם רעגל, וואָס זאָל אויסשליסן די יידן פון דער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז די אַלגעמיינע רעגל האָט אַן אויסנאַם, נעמלעך: „דאָס אויסשליסן איז נאָר נוהג קעגן די יידן, וואָס גלייבן, אַז דאָס אונטערשיידן זיך פון קריסטן איז די פליכט פון זייער געוויסן און רעליגיע.״

אָבער ביידע טיילן פון צווייטן סאָרט פּראָיעקטאַנטן זענען זיכער, אַז „מען מוז יידן ציוויליזירן; פאַרטוישן זייער שפּראַך, די קליידער און די דערציונג״, ווייל נאָר אַזויערנאָך וועט געענדערט ווערן דער יידישער כאַראַקטער און דאָס יידישע פאָלק וועט פאַרדינען די אַכטונג פון אַלע פעלקער.

דער אונטערשיד צווישן ביידע טיילן פון צווייטן סאָרט פּראָיעק־

טאַנטן און אַנטיוכוס באַשטייט נאָר דערין, וואָס אַנטיוכוס האָט געוואָלט מאַכן פון יידן גריכן און געצנדינער, בשעת די פּראָיעקטאַנטן ווילן מאַכן פון יידן — טרעפט וואָס? מאָוושאַ יענקעלעוויץ וואָלט געזאָגט: פּאָליאַקן. דאָס זעלבע וואָרט איז אייך געווים אויף דער צונג געלעגן; נישט דאָס אָבער האָט ר׳ משה בר׳ אברהם געמיינט; נישט דאָס האָט ער געפּאָדערט. ר׳ משה בר׳ אברהם שטייט נישט אויפן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן, נאָר אויפן ר ע ל י ג י ע ז ן שטאַנדפּונקט. ער זעט מיט שרעק, אַז מען וויל מאַכן פון יידן גויים; ערגער ווי גויים: אַטעיסטן — כופרים בעיקר וויל מען זיי מאַכן.

די „נאַטוראַליסטן”, וואָס האָבן דאַמאָלט גראַסירט, אַלס אַ פּאַר־שלעפּטע קרענק פון פראַנקרייך, וואַרפן אונדזער רב אין זיבעטן שוויים. מען דאַרף נישט מער, זאָגט ער, נאָר אַ ייד זאָל שיקן זיין קינד אין „שקאָ־לע” אריין, עס זאָל זיך לערנען לעזן און שרייבן פּויליש! עס וואָלט אַן עק געוואָרן פון יידישקייט. דאָרט, אין שקאָלע, וואָלטן דעם קינד געפאַלן אין די הענט אריין די געוויסע ביכלעך, וואָס רעדן על ה׳ ועל משיחו, גאָט און זיין תורה, שפּעטן פון יציאת מיצריים און אַלע ניסים, אַזוי אויף דער יבשה, ווי אויפן ים, און פון יידישן קינד וועט, חס־ושלום, ווערן „ני פּיעס ני ווידראַ”, — דאָס הייסט: נישט קיין קריסט און נישט קיין ייד — נאָר אַזוינס, וואָס גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

לויט דעם פּלאַן — עמפּערט זיך דער רב — וועט ווירקלעך גע־ענדערט ווערן דער יידישער כאַראַקטער, אָבער „פּאַטאַל” געענדערט. צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זעט אונדזער רב זייער פיל פּילאָ־זאָפן, אַפּיקורסים, מינים, מיט איין וואָרט „נאַטוראַליסטן”, גאָט־לייקע־נער, חוזק־מאַכער — זאָלן זיך נאָר יידן אויסלערנען פּויליש, ווע̇לן זיי טרעפן מיט די דורשטיקע מיילער צום זעלבן גיפטיקן וואַסער, און וועלן זיך פאַרסמען די נשמות...

„איז נאָך ווייניק — בייזערט זיך דער רב — וואָס דער גענעראַל (איינער פון די פּראָיעקטאַנטן) וויל ביי אונדז צונעמען אונדזער שפּראַך, וואָס טיילט אונדז אָפּ ווי אַ מויער, פון אַלדאָסבייז פון דרויסן; וויל ער נאָך צו נעמען ביי אונדז די באָרד און פּיאות... וויל ער נאָך צונעמען ביי אונדז (רבנים) דאָס רעכט צו מישפּטן און פּסקענען, און שטעלט זיך, מיט זיינע פּאָליטישע אינטריגן, אַפּילו נישט אָפּ פאַר הלכות אישות — און וויל מבטל מאַכן די יידישע דינים פון גטין וקדושין, מכל־שכן פון יבום.

פּרעה — זאָגט דער רב — האָט מיטאַמאָל אַזויפיל נישט געוואָלט;

דער אונטערשיד איז נאָר, וואָס פּרעה האָט עס געטאָן פאַר שינאה צו די בני־יעקב און וואָס דער גענעראַל ראָט עס מכלומרשט פון גוטן הארץ, וואָס איז פול צו אונדז מיט ברידערלעכער ליבשאַפט. ער מיינט דערמיט אונ־דזער טובה. ער נעמט אונדז פיל צו, כמעט די נשמה, ער וויל אָבער נישט אומזיסט, ער גיט עפּעס דערפאַר — אַ לעקעכל! דאָס הייסט, גלייכבארעכ־טיקונג! ער וויל אונדז אַ ד ע ל י ק מאַכן און דעם טיטל ב י ר ג ע ר געבן. פאַר דעם „לעקעכל" אָבער וועט זיך עס נישט מאַכן. „טוישן דעם מענטשנס כאַראַקטער הייסט, אין מאָראַלישן זין, פאַרענדערן זיין נשמה, זיין האַרץ, זיין פאַרשטאַנד, ווילן, און די אַרט צום דענקען. און אויב מען וויל עס אויספירן ביי יידן, הייסט עס, אַז מען וויל פון יידן מאַכן אויס יידן; עבן דאָס, וואָס אַנטיוכוס האָט געוואָלט! און מיר ווייסן, אַז דאָס האָט דער טייוול דעם מלך אַנטיוכוס די עצה געגעבן!..."

יידן וועלן דאַנקען דערפאַר! זיי וועלן זיך און זייער יידישקייט פאַרן טאָפּ לינדזן נישט פאַרקויפן! אַזוי מיינט דער רב.

יידן — זאָגט ער — בלייבן יידן! אָבער נישט, חס־ושלום, אין נאַ־ציאָנאַלן זין. פון דער יידישער נאַציע ווייסט דער רב אַזוי פיל, ווי מאָוור־שאַ יענקעלעוויץ. דאָס הייסט: גאָרנישט! פאַראַן נאָר אַ גלויבן, אַ יידישע אמונה, וואָס פאַראייניקט אַלע געשניטענע פון דער גאַנצער וועלט; אָבער ווער עס מיינט, ווי דער גענעראַל זאָגט, אָדער ווי המן האָט אַמאָל גע־זאָגט, אַז יידן זענען אַן אָפּגעזונדערטע נאַציע און געהאָרכן נישט די גע־זעצן פון מלך און לאַנד וכו' — דער איז איינפאַך אַן אידיאָט! יידן אין פוילן זענען פּאָליאַקן, אין פראַנקרייך — פראַנצויזן, און אַזוי ווייטער... מיט איין וואָרט, אין דעם פאַל, איז דער רב מיט דער זעלבער מיינונג, ווי מאָוושאַ יענקעלעוויץ מיט אַלע זיינע גייסטיקע אייניקלעך... און ווען עס וואָלט אין פוילן צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ סנהדרין, וואָלט אונדזער ר' משה בר' אַברהם געקאָנט זיין פּאָרזיצנדער...

צי וואָלטן אונדזערע היינטיקע רבנים אַנדערש געענטפערט אויף דער פראַגע? געוויס נישט. אַמווייניקסטנס דער וואַרשעווער ראַבינאַט, וואָס איז אַזוי פיין אויסדרעסירט פון דער „גמינע"... און דאָך שלאָגן ביי ר' משה בר' אַברהם אויף אין מאַנכע שטעלן אַזוינע טענער, וואָס איר וועט ביים היינטיקן רב נישט געפינען.

דער היינטיקער וועט אויך פאַרטיידיקן די אמונה — יהרג ואל יעבור — אָבער נישט מיט דעם מוט און נישט מיט דעם שטאָלץ, ווי ר' משה בר' אַברהם, וואָס ווענדט זיך, למשל, צו די קריסטן מיט די ווערטער:

„מיר זענען אייערע פּאַטערס; אייער רעליגיע שטאַמט אַרויס פון אונדזערע! איר זייט מחויב אונדז ערלעך צו האַלטן, ווי קינדער דאַרפן ערלעך האַלטן די, וואָס האָבן זיי דאָס לעבן געשענקט. עס קומט אונדז כיבוד־אב! מיר אָן אייך קאָנען עקזיסטירן, ווי יעדער ערשטער שטאָק אָן דעם צווייטן; איר אָן אונדז אָבער — נישט; אין דער לופט קאָן דער צווייטער שטאָק נישט הענגען!

„מיר קאָנען אויך ברידער זיין, — מיר אַלע זענען דאָך קינדער פון איין גאָט — דאַרפט איר אונדז, ברידערלעך, ליבן.

„נאָר מיר בעטן ביי אייך נישט קיין קינדער־ערע און נישט קיין ברידער־ליבע; וואָס איר פאַרמאָגט נישט, קאָנט איר נישט געבן! אָבער מענטשן זייט איר דאָך; מענטשלעך און גערעכט מוזט איר זיין!"

און די מענטשלעכע גערעכטיקייט פאַרלאַנגט, לויט ר' משה בר' אברהמס מיינונג, מען זאָל אונדז געבן גלייכבאַרעכטיקונג, און נישט נייטן צו לערנען פּויליש, צו שערן באָרד און פּיאות, אונטערצוהאַקן די רעק; און נישט אַרויסנעמען פון די רבנימס הענט די דין־תורהס, שאלות־נשים און הלכות־אישות...

מער קיין אַפּעטיט האָט ר' משה בר' אברהם נישט געהאַט.

איין זאַך מאַכט אויף זיך אויפמערקזאַם: אַזוי ר' משה בר' אברהם ווי מאַוושאַ יענקעלעוויטש רעדן אין נאָמען פון אַ יידישער באַפעלקערונג, וואָס זאָל זיין געגנוג שטאַרק, זי זאָל זיך, ווי מען זאָגט, „איר שטעל באַשטיין"... זי וויל זיך נישט לאָזן, זאָגט מען, זי איז אַ גרויסע מאַסע, אַ פּיל־קעפּיקע און פּיל־הענטיקע, בשעת ווען היינטיקע צייטן זעט אונדז די יידישע לאַגע פּיל ערגער אויס, מיר קומען זיך פאַר פּיל קלענער, שוואַכער און ווינציקער! און דאָס, דאַכט זיך, קומט נאָר דערפון, ווייל אין יענער צייט האָט מען דאָס פּויערן־פאָלק נישט מיטגעציילט... דער פּויער איז געוועזן שטום און בלינד, און האָט אויסגעמאַכט, ווי אַ שטויב אויף דער וואָגשאָל פון פּויליש־פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין דעם פאַך זענען נאָר צוויי צדדים געווען: פּריצים און יידן, און יידן קענען פּריצים זענען ווירקלעך נישט אַזוי שוואַך!

היינט אָבער ווייסט שוין די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע צו זאָגן: היט אייך, מיט דער פּויערשער פויסט וועלן מיר אייך אַריינקלאַפּן דרך־ארץ! און נישט ווייט איז די צייט, ווען דער פּויער וועט נישט וואַרטן, מען זאָל אים רופן! ער וועט אַליין קומען... די פראַגע איז נאָר — מיט וואָס?

(1906)

וועגן דעם „בוך פון פייער" [1]

דעם חבר שלום-עליכמס פאָרשלאָג וועגן „בוך פון פייער" האָט אויף מיר פּערזענלעך געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ זייער נישט פּראַקטישער אידעע. נישרפים דאַרפן הילף, געשווינד, אויף דער שוועל; זאַמלען און אַרויסגעבן אַ ווירקלעך ליטעראַריש-קינסט־לעריש ווערק און אויספירן עס, דאָס הייסט דרוקן און פאַרטיילן — פאַר־לאַנגט יאָרן... איך האָב אָבער נישט געוואָלט שטערן מיט מיין „פּעסימיזם", טאָמער יאָ, טאָמער ליגן באַהאַלטענע אוצרות ביי חברים און מען דאַרף נאָר אַ זאַמל טון... אויסשטרעקן אַ האַנט.

דערנאָך האָב איך באַקומען אַן „איינלאַדונג" אויף אַן אַסיפה. גע־פירט געוואָרן איז די זאַך גאַנץ „יידישלעך" — די איינלאַדונג — פון קיי־נעם נישט אונטערגעשריבן, ווער עס ווערט פאַרבעטן — ווייסט מען נישט...

האָב איך אַריינגעשריבן דער פאַרזאַמלונג אַן אָפענעם בריוו, אין וועלכן איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן דער פאָרעם פון דער אַסיפה און דערנאָך וואָס אַנבאַלאַנגט דער זאַך אַליין.

איך האָב געשריבן:

אַז גוטע זאַכן וואַלגערן זיך נישט אַרום, אַז די זאַכן, וואָס וועלן עקסטראַ צוליב דעם געשריבן ווערן, וועלן האָבן דעם דין פון קאָנקורס־זאַכן. דאָס הייסט, ניינציק פּראָצענט וועלן זיין ש ל ע כ ט ע... און אַז נישט אַלע ליטעראַטן, וואָס וועלן גראָד האָבן גוטע זאַכן, וועלן זיין אימשטאַנד זיך אָפּצורייסן פון מויל און די זאַכן אַוועקצוגעבן...

דעריבער האָב איך פּראָפּאָנירט: אַזוי ווי אויס סאָלידאַריטעט צום חבר שלום-עליכם דאַרף דאָס „בוך פון פייער" אַרויסגעגעבן ווערן, על־

---

1) ווייל ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז י. ל. פּרץ זאָגט זיך אָפּ פון אָנטיילצונעמען אין דעם רעדאַקציאָנס־קאָמיטעט פונעם „בוך פון פייער", האָט די רעדאַקציע פון „פריינד" אָנגעפרעגט פּרצן ווי ווייט די־דאָזיקע קלאַנגען זענען ריכטיק. דאָס איז י. ל. פּרצעס ענטפער.

כן זאָל מען ווײַלן פֿון יעדן שריפֿטשטעלערס שוין געדרוקטע זאַכן די בעסטע, און אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך.

די ליסטע פֿון לעטעראַטן, האָב איך געשריבן, דאַרף פֿעסטגעשטעלט ווערן דורך אַ ליטעראַרישער קאָמיסיע; דאָס אויספֿירן מוז איבערגעגעבן ווערן אַ פֿאַרמעגלעך־פֿאַראַנטוואָרטלעכן קאָמיטעט...

אויפֿן פֿאַל, אויב די פֿאַרזאַמלונג וועט אַנדערש באַשליסן, האָב איך געשריבן, קאָן מען דאָך קיין רעדאַקציאָנס־קאָמיטעט נישט גרינדן, ווײַל איך, למשל, וואָלט מיך קיינמאָל נישט אונטערגענומען צו רעדאַגירן „נדבות"...

צו מײַן ערשטוינען בין איך געוויר געוואָרן, אַז קעגן מײַן ווילן בין איך געווײַלט געוואָרן (דורך וועמען?) אַלס מיט־רעדאַקטאָר פֿון טויט־געבוירענעם רעדאַקציאָנס־קאָמיטעט פֿון „פֿייער־בוך"...

אינטערעסאַנט איז נאָך דאָס, וואָס דער קאָמיטעט באַשטייט פֿון מיטגלידער, מיט אַזוינע פֿאַרשידענע עטיש־עסטעטישע פּיזיאָנאָמיען, אַז עס איז גאָר אומעגלעך, ער זאָל פֿעיק זײַן צו וואָס עס איז אַ געמיינזאַמער אַרבעט.

דורך די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון האַלט איך אויך פֿאַר אומפּראַקטיש דעם אָדעסער פּראָיעקט, און מיטהעלפֿן קאָן איך נאָר ביים אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך פֿון איבערגעדרוקטע בעסטע זאַכן און אויסשליסלעך אויף העברעיש און יידיש!

1910

דריי רעדעס

א. אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ

*

ב. וועגן דער יידישער ליטעראַטור

*

ג. אויף אַ פּאָרוואַל-פאַרזאַמלונג

א.

אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ

גערטע קאָנפערענץ!

דריי אינערלעכע באפרייאונגס־מאָמענטן האָבן אונדזער באוועגונג געשאַפן.

איך וויל קיין פּראָפעט נישט זיין און נישט זאָגן שוין פאָרויס, אז מיר לעבן דאָ איבער א נייעם היסטאָרישן מאָמענט, אז מיר עפענען א נייעם קוואַל פון פריש, לעבעדיק וואסער אין גאָטס וויינגאָרטן, אז פון היינט אָן וועט דאָס אָרט פייכט ווערן און בליען. „עטוואָס״ דאָך זענען מיר געוואָרן, און דאָס עטוואָס איז ארויסגערופן געוואָרן פון די אָנגערופענע דריי באַ־פרייאונגס־מאָמענטן.

עס הייבט זיך אָן צו באפרייען דער יידישער „המון״, דער אָרעמער יידישער עם־הארץ. ער פארלירט זיין צוטרויען אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר. דעם גרויסן גבירס „צדקה״ מאכט אים נישט זאט, דעם גרויסן למדנס תורה גיט אים קיין גליק. דער המון הייבט אָן אליין צו בענ־קען, צו פילן, וויל לעבן זיין אייגן אָרעם לעבן פאר זיך. און עס וואקסט אויף דער חסידיזם. די תורה פאר אלע.

און דאָס איז דער ערשטער מאָמענט.

יידיש הייבט זיך אָן מיט אייזיק־מאיר דיק. דאָס חסידישע מעשהלע דאָס איז דער „בראשית״. שבחי בעל־שם און אנדערע וואונדער־געשיכטן זענען פאָלקס־דיכטונגען, דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז ר׳ נחמן פון ברעסלאוו מיט זיינע זיבן בעטלער.

עס האָט אויך דערוואכט און פארלאנגט פאר זיך די יידישע פרוי,

דאָס יידישע ווייבל, דאָס יידישע מיידל. און עס באַווייזן זיך „ווייבערשע ביכלעך". פון עיברי־טייטש ווערט אַ „מאַמע־לשון"...

און צוויי שפּראַכן האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק. אַ שפּראַך פאַר לומדים אין בית־המדרש: תורה־לשון, גמרא־לשון; און דאָס צווייטע פאַרן „המון" און פאַר דער יידישער טאָכטער...

נאָר פון דעם וואָלט נאָך קיין „יידיש", קיין י י ד י ש ע שפּראַך נישט געוואָרן. דאַן באַווייזט זיך דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און שאַפט זיך זיין אינסטרומענט פאַרן קאַמף פאַר זיין לעבן, זיין אַרבעטער־קולטור אויף יידיש. דער אַרבעטער באַגנוגנט זיך נישט מיט תחינות און תפילות פון דער ווייבערישער שיל, און נישט מיט וווּנ־דער־געשיכטן פון הינטערן אויוון און קלויז, ער וויל און מוז זיך אויס־לעבן אויף יידיש. און עס באַווייזט זיך דאָס יידישע בוך אין דער יידישער שפּראַך...

דאָס אַלץ וואָלט אונדז דאָך נישט צוזאַמענגערופן; אויב מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלערליי לענדער און שטאָטן צו פּראָקלאַמירן אונדזער יידיש אַ ל ס גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען אַ פּערטן סאָציאַל־פּאָליטישן וועלט־מאָמענט.

דער שטאַט, וועלכן מען פלעגט אָפּפערן קליינע און שוואַכע פעלקער, ווי פאַרצייטן קינדער דעם מולך, דער שטאַט, וואָס האָט צוליב די אינטע־רעסן פון די הערשנדע קלאַסן און פעלקער געמוזט אַלץ ניוועלירן, אויס־גלייכן: איין אַרמיי, איין שפּראַך, איין שול, איין פּאָליציי און איין פּאָלי־ציילעך רעכט, — דער שטאַט פאַרלירט זיין גלאַנץ.

דער רויך, וואָס פלעגט זיך אַזוי געדיכט און פעט וויקלען אַרום זיין מיזבח, ווערט וואָס דינער און צעשטרייטער. דאָס „פאָלק", נישט דער שטאַט איז דאָס מאָדערנע וואָרט! די נאַציאָן, נישט דאָס פאָטערלאַנד! און אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יענער באַוואַכן דאָס אייגנ־אַרטיקע פעלקער־לעבן...

און שוואַכע, אונטערדריקטע פעלקער דערוואַכן, און קעמפן פאַר זייער שפּראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכ־סטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט!

דער שטאַט זאָל מער נישט פעלשן די פעלקער־קולטור, נישט מער פאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט. אָט דאָס ווערט גערופן און

געבלאָזן אין דער מחנה, און מיר שטייען אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פאָן, אין נאָמען פון אונדזערע אייגענע קולטור־אינטערעסן.

מיר ווילן קיינעם נישט דינען, פעלקער־לאַקייען קאָנען קיין קולטור־גיטער נישט באַשאַפן, מ י ר ט ו ע ן ע ס !

און דער בעסטער פּלאַץ פאַר אונדזער פאַרזאַמלונג איז געווען בוקאָווינע, נעמלעך איר הויפּט־שטאָט, טשערנאָוויץ. דאָ, וווּ עס לעבן צוזאַמען פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשידענע שפּראַכן — איז לייכטער אונדזער וואָרט צו פירן. מיר שפּאַצירן פאַרנאַכט אין גאַס און פון פאַרשידענע פענצטער פליסן אַרויס פאַרשידענע שפּראַך־טענער, אַלערליי פעלקער־מוזיק, מיר ווילן אונדזער פענצטער האָבן! אונדזער זעלבסטשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער־סימפאָניע.

• מיר ווילן זיך נישט שווין צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מולך־שטאַט זיין בראָקן; איין פאָלק יידן. זיין שפּראַך איז — יידיש.

און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה וועקן, און קולטורעל זיך פאַרייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן.

און נישט נאָר צוזאַמענרעדן זיך און זיך פאַר אַנדערע פּראָקלאַמירן זענען מיר געקומען, מיר ווילן צוזאַמען א ר ב ע ט ן. און איר וועט האָבן אַלערליי פאָרשלאָגן צו פּרוכטבאַרער אַרבעט, אָבער צוויי פון זיי מוז איך אַלס די וויכטיקסטע דערמאָנענען פאָרויס: זאָל יידיש ווערן אַן אַלגעמיין יידישע שפּראַך, אַזוי מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אונדזערע אַלטע קולטור־גיטער פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהיים; זאָל אונדזער יידיש ווערן צווישן אַלע וועלט־שפּראַכן אַ גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך, מוז זי צוגענגלעך ווערן דער וועלט.

מיר ווילן אייך דעריבער פאָרשלאָגן: די איבערזעצונג פון אַלע ווירקלעכע קולטור־גיטער פון אונדזער גאָלדן־פרייער פאַרגאַנגענהייט, איבערהויפּט פון דער ביבל. און די טראַנסקריפּציאָן פון אונדזערע בעסטע קולטור־גיטער אויף לאַטיינישע לעטערן. מיר ווילן מער קיין אומסימפּאַטישע לינקישע פּאַרוועניע, קיין אויפגעקומענע עשירים נישט זיין! קולטור איז אויך טראַדיציאָן! און מיר ווילן דאָס וואָרט צווישן די פעלקער פירן נישט דורך מעכאַנישע איבערזעצונגען, וואָס טויטן דאָס לעבעדיקע וואָרט.

מיר זענען געקומען ווייניק רעדן און מער אַרבעטן. איבערדעם בעטן מיר אַלע מער צו אַרבעטן (בייפאַל). מיר דאַנקען דעם דר. בירנבוים דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז צונויפגערופן, מיר דאַנקען דעם אַקאַדעמישן

פאַריין „יידישע קולטור", וואָס ער האָט זיך געווידמעט דעם אידעאַל און האָט מיט אַלע זיינע כוחות צוגעהאָלפן אונדזער קאָנפערענץ פאָרצובאַרייטן. און מיר מוזן אויך היינט געדענקען אָן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן אין דער מאָדערנער, אייגנטלעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ערשטע קלאַסישע ווערק אין יידישער שפּראַך, און וואָס איז לײדער דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר־ספרים! (שטאַרקער מינוטן־לאַנגער בייפאַל) איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אָנטראַג, אַז מען זאָל אים אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָפּשיקן אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם (נאָך שטאַרקערער בייפאַל)".

ב.

וועגן דער יידישער ליטעראַטור

„עס וואָלט פיליכט קאָמיש געוועזן צו האַלטן אַ רעדע וועגן אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי יונג און אַזוי אָרעם, ווי די יידישע. פאַר אַ רובל הונדערט, אויב נישט ווייניקער, קויפט איר איין אַלע ווערק און שטעלט זיי אַריין אין איין, נישט זייער־גרויסן שראַנק. וועגן אַ ליטעראַטור, וואָס אירע שעפער האָבן נאָר איין מציבה אויפן בית־עלמין (אייזיק־מאיר דיק), און דער עלטסטער נאָך אים (מענדעלע) האָט ערשט נישט לאַנג גענומען אָן אַנטייל אין אַ ליטעראַרישן אָוונט אין אָדעס צוזאַמען מיט זיינע יינגסטע אוראייניקלעך. — מען דאַרף זיך אָבער נאָר איינקוקן אום איינצוזען, אַז יונג איז נאָר די שפּראַך; די קולטור אָבער, וואָס האָט זי אַרויסגעטראָגן, איז אַלט און רייך. דאָס פאָלק, דער שעפער פון דער קולטור, — דאָס עלטסטע פאָלק!

זענען מיר אַ פאָלק?

פיל איז גערעדט און געשריבן געוואָרן פאַר און קעגן אונדזער נאַציאָנאַליטעט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער זענען מיר מער ווי אַ פאָלק. מיר זענען ראַסע, פאַמיליע; ריין בלוט זענען מיר! קליינע צומישונגען פון פרעמד בלוט ווערן לייכט אַסימילירט. ערב־רב, פרעמדע ווייבער, ביפרט זעלטענע „יפת־תוארס", — האָבן קיין שפּורן אין יידישן בלוט נישט געלאָזן. די שפּראַך, דאָס לאַנד און אַנדערע אַטריבוטן פון אייראָפּעישע נאַציאָנאַליטעטן זענען ביי אונדז נישט מאַסגעבנד. מיר בייטן לענדער און שפּראַכן, פליסן זיך אַריין אין פרעמדע עקאָנאָמישע סטרוקטורן און בלייבן איבער די זעלבע, אימער יידיש!

פעלקער פון געמישט בלוט, נישט פאַרייניקטע מיט לאַנד, שפּראַך און עקאָנאָמישע סטרוקטורן — זענען אומעגלעך; פאַרשידן בלוט און פאַרשידענע קולטורן, פאַרשידענע וועלט־אָנשויאונגען, זיי קאָנען נאָר

האלטן און צייטווייליק, מעכאניש צוזאמענשמעלצן די אויסערלעכע אט־ריבוטן, נעמט זיי צו, צעפאלט דאס פאלק.

ריין בלוט איז רעליגיאנס־איינהייט, וועלט־אנשויאונג. די יידישע לי־טעראטור איז דעריבער נאר איין רינג אין דער קייט און דארף באטראכט ווערן נאר אלס מאמענט פון דער אייביק־יידישער קולטור.

אבער יידיש גענומען האט דאס ווארט „ליטעראטור" א גאנץ אנ־דערע באדייטונג. דאס איז שוין נישט דער ראמאן — די נאוועלע, די סקי־צע — דער סוראגאט פון לעבן, דאס פעפער פון לעבן — די פארווייר־לונג. פאר אונדז איז קונסט נישט שפיל; קיין מיטל אפצוטויטן די צייט, אדער די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן (מערסטנטייל: זיך אויסצוזינדיקן) אויסער די גרענעצן פון לעבן, אדער אן דער זייט פון לעבן. אויף יידיש איז קונסט, ליטעראטור אזוינס, וואס שטייט איבערן לעבן און ציט עס צו זיך, וואס שאצט דאס לעבן פון העכערן, אידעאלן שטאנדפונקט און לויבט און שטראפט עס.

ביי אונדז איז דאס „ווארט" הייליק. די וועלט איז באשאפן געווארן מיטן ווארט. „ויהי אור" — און עס איז געווארן ליכט! בעשרה מאמרות ניברא העולם, און דין־וחשבון וועלן אפגעבן די, וועלכע צעשטערן די וועלט, וואס איז באשאפן געווארן מיטן ווארט... א סך הייליקייטן זענען געווען... „ואין לנו שיור רק התורה הזאת", — קלאגט זיך דער ייד אין גלות. אבער, באקליידט אינעם ווארט, וואנדערט מיט אים די „שכינה" — דער הייליקער גייסט איבעראל און לאזט אים נישט אונטערגיין. נישט די פיזישע קראפט — נאציאנאל הייליק איז דאס ווארט, און זיין פירער — דער נביא. שימשון הגיבור איז קוים א טראגיש־קאמישע פיגור, בר־כוכבא איז ווייניקער ווערט פארן נס פון א פלעשל בוימל. און אין דער צייט פון דער איבערמאכט פון גריכן און רוימער, און דעם ווילקיר פון זייער שאטן, דעם יידישן קעניג — רעגירט דער פירער פון ווארט — דער פרוש, דאס סנהדרין און דערנאך זייערע יורשים, די אויסטייטשער פון ווארט. און משיח, וואס דארף אויסלייזן די וועלט, איז דער שוואכסטער, דער שטילסטער, וואס טוט אלץ מיטן ווארט. נישט פאר אונדז איז „קונסט צוליב קונסט", נישט קיין שפיל איז דאס ווארט. עס איז און מוז זיין אונדזער וועלט־אנשויאונג, אונדזער רעליגיאן, אונדזער געוויסן...

און דעריבער, ווייל די יידישע ליטעראטור זיין יידיש, — מוז זי עס זיין נישט נאר אין דער שפראך, אין דער אויסערלעכער פארעם פון ווארט, זי מוז ווערן יידיש אין תוך, אין דער נשמה. אין פראבלעם! זי מוז אויפ־

הערן נאָכצומאַכן אייראָפּע, אויפלעבן און קלינגען מוז דאָס יידישע וואָרט, רענעסאַנס פון דער ביבל ארוים, רענעסאַנס פון פּראָפעטנטום ארוים! זאָלן מיר בלייבן אייראָפּעישע נאָכמאַכער, באַשאַפער פון פּאַרווייִלונגס־ביכער, דאַמען־פּאַרווייִלער, — דינען מיר דער זעלבער אסימילאַציע, קענען וועל־כער מיר שטרייטן, ווייל יידישקייט איז נישט אָפּהענגיק פון לאַנד און שפּראַך, יידישקייט איז רעליגיע, וועלט־אַנשויאונג, — ריין בלוט!

אַזוי האָט באַדאַרפט זיין, עס איז אָבער אזוי נישט געשען.

אויפן אָרט פון זיך אליין צו אַנטוויקלען, די אייגענע נשמה אויס־צושטראַלן, האָט מען זיך גענומען צום נאָכמאַכן. נישט אומזיסט, אויב אַ יידישער שריפטשטעלער ווערט באַקאַנט, זאָגט מען: עס האָט זיך באַ־וויזן אַ יידישער טשעכאָוו. עס גייט אַ יידישער מאָפּאַסאַן... עס קומען אויף יידישע שעקספּירס, זיי דערגייען נאָר נישט. און נישט לופטיק איז אונדזער שטוב געווען, אַ פענצטער אין אייראָפּע אריין אויפרייסן האָט מען געמוזט, נייע קולטור־ווערטן ווערן באַשאַפן, עוואָלוציאָנערע פאָר־שריטס־מאָמענטן זענען מעגלעך נאָר ביים צוזאַמענטרעפן זיך פון פאַר־שידענע קולטורן, פון פאַרשידענע אָבער גלייכבארעכטיקטע. דעמאָלט קומט צו אַ קעגנזייטיקן איינפלוס. צו אַ קעגנזייטיקער באַפרוכטונג אוןביידע פּראָגרעסירן... ביי אונדז איז עס אָבער, ליידער, עטוואָס אַנדערש געשען. און דאָס האָבן מיר די „גרים", די צו אונדז צוריקגעקומענע, צו פאַרדאַנקען. אַ שימחה איז געווען, אַ פרייד: אונדזער יוגנט קומט צו אונדז צוריק, פאַרפרעמדטע, רייכע, פרעמד־דערצויגענע קרעפטן קומען צוריק צו דער אָרעמער „כנסת ישראל" און ווילן איר דינען. דער דינסט איז אָבער נאָר אינגאַנצן אָן שאָדן נישט געווען. פאַרן צוריקומען איז געווען „מענ־דעלע". און געהאַט האָט ער פאַר זיך אַ גרויע, טויב־שטומע גאַס, מיט אָדער אָן קאַרטאָפל... אָן איין גרויסן געדאַנק, אָן איין גרויסן חלום, אָן איין פאַרזענלעכקייט, און אַזוי האָט ער געמאָלט, ער האָט קיין מענטשן נישט געזען, נאָר שטעטלעך, מארקן, הקדשים, בתי־מדרשים און דנ"ל.

דערנאָך האָט אויפגעלעבט די יידישע גאַס, פאָנען אויפגעהויבן, בלוט האָט געפלאָסן, תפיסות זענען פול געוואָרן און גרויסע חלומות זענען געווען...

האָבן זיי זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור? האָט דער יידישער קינסטלער זיי דערפילט און זיך אַלס קינסטלערישע פּראָבלעמען געשטעלט?

ניין... אויסער בראַשורן און טענדענץ־ביכלעך — קיין איין קינסט־לעריש ווערק... ביי זיין בעסטן ווילן, פּולסטן הארץ מיט יידישע בענק־

שאפט און ברענענדיקסטן מיטלייד צום יידישן פאלק, האט דר. הערצל, דער פון דער פרעמד צוריקגעקומענער, נישט געקאנט טון פארן יידן און אין יידישקייט, פאר דער נאציאן, נאר פאר די... וואס ווילן, אבער קענען זיך נישט אסימילירן! און די לינקע זייט? זי קומט און פרעדיקט אידעען פון א קינפטיקן סאציאלשטאט, אלס עטוואס־פרעמדס, נישט יידישס... יידיש — מאכט זיי נישט קאלט, נישט ווארעם, די יידישע נאציאן איז געשטאנען אויסער דער גרענעץ פון די ווירקלעכע אינטערעסן! פון דעם אזוי פארפרעמדטן מאטעריאל האט די יידישע נשמה נישט געקענט וועבן, און דער יידישער קינסטלער איז אזוי אין דער, ווי אין יענער באוועגונג, מיט הארץ נישט אריין.

יידישקייט איז נישט לאנד און נישט שפראך. אן יידישקייט און נישט צוליב יידישקייט — איז עס געצן־דינעריי. עבודה־זרהס.

די אייניקונג פון יידן איז הגם נישט אין דער שפראך, אבער אויב יידיש איז דאס איינציקעווארט, אויף וועלכן מיר קאנען וועקן דאס פאלק, דאן מוזן מיר רעדן יידיש, דענסטמאל וועט זיך דער ענגלישער ייד שוין במילא לערנען זשארגאן.

די שפראך איז נאר א הילפס־מיטל. האב איך נאך נישט נישט וו א ס צו זאגן, טאר איך נישט זאגן דעם אנדערן — לערן יידיש. עס מוז אנ־הייבן צו וואקסן דער יידישער דיכטער, דער יידישער געדאנק, די פארעם וועט שוין במילא קומען. און דאס וואקסט!... מיר האבן נאך נישט קיין אייכן, קיין דעמבעס, אבער ווען זיי וועלן שוין זיין, וועט קיין שפראך־פראגע נישט עקזיסטירן.

איר ווייסט, אז אין טשערנאוויץ איז פארגעקומען א קאנגרעס פון יידישע שרייבער. מ'האט דארט געשטעלט די פראגע: וואס איז זשארגאן — א נאציאנאל אדער פאלקס־שפראך? מען האט געענטפערט: א נאציא־נאל־שפראך. נאכגעבנדיק דער מערהייט האב איך אויך אונטערגעשריבן די רעזאלוציע. אבער דערמיט האבן מיר ארויסגעזאגט נישט דאס, וואס עס עקזיסטירט אין אמתן, נאר דאס, וואס מיר ווילן, עס זאל זיין. אבער דערמיט טארן מיר נישט מיינען, אז העברעיש זאל פארגעסן ווערן! וואלט דאס געשען, וואלטן די ווייבער נאר צאינה וראינה געקענט, אבער מענער דאס אויך נישט. מען וואלט דעמאלט אפגעהאקט געווארן פון דער פאר־גאנגענהייט און מיר וואלטן אפגעהאנגען פון צען־צוועלף דיכטער.

ווילן מיר אבער, אז די הערשנדע שפראך זאל זיין יידיש! האבן מיר עס? — ניין...

נאָך מענדעלען איז אַרויס שלום־עליכם. מען זאָגט, אַז ער איז אונ־דזער מארק טווען. מארק טווען דארף זיך געווים דערמיט נישט באַליידיקן. טווען האָט פאַר זיך די גאַנצע וועלט, אָבער שלום־עליכם האָט נאָר פאַר זיך דעם יידישן קאָמיסיאָנער, דעם גרעסטן חכם אין דעם קלענסטן שטעטל. שלום־עליכם איז שטארק, אָבער די סקיצן זענען אָרעם, ווייל אָרעם איז דאָס יידישע לעבן.

ביי דינעזאָנען אין אַ ראָמאַן דערציילט דער העלד זיין געליבטער וועגן פיזיק, — ווי אַזוי אַנטשטייט אַ דונער אין אַ וואָלקן... ווי קומט דאָס? אַזאַ אָרעם געשפּרעך צווישן צוויי ליבנדע נפשות? ס'איז איינפאַך: דאָס יידישע לעבן האָט בעסערס נישט געגעבן. גנבענען זיך אַריין אַנדערע טעמעס. איז עס גאָר גענומען פון פרעמדע פאָרמען. דער „גאָט פון נקמה״ איז דער יידישער גאָט געזען מיט גויישע אויגן. אַנדערע נייע מענטשן קומען צו, אָבער זיי געבן זיך צופיל אונטער פרעמדע פאָרמען, באַנעצן אַלץ מיט פרעמדע פּליסיקייטן. זיי ווילן שרייבן וועגן ליבע, אָבער קיינער האָט נישט געזען, ווי אַ יידישער בחור דערקלערט ליבע אַ מיידל. — — —

עס ליגן פאַר אונדז צוויי וועגן. איין וועג קיין איראָפּע, וווּ די יידישע פאָרעם דארף פאַרניכטעט ווערן, דער צווייטער וועג צוריק — צו אונדזער אַמאָליקן, צו דער פאַרגאַנגענהייט. אין אַמעריקע איז אַרויס אויף יידיש: ביבל, שיר השירים... ווען אַזאַ בוך קומען צו אונדז, אַריינדרינגען אין אונדזער לעבן, וועט זיין געראַטעט דאָס יידישע לעבן.

איך קום איצט צו אַ פּונקט, וועלכער פאַלט מיר נאַטירלעך אויס אַמשווערסטן, ווייל איך מוז רעדן וועגן זיך. אין יידישן לעבן געפינען מיר דאָס פאָלקסטימלעכע, דאָס, וואָס דאָס פאָלק דערציילט וועגן זיך אַליין, דאָס חסידישע א. ד. גל. — וועט דער יידישער דיכטער נעמען די אַלע רייכטימער און באַארבעטן זיי דורך זיין אייגן גייסט (נישט איראָפּעיש באַארבעטן), וועט דער יידישער מוזיקער אויפזוכן און באַשיינען די מע־לאָדיען פון פאָלק, וועט זיין גוט. וועלן מיר באַקומען אַן אָנפאַנג פון אַ יידישער ליטעראַטור. אונדזער הויז איז געבויט פון פרעמדע שטיינער, עס שטייט נאָך אָבער דערווייל לער. עס מוזן אַהין צוריקקומען די אַלטע יידישע פּראָפעטן, די עכט־יידישע אידעען, די יידישע וועלט־אָפּשאַצונג, דעמאָלט וועלן מיר ערשט באַקומען אַ טעמפּל. דעמאָלט וועט דאָס פאָלק ווערן פאַרייניקט, ווי צעוואָרפן עס זאָל נישט זיין. רעדן מיר וועגן שטרע־

מונגען, מוזן מיר רעדן, ווי אריינצופירן דעם יידישן שניט אין אונדזער פאַרעם.

נאָר אין אונדזער ביבל, אין חסידיש, אין דער פאָלקסטימלעכקייט ליגט אונדזער איינציקע שטרעבונג.

יידישקייט איז נישט לאַנד און נישט שפּראַך — מיר זענען מער, ווי א פאָלק. ריין בלוט זענען מיר!"

ג.

אויף א פאַרוואַל־פאַרזאַמלונג

„איך, למשל, בין קיין אסימילאַטאָר נישט, האָב מיין ווינקעלע אין „היינט", און בין קעגן יאַצקאַנען.

יאַצקאַן שרייבט: „די טראַגעדיע פון די וואַרשעווער יידישע וואַלן", איך זאָג: עס איז א טראַגי־קאָמעדיע!...

עס איז טראַגי־קאָמיש, וואָס ביזאַהער וויניקסטנס, האָבן די יידישע וואַל־קאַמפּאַניע אין וואַרשע געפירט אָדער די, וואָס גלויבן נישט אין יידישן לעבן אין דער פרעמד, וואָס קוקן אויפן יידישן לעבן אין גלות דורך שווארצעברילן, און, פון דער צווייטער זייט, די אַסימילאַציע, וואָס גלייבט נישט אויף איר אייגן רעכט אויף לעבן, — וואָס זוכט דעם טיטל אויף אין א בוזעם־טאַש, וואָס האָט גאַרנישט אין זיך. און אַלץ אויסער זיך, וויניקסטנס, אויסער דעם יידישן פאָלק, וואָס זיי פאַרטרעטן און אפשר איז דער „פּאַר" איבעריק, „טרעטן" איז געוווּנ...

ס'איז דאָ נאָך א מינין וואַל־מענער.

דאָס זענען די אַלטע קאָנסערוואַטאָרן, וואָס שלעפּן זיך נאָך דער אסימילאַציע, און אַז זי הייסט, שפּייט מען אויף דער דומע!

עס קענען זיין יידישע לעבנס־פראַגן אין דומע, פון דער יידישער משערטא ביז ביילים, אָבער, אַז די אַסימילאַציע הייסט, פאַרפאַלן: דער חסידישער צילינדער־הוט שפּייט אויף דער דומע.

די האָבן געפירט; דער ייד, דער פּשוטער ייד, וואָס בויט דאָ אויפן אָרט און וואָס וויל דאָ אויפן אָרט זיין שטעטל באַשטיין, דער האָט גע־שוויגן, דער איז נישט אָרגאַניזירט און איז אָן זיין ווילן. עס ווערט אַלץ אָפּגעטון מיכלומרשט אין זיין נאָמען!

איך אַליין וויל רעדן אין נאָמען פון פּשוטן ייד; פון א ייד, וואָס וויל, איבעראַל ווו ער איז, זיין שטעטל באַשטיין: וואָס ווייסט גאַנץ באַ־

שטימט און קלאָר, אַז לעבן איז קאַמף און ער קעמפט פאַר זיין לעבן...

וואָלט ער אָרגאַניזירט געווען, וואָלט צו קיין טראַגי־קאָמעדיע נישט געקומען. באַקומען אַ מערהייט, אין פּאָליטיק איז מערהייט — געזעץ. אין מערהייט דער מיטל אויף רעכט, ווײַלט מען אַ ייד! ס'איז דאָך אַזוי פּשוט, אַזוי איינפאַך. האָבן אָבער דאָס רעדל אַנדערע געפירט, האָט מען דערפירט צו אַ טראַגי־קאָמעדיע.

שטייען זיך אַקעגן צוויי פעלקער: אַ פאָלק פון האָנאָרנע שליאַכטע און מיר, יידן, דאָס אַזוי־גערופענע קרעמער־פאָלק. גייט דאָס קרעמער־פאָלק און זאָגט זיך אָפּ פון אַלעם גוטן און דערלאַנג אַלס מתנה לעשיוו זיין וואַל־רעכט. נאַריש, אָבער נאָך נישט קרעמעריש, און דער שליאַכטשיץ, וואָס האָט איבער דער גאַנצער צייט געהאַנדלט אין פּעטערבורג ווי אַ קרעמער, און נישט נאָר אונדז, נאָר אויך דעם שטאָלץ פון זיין פאָלק פאַרקויפט, פאַרשאַכערט, — וויל מיט אונדז קרעמער נישט האַנדלען און דערלאַנגט אונדזער מתנה מיטן פוס.

נאָר איך בין נישט אַהערגעקומען מאַכן אַ סעצעסיע. וואָס געשען איז געשען. מען האָט זיך אין אונדזער נאָמען אָפּגעזאָגט פון אַ יידישן קאַנדידאַט, אונדזער אייביקער „גוטער פריינט" שוויענטאָכאָווסקי זאָגט, אַז עס איז פון אונדזער זייט פיין און איידל! מאַכן מיר די „גוטע מינע" צום שלעכטן שפּיל און זאָגן זיך אָפּ — פאַרפאַלן!

האָט מען אָבער אונדזער מתנה מיטן פוס דערלאַנגט, און די אַסימילאַציע זאָגט „אַבסטינענציאַ"! טרעט איך אַרויס אויסשליסלעך קעגן דער אַבסטינענציע, קעגן אָפּהאַלטן זיך פון די וואַלן.

וואָס פאַר אַן אויסריידן מען זאָל נישט געבן, איר וועט נישט פאַרדרייען דעם אמת, דעם פּשוטן אמת:

מען וואַרפט אויף אונדז אַ פּחד! מען שרעקט מיט פּאָגראָמען! און די שרעקיקע ווילן זיך אָפּהאַלטן! אָבער נישט נאָר ביי די וואַלן צו דער דומע ווערט גענוצט דאָס אַלטע געווער; דאָסזעלבע כּלי־זיין האָט מען גענוצט ביי די וואַלן צו אונדזער איינגן היימישן קהל! נישט נאָר ווען עס גייט, ווי אַזוי עס זאָל אויסזען די „פּוילישע שטוב" (סטשעכאַ), נאָר אויך אין דער פראַגע, ווער עס זאָל זיין גבאי אין אונדזער קהלשער שטוב, ווער עס זאָל אונדזערע אָרעמע שפּייזן, אונדזערע מתים באַגראָבן, האָט מען געזאָגט: קלייבט אונדזערע משרתים, אַז נישט... און דאָס, מיט דער הילף פון באַנקיר־שטימען, האָט געהאָלפן!... מוז דעריבער צום אַלעם ערשטן

אָפּגעוואָרפן ווערן די שרעק. שרעק איז אַ שלעכטער יועץ. מען מוז קלאָר מאַכן די פּאָליטיש־סאָציאַלע לאַגע.

וועט מען אונדז שלאָגן?

איך ווייס נישט. דער „קוריער וואַרשאַווסקי" פאַרזיכערט, אַז ס'פעלן אים די אינסטינקטן צום שלאָגן. די לינקע זאָגן זיי, לאָזן נישט שלאָגן. דער רעוויראָווי זאָגט: מען וועט נישט שלאָגן!

נאָר אויב שלאָגן, רבותים, שלאָגט מען דעם געבויגענעם, וואָס לאָזט זיך שלאָגן...

די ריטער צייט און איר מאָראַל, די צייט פון דאָן־קיכאָטס, איז פאַרביי. מען שלאָגט ליגנדיקע און נאָר ליגנדיקע — אָבער אַנטיסעמיטיזם, דער פיינער, וואָס שמייסט נישט, ער נעמט דעם ביסן צו פון מויל.

און דעריבער זאָגט מען: רייצט נישט! דאָס פּוילישע פאָלק איז אדרבא ואדרבא. לעבט און לאָזט לעבן! גיט אייך אונטער, האָט איר אַלע פריי־הייטן, די גאַנצע פולע גלייכבאַרעכטיקונג. לאָז נאָר דער אַנטיסעמיטיזם שלאָפן, וועקט אים נישט.

איך האָב פיינט דאָס וואָרט „אַנטיסעמיטיזם". עס איז אַ גראָבער ליגן, נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. סעמיטן — טערקן און אַראַבער — זענען קעגן אונדז גלייך מיט די אַריער, גיבן אונדז אַזויפיל מאַנדאַטן, ווי זיי!

איך קאָן אויך נישט ליידן דעם שקר פון טובות אוים לויטער נוט־הארציקייט, כל־זמן דער אַנטיסעמיטיזם שלאָפט...

לעבן איז נישט לעבן לאָזן!

מען גיט נישט. אין לעבן מוז מען נעמען, אין לעבן מוז מען פאַר אַלץ באַצאָלן. מען גיט אַמאָל נאָר פרעמדס. גיט אַ קעניג „רעכט", „גלייט־בריוו", „גראַמאָטעס" אויפן חשבון פון אדל, גיט דער אדל רעכט און גראַמאָטעס אויפן חשבון פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג — וואָלט די ליבעראַלע בורזשואַזיע געגעבן רעכט אויף אַרבעט אין פאַבריק — ליידער, קוים איז אויפגעשטאַנען די פאַבריק, האָט זי שוין, די בורזשואַזיע, ווייניק וואָס צו זאָגן! ניין, ליבע צוהערערס, אייגנס גיט מען נישט. אייגנס איז אַ קאָנקורענץ־זאַך!

האָט רעגירט דאָס דאָרף, האָט מען אונדז געדאַרפט פאַר דער שטאָט. געלט האָט מען געברויכט, האַנדל און געווערב האָט געפעלט! אַ קליין ביסל פּויליש פאָלק האָט געקאָנט שמייסן, און דער רוב — אונטער די ריטער אַרבעטן אין פעלד מיט אַ הילצערנעם אַקער!

קאָנען ביידע נישט באַשאַפן קיין מיטלשטאַנד, קיין האַנדל און קיין

געווערב, האָט מען פּרעמדע גערופן. דייטשן, אויך אונדז! מיר זענען גע־קומען, מער קיין היים נישט געהאַט!

היינט שפּרייזט דאָס דאָרף מיטן קליין־אַדל און פויערן אין שטאָט אַריין, מיר דאַקעגן אין דאָרף אַריין קאָנען נישט; דערפאַר האָט שוין דאָס געזעץ געזאָרגט. איז אַן איינזייטיקע קאָנקורענץ! עס ווערט ענג! ווי גוט דער פּאָליאַק זאָל נישט זיין, דעם ביסן פון מויל רייסן מוז ער!

יאָ ווילן, נישט ווילן! די עקאָנאָמיש שוואַכע פון אונדז מוזן און וועלן אָבטרעטן, מוזן עמיגרירן; די עקאָנאָמיש שטאַרקערע, נאָר שטאַר־קע האָבן מיר נישט, וועלן זיך מוזן אָרגאַניזירן, פּאַרטיידיקן און מיט דער יידישער איינגעשפּאַרטקייט איבערלעבן און זיגן!

דאָס, און מער קיין נייעס איז נישט געשען. רעדט נישט פון אַנ־טיסעמיטיזם.

האָט זיך געענדערט די באַציונג, איז דאָס פּאָלק אַנדערש געוואָרן. די פּוילישע פּרעסע אויף דער גאַנצער ליניע קעגן אונדז — איז עס נישט קיין פראַגע פון ליבשאַפט און האַס, פון ליבשאַפט און נקמה! — מען האָט אונדז גאַנץ באַשטימט ליבער, ווייניקסטנס ווייניקער פיינט, ווי דעם „זשיד ניעוויערני" אַמאָל, אין די עקאָנאָמיש בעסטע צייטן.

געענדערט האָט זיך וואָס:

כל־זמן אַ פּאָליאַק האָט געהייסן צער האָבן, ווייגען אויפן גלות פון דער פּוילישער שכינה, פּראָטעסטירן (אין דער היים שטיל, אין אויסלאַנד הויך) קעגן אונטערדריקונג, האָט מען אונדז זייער גערנוויליק ערלויבט דעם טיטל פּ אָ ל י אַ ק.

יידעלע, קלאָג! שריי־מיט! האָסט אויך אויערן אין אייראָפּע, און וואָס שאַדט עס? זאָג קינות אויף אונדזער גלות אויך!

הייסט אָבער אַ פּאָליאַק אַזוינער, וואָס האַנדלט און וואַנדלט און ביפּרט אַזוינער, וואָס דאַרף זיך פּאַרען ביי דער קאַסע פון דער זעלבסט־פּאַרוואַלטונג, איז „פּויליש" נישט נאָר טרערן און קרעכצן, נאָר אויך מאַכן הוצאה והכנסה אויפן קהלישן חשבון אין שטעטל — ברידערלעך, טרעט אָפּ! איר זענט זרע אברהם, יצחק ויעקב, מאַכט קיין קונצן נישט.

דאָס איז דער קלאָרער אמת, דער אָפענער איינאונדרייסיק.

און די אַסימילאַציע ווייסט נאָר איר שפּראַך:

— ניע דראַזניטש!1) שווייגט, בוצט אייער רעכט נישט אויס. ליגט

1) רייצט נישט.

אייך ווי די לעמעלעך, אַ געשמאַקע זאַך. מען וויל געקוילעט ווערן ווי כּפּרות אין דער שטילער נאַכט.

מען פאַרציילט, אין פּעטערבורג, אין אַ רעסטאָראַן, האָבן זיך גע־טראָפן אינספּעקטאָרן אין די שולן, וואָס זענען געקומען „באַמיען" זיך צו פאַרבעסערן זייער לאַגע מיט גרויסן געהאַלט און „טשינעס".

זיצט מען, טרינקט מען און מען רעכנט אויס זכיות...

נאַטירלעך: דער טיטל אויף זכיות זענען מיר! דער האָט פעסט אָפּ־געהיט די נאָרמע. דער צווייטער האָט זי נאָך פאַרקלענערט, דער דריטער, נאָך מער בריה, אַ צירקולאַר פון מיניסטער באַקומען, צוצונעמען אַ יידן — און נישט גענומען:

וואָן!

שטייט אויף נאָך איינער:

נישט אַזוי כשר האָט ער פאַרדינט אַ „וולאַדימיר", צו אַן „אַננאַ" אָדער ח"י גדולים הוספה. ער האָט גאָר אין שולע קיין יידן נישט. דאָס האָט מען שוין פאַר אים געטון. ער האָט אַ דערפינדונג געמאַכט: אַ מאַשין צום שמייסן, מען דאַרף נישט צולייגן קיין הענט.

אונדזער אַסימילאַציע האָט אַ גרעסערע דערפינדונג געמאַכט: זי האָט זיך אַליין אָפּגעשמיסן.

„מיר זענען פּאָליאַקן! און ווען אַלע פּאָליאַקן זאָלן עס לייקענען — מיר פילן, מיר זענען און — אַבסטינענציע: מיר יידן ווילן נישט!"

נאָר פאַרוואָס האָט זי געגנאַרט, דעם אמת נישט געזאָגט? מיר לעבן נישט אַזוי נאָענט מיט דער „שליאַכטע", מיר לעבן אונדזער אָפּגעזונדערט יידיש לעבן, מיר האָבן געקאָנט אַ טעות האָבן, אָבער זיי? אַזוי נאָענט, אַזוי קנעפּל בקנעפּל, אַזויפיל אין דער מישפּחה! ביי איין טיש, אָפט אין איין בעט — זיי האָבן דאָך שטענדיק דעם אמת געהערט — פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן, נישט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז די גאָלדענע צייט פון טובות און ליבשאַפט איז אַוועק? אַז יענע ווילן עסן? פאַרוואָס האָבן זיי נאָך געוואָלט אונדז אָנרעדן, אַז שולדיק זענען ציוניסטן, ליטוואַקעס, יאַצקאָן — אַ'—נישט — אַ גן־עדן! פאַרוואָס האָבן זיי אונדז נישט דערציילט דעם אמת, אַז די שליאַכטעס זענען קרעמער געוואָרן.

מיר קענען מיט מענטשן, וואָס פאַרהוילן דעם אמת, ביפרט מיט אַזוינע, וואָס שמייסן זיך אַליין, נישט גיין! אַפילו נישט שווייגן מיט זיי צוזאַמען! מיר דאַרפן ווילן, קעמפן דאַרפן מיר — מיר זענען דאָ און

קעמפן דא. קוכארזשעווסקי שפאצירט איבערווארשע, מיר — אויך! אר־בעטן, ארבעטן מיר נישט ווייניקער פאר אייך.

ער וויל ווארשע אפשטעלן אויף סקארגא און סטאשיץ, וואס זייערע שאטנס באגעגענען אים אויפן שפאציר. מיר מוזן פארקערט, מיר מאכן אפילו די שווערע הייזער באוועגלעך, סחורה מיד ליד. און געווערב און האנדל און אינדוסטריע האבן אונדז פיל, זייער פיל צו פארדאנקען...

קוכארזשעווסקי טרעפט אויף זיינע שפאציר־פלעצער, ווו דאס אלטע האט געגלאנצט מיט טויזנט חנ'ען, ווו סטאשיץ האט אונדז געהאלטן פאר היישעריקן און סקארגא פאר פארשאלטענע. מיר טרעפן אויף די זעלבע פלעצער, נעמלעך אויף די, פון וועלכע מען האט אונדז געטריבן, און ווו מ'האט אונדזערע זיידעס און באבעס געשמיסן, און די „טומולט־פלעצער", און די ראגאטקעס מיטן „טאג־צעטל". נאר ווען קוכארזשעווסקי וויל די שאטנס רופן צוריק, טרייבן מיר ווארשע — אלץ ווייטער, אויף נייע וועגן.

און אויב קוכארזשעווסקי האט געהערט ווי א ייד פרעגט אויף דער אלטער שטאט:

—ווי טייער איז אן אייל ערד?

האב איך געהערט גויים פרעגן:

— ווו איז דא א קאבארעט? ווו א פריילעך הייזל?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„מיר ווילן ווײלן!